GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט
האלט איך זיך שטארק,
און וועל איהר ניט אפ־
לאזען.

„מיר ווילען, מיר
מוזען זיין גערעכט
אפילו צו די, צו וועל־
כע מען עס גלוסט זיך אונז
צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

VOL. I. No. 39. New York, Friday, October 10, 1919 ,פרייטאג, דער 10טער אקטאבער PRICE 3 CENTS

ערשטע צוויי זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד א. ל. ג. װ. י. אין באפאלא.

בעת די צײלען װערען געשריבען, האט שוין דער דזשענעראל עקז. באארד אפגעהאלטען זיינע ערשטע צוויי מיטינגען, אויף װעלכע ב. שלעזינגער, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, אב. באראף, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל, און די װייס־פרעזידענטען, מאריס זיגמאן, לעפקאװיטש, סקולמאן, פערלשטיין און אמדור האבען דערצעהלט די װירקליך װאונדערליכע געשיכטע פון די לעצטע עטליכע מאנאטען אין דעם לעבען פון דער אינטערנעשאנאל.

אלע רעפארטען װעלען פארעפענטליכט װערען אין די קומענדע נומערן פון „גערעכטיגקייט". דא װילען מיר נאר זאגען, אז כאטש יעדער רעפארט איז געשריבען אין די אייגענע װערטער, דאך פון יעדען װארט שלאגט א קװאל פון לעבען און ענערגיע און א טיעפער אריינדרינגען אין די פראבלעמען פון דער אינטערנעשאנאל בפרט און פון דער ארבייטער־באװעגונג בכלל.

יעדער רעפארט ענטהאלט אלעס, װאס איז אויפגעטאן געװארען, און פון דאס אויפגעטאנענע װערען געצויגען שליסע און עס װערען געמאכט רעקאמענדײשאנס פאר װייטערע טעטיגקייט.

דערװייל איז נאך דאס פארלעזען פון די רעפארטען פון די װייס־פרעזידענטען, יעדער אויף זיין פעלד פון טעטיגקייט, ניט געענדיגט. אבער מען ערװארט, אז אין דער נעקסטער זיצונג װעט די ארבייט זיין געענדיגט, און מען װעט צוטרעטען צו דער דיסקוסיאן איבער די פארשיעדענע פראגען, װאס זיינען דורך די רעפארטען אויפגעהויבען געװארען.

א העכסט אינטערעסאנטען רעפארט האט אפגעגעבען ב. שלעזינגער. ער האט געגעבען א זעהר אינטערעסאנטען איבערבליק איבער אלץ, װאס איז אויפגעטאן געװארען פון דער אינטערנעשאנאל. ער האט דערצעהלט פון די קעמפפע און זיעגע אין ניו יארק, באסטאן, באלטימאר, קליװלאנד און שיקאגא. אויף די שטעדט האט ער זיך ניט אפגעשטעלט זעהר לאנג, איינפאך דערפאר, װייל די דאזיגע אלע אויסטואונגען זיינען מעהר אדער װעניגער באקאנט.

ער האט זיך אבער לענגער אפגעשטעלט אויף זיין רייזע צום פאסיפיק קאוסט, אויף דער לאגע פון די לאקאלס אין לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא און סיאטעל, און האט אנגעװיזען װאס פאר א ברייט פעלד פון גרויסער טעטיגקייט עס עפענט זיך פאר דער אינטערנעשאנאל סיי אין די דריי דערמאנטע שטעדט און סיי אין פיעלע אנדערע שטעדט אויף דעם פאסיפיק קאוסט.

ער האט מיט אמת'ער באגייסטערונג, כמעט פאעטיש, געשילדערט די לאגע פון די דארטיגע ארבייטער. ער האט דערצעהלט אויף א זעהר אינטערעסאנטען אופן װעגען דעם סטרייק פון די ארבייטער אין סיאטעל, און װי ער איז געסעטעלט געװארען. ער האט מיט אייניגע שטריכען קלאר געמאכט דעם גרויסען איינפלוס, װאס די אינטערנעשאנאל האט דארט, און ניט נאר צװישען די ארבייטער, נאר אויך צװישען די מאנופעקטשורערס, און עס איז אויסגעקומען, אז די פערספעקטיװען פאר די װייטערע טעטיגקייט אויף דער פאסיפיק קאוסט זיינען װירקליך גלענצענדע. עס ליגט א פעלד פון אמת גוטער שװארצער ערד, און װארט נאר אויף דעם, װאס זאל איהם באפרוכטען דורך זיין פלייס און ענערגישער ארבייט.

װאס די אינטערנעשאנאל װעט טאן אין דער הינזיכט, װי אויך דער גאנצער רעפארט גופא פון דעם פרעזידענט, אויף דעם װעלען מוזען אונזערע לעזער און די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיך אביסעל געדולדען און װארטען ביז נעקסטען נומער.

דער סעקרעטער־טרעזשורער האט זיין רעפארט געבראכט א פארטיג־אנגעשריבענעם. דער רעפארט זאגט עדות פון דער גרויסער פלייסיגקייט פון סעקרעטער, כאטש ער איז בלויז א קורצער, זייט ער איז צו זיך געקומען פון זיין ערנסטער קראנקהייט, װעלכע האט זיך גראדע אנגעפאנגען אויף דעם פאריגען פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקז. ב. אין פילאדעלפיא.

אבער דער רעפארט טראגט אויף זיך ניט בלויז סמנים פון פלייסיגקייט, נאר אויך פון א טיעפען אריינטראכטען זיך

(שלוס אויף זייטע 4)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 39.

זייט 2. די װאך — נ. בוכװאלד.
זייט 3. א װארט צו די ריפער מאכער װעגען בילדונג און אנדערע זאכען — דזש. העללער.
זייט 4. פראגען און פאסירונגען אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1 — פ. קאטלער. ערשטע צוויי זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד — שלוס פון זייט 1.
זייט 5. װיכטיגע פאסירונגען אין דער רייניקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20 — ס. פריעדמאן. קלאוק שאפ קאלעקשאנס פאר'ן 100 טויזענט דאלאר פאנד — פיליפ קאפלאװיטש.
זייט 6. א סטרייק פון קארסעטען ארבייטער אין ניו יארק; דער זיעג פון די לײדיס טיילארס װערט אלץ גרעסער. אויס'ן מיטינג פון לאקאל 25 — י. שענהאלץ.
זייט 7. דער קעניג קומט! דר. ק. לעא. ברייזלאך פון פילאדעלפיא — א. קראפעװע.
זייט 8. א געיעג נאך ליעבע (ראמאן) — פאלינא װאלמי.
זייט 9. ראמאן. ברייזלאך צום רעדאקטאר.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. דער רענט יקרות און די לאנד ספעקולאציע — א. װעלדין.
זייט 12. אין דער טעאטער װעלט — דער קריטיקער. איך — דער אלטמאדישער (פעליעטאן) — א. װאהלינער.
זייט 13. א באזוך אויפ'ן שלאכטפעלד פון די שטאהל סטרייקער — ה. לאנג.
זייט 14. פון אומגליקליכע פריינדשאפט (סקיצע) — לעאן קוסמאן. ליעדער — מ. סילװערמאן.
זייט 15. דער זעקס שטונדען ארבייטס טאג — דזשוליעט סטוארט פוינטץ.
זייט 16. די פרויען־װעלט — ראזע בעדריק־בלינדער. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אדװערטייזמענטס.
זייט 20. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעף רעפארטער.

פארבעדייטונגס ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל קאמיטע

לעצטען מאנטאג אװענט איז אפגעהאלטען געװארען דער קאנפערענץ פון פארטרעטער פון די באזונדערע עדיוקײשאנאל קאמיטעס פון אונזערע ניו יארקער לאקאל יוניאנס. דער קאנפערענץ איז איינגערופען געװארען פון דער אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל קאמיטע און איז אפגעהאלטען געװארען אין דער גרויסער קאונסיל רום פון אונזער אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקװער.

דער קאנפערענץ איז געעפענט געװארען פון אונזער װייס פרעזידענטין, שװעסטער פאניא מ. כאהן. זי האט אין א קורצער רעדע ערקלערט דעם צװעק פון דער צוזאמענקונפט, נעמליך, זיך צוזאמענצורעדען און זיך צו פארשטענדיגען מיט די אלע לאקאל עדיוקײשאנאל קאמיטעס, אום די אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל ארבייט פאר דעם קומענדען סיזאן זאל זיין װאס ערפאלגרייכער.

שװעסטער כאהן האט דאן פארגעשטעלט פאר'ן עולם דר. פרידלאנד, דער אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל דירעקטאר.

דר. פרידלאנד האט באגריסט די אנװעזענדע און דערביי געהאלטען א גאנץ אינטערעסאנטע באלערנענדע רעדע װעגען ערציהונג בכלל און װעגען זיינע פלענער פאר דער עדיוקײשאנאל ארבייט אין אונזער אינטערנעשאנאל בפרט. ער האט דאן אויפגעפאדערט די אנװעזענדע דעלעגאטען, אויסצודריקען מיינונגען און מאכען פארשלעגע אין באצוג דער ארבייט.

אייניגע פארטרעטער פון די קאמיטעס האבען אויסגעדריקט זייער באדויערען, װאס פון אזוי פיעל טויזענדע מיטגליעדער װאס מיר האבען אין ניו יארק קומט פארהעלטניסמעסיג א גאנץ קליינער פראצענט צו די לעקטשורס און אין די קלאסען װאס װערען ארגאנזשירט. אלע האבען איינגעשטימט אז דאס איז זעהר פארדריסליך און די אנװעזענדע האבען זיך פארפליכטעט צו װירקען צװישען די מיטגלידער פון זייערע לאקאלס, אז װאס מעהר מענשען זאלען זיך רעדזשיסטרירען אין די קלאסען און לעקטשור קורסען פון דעם קומענדען סיזאן.

עס זיינען נאך דיסקוטירט געװארען אייניגע אנדערע פראגען.

אין דעם זין פון פראקטישער ארבייט האט דער קאנפערענץ אויפגעטאן דאס, װאס עס איז באשלאסען, אז דער קאנפערענץ ארגאניזירט זיך אין באשטענדיגער ארגאניזאציע, צו ארבייטען הארמאניש און געמיינשאפטליך מיט דער אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל קאמיטע. דער פארבאנד װעט באשטעהן פון דריי פארטרעטער פון יעדער לאקאל עדיוקײשאנאל קאמיטע און ער װעט אפהאלטען מיטינגען אזוי אפט װי דאס װעט נויטיג זיין. א חוץ דעם זאל דער קאנפערענץ אויסװעהלען אן עקזעקוטיװ קאמיטע און דיזע קאמיטע זאל זיין אין שטענדיגער באריהרונג מיט דעם אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל דעפארטמענט און באריכטען צו די מיטינגען פון'ם דזשאינט קאנפערענץ װעגען אלע פלענער און טעטיגקייטען.

דאס מיינט אלזא, אז פון איצט אן װעלען א גרעסערע צאהל מענשען זיין דירעקט פאראינטערעסירט מיט דער אינטערנעשאנאל עדיוקײשאנאל ארבייט און דער רעזולטאט דערפון װעט האפענטליך זיין, אז א גרעסערער צאהל מיטגלידער װעלען זיך דעם נעקסטען סיזאן באטייליגען אין די קלאסען און לעקטשור־קורסען.

מיר מאכען אויפמערקזאם די מיטגלידער פון אלע ניו יארקער לאקאלס, דאס מען קאן שוין זיך רעדזשיסטרירען פאר די קלאסען און לעקטשור־קורסען, אין די לאקאל אפיסעס פון די יוניאנס. די קלאסען װעלען זיך עפענען גלייך נאך יום טוב און אום מען זאל קאנען בעסער איינשטעללען די קלאסען איז װינשענסװערט די מיטגלידער זאלען זיך װאס פריהער רעדזשיסטרירען.

שװעסטער און ברידער! באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט װאס די אינטערנעשאנאל גיט אייך צו לערנען, זיך צו ענטװיקלען. דאס װעט אייך זעהר צוניץ קומען פאר'ן גאנצען לעבען.

גענאסע אב. קאהאן צוריק פון אייראפא

דעם דאנערשטאג אין דער פריה, איז דער רעדאקטאר פון „פארװערטס", גענ. אב. קאהאן, צוריקגעקומען פון זיין רייזע איבער דער פארװיסטער אייראפא, מיט דער שיף „לא פראנס". אויפ'ן פיער װאו די שיף איז אנגעקומען האבען געװארט פאר איהם פיעלע דעלעגאציעס פון יוניאנס, פארטיי־ארגאניזאציעס, פון ארבייטער רינג און א סך פערזענליכע פריינד. אלע האבען געװארט מיט בלומען־בוקעטען און גענאסע קאהאן האט באקומען א זעהר װארימע אויפנאהמע.

דער אפיציעלער קבלת פנים, װאס אונזער אידישע ארבייטער באװעגונג גיט דעם רעדאקטאר פון „פארװערטס", װעט פארקומען דעם שבת ביינאכט, דעם 11טען אקטאבער, אין קארנעגי האל. אין דעם קבלת פנים באטייליגען זיך אלע אידישע יוניאנס, און ראדיקאלע ארגאניזאציאנען פון ניו יארק. אונזערע אינטערנעשאנאל לאקאלס אריינגערעכנט. גענאסע קאהאן װעט דארט איבערגעבען זיינע איינדריקע פון זיין מערקװירדיגער רייזע, איבער דער פארװיסטעטער אייראפא, אונטער אזעלכע אויסערגעװעהנליכע אומשטענדען.

ביי דער געלעגענהייט װעט אין קארנעגיע האל אויך געגעבען װערען א פאסענדער קאנצערט.

די גאנצע איינגאהמע פון דעם אװענד געהט פאר'ן פיפעלס רעליעף, פאר די אידישע מלחמה קרבנות.

אין נאמען פון אונזער גאנצער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן באגריסען מיר הערצליך דעם גרויסען גאסט. מיר װינשען גענ. אב. קאהאן נאך פיעלע, פיעלע יאהרען פון לעבען און טעטיגקייט פאר דער אידישער ארבייטער באװעגונג אין אמעריקא, און פאר דעם אומגליקליכען אידישען פאלק בכלל. מיר האפען, דאס גענ. קאהאן װעט איצט, מיט באנייטע כחות, זיך אריינװארפען אין דעם גרויסען ארבייטער־קאמפף, פאר א שענער און בעסער לעבען פון די ארבייטער־מאסען און װעט װייטער קעמפפען צו באפרייען די װעלט פון אויסבייטונג, אונטערדריקונג און פון יעדען סארט שקלאפעריי.

ברוך הבא, גענאסע און ברודער אב. קאהאן!

דער קאמף און זיעג פון די לײדיס טיילארס יוניאן אין באסטאן

פון דזשייקאב װהיים.

די לײדיס טיילארס יוניאן פון באסטאן לאקאל 36, פון אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן, האט שוין הינטער זיך א שטיקעל געשיכטע.

נאך אין דעם יאהר 1913, האט די יוניאן אנגעפיהרט א סטרייק פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאג און נאך אנדערע פארדערונגען. דער סטרייק איז יעמאלט געװאונען געװארען.

אבער א שטיקעל צייט נאכדעם װי די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקעהרט ארבייטען, האט די באסעס אסאסיאײשאן אויסגעשפיעלט א טריק, זיי האבען געבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן און אויסגעשלאסען די ארבייטער. עס איז שוין געװען ביים ענדע פון סיזאן און די יוניאן האט זיך געפונען אין א שלעכטער פארלעגענהייט. דער רעזולטאט איז געװען, דאס די אקטיװע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען אװעקגעשטעלט געװארען אויף דער „שװארצער ליסט" און זיי האבען איינפאך געמוזט פארלאזען דעם טרייד. די װעניגער אקטיװע מיטגלידער זיינען געװען געצװאונגען אנצונעמען ארבייטען אונטער ניט יוניאן צושטאנדען און דאס האט געפיהרט צו דעם, דאס די יוניאן איז אין גאנצען צופאלען געװארען. דיזער צושטאנד האט אנגעהאלטען כמעט ביז דעם מאנאט יאנואר פון 1919. ערשט דעמאלט האט זיך די לײדיס טיילארס יוניאן אין באסטאן אנגעפאנגען רעארגאניזירען.

עס האט פאסירט אויפ'ן פאלגענדען אופן,

די ניו יארקער לײדיס טיילאר פירמע היקסאן האט אויך א שאפ אין באסטאן, און ברודער מאנגאװיטא, דער ביזנעס אידזשענט פון לאקאל 80, איז געקומען אין באסטאן אויסגעפינען צו אין יענעם שאפ װערט ניט געמאכט ניו יארקער ארבייט. און ארויסגעװיזען האט זיך, דאס ניו יארקער ארבייט איז טאקע װירקליך אין יענעם שאפ געמאכט געװארען. אין דעם ניו יארקער שאפ פון דער פירמע איז דעמאלט געװען טראבעל. די ארבייטער פון דעם באסטאנער שאפ זיינען גערופען געװארען צו א שאפ מיטינג און מען האט זיי באװיזען אז זיי מאכען איינפאך סקעב־ארבייט.

דאס האט געמאכט אויף די ארבייטער א שטארקען איינדרוק און זיי האבען באשלאסען ניט צו סקעבען געגען זייערע ברידער אין ניו יארק, װעלכע האבען געארבייט פאר דער זעלבער פירמע, און דעם נעקסטען פריהמארגען זיינען זיי ניט געגאנגען צו דער ארבייט. דער סוף איז געװען, דאס די ארבייטער פון היקסאן'ס שאפ אין באסטאן זיינען געשטאנען איבער צװיי װאכען צייט אין סטרייק, ביז דער סטרייק געגען דער פירמע אין דעם ניו יארקער שאפ איז געסעטעלט געװארען.

דער סטרייק אין דעם באסטאנער שאפ האט אבער נאך אנגעהאלטען. װען ברודער מאנגאװיטא איז צוריקגעפאהרען אין ניו יארק האט ער פארשפראכען, דאס לאקאל 80 װעט שיקען פינאנציעלע הילף װייטער אנצופיהרען דעם סטרייק אין באסטאן. אבער יענע הילף איז לײדער ניט געקומען און די ארבייטער האבען דעם סטרייק געגען דער פירמע פארלארען. װי עס שיינט, האט לאקאל 80 אזוי שנעל װי עס איז געװאונען געװארען דער סטרייק געגען דער פירמע אין דעם ניו יארקער שאפ, זיך אין גאנצען פארגעסען אן די ארבייטער פון דעם באסטאנער שאפ, װעלכע האבען זיי געהאלפען דעם סטרייק געװינען.

דער סטרייק אין היקסאן'ס באסטאנער שאפ, כאטש ער איז דעמאלט פארלארען געװארען, האט אבער געהאט א גוטע װירקונג אויף די ארבייטער אין דעם טרייד. עס האט זיך גענומען פיהלען, אז מען דארף האבען אן ארגאניזאציאן, דאס מען דארף װידער אויפלעבען דעם לאקאל 36, װעלכער האט נאך דעמאלט עקזיסטירט בלויז אויפ'ן פאפיר. מאנכע פון די מעהר קלאסען־באװוסטע ארבייטער אין דעם פאך, די אלטע מיטגלידער פון דעם איצטיגען לאקאל, זיינען װידער אקטיװ געװארען. די ברידער סוסעװערינא, האמבורג, ענטין און נאך אנדערע אזעלכע האבען זיך װידער אריינגעװארפען אין דער באװעגונג מיט לייב און לעבען און עס האט זיך אנגעהויבען, מיט מיין הילף, א נייע יוניאן־ארגאניזאציאנס טעטיגקייט. מיר האבען גענומען רופען שאפ נאך שאפ צו מיטינגען און װעקען דעם עולם, זיי רופען צוריק אין דער יוניאן.

מיר האבען דאן צוריקגעקראגען דעם טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל און אנגעפאנגען א ברייטערע קאמפיין אריינצוקריגען מעהר מיטגלידער אין דער יוניאן. היינט צו־טאג באשטעהט אונזער לאקאל פון איבער 200 מיטגלידער, װאס דאס מיינט ביי אונז אין שטאדט אז מיר קאנטראלירען דעם טרייד פולע 100 פראצענט.

אונטער דיזע אומשטענדען האט זיך גלייך אנגעפאנגען א פראפאגאנדע פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, און מיר האבען אונזערע פאדערונגען ארויסגעשיקט צו די בעלי בתים.

דאס איז געװען מיט אייניגע װאכען צוריק, מען האט די בעלי בתים געגעבען א פאר װאכען צייט צו ענטפערען. זיי האבען אבער ניט געענטפערט און דעם 10טען סעפטעמבער, מיט דער צושטימונג פון סעקרעטער באראף, װעלכער איז יעמאלט גראדע געװען אין באסטאן, האבען מיר ערקלעהרט א גענעראל סטרייק.

דער רוף פון דער יוניאן איז פאלשטענדיג געהערט געװארען און א ל ע ארבייטער אין טרייד האבען אפגעשטעלט. די בעלי בתים האבען שוין גלייך פארשטאנען װאס דאס מיינט און עס האט באלד אנגעפאנגען שטראמען אין דער יוניאן אפליקײשאנס פאר סעטלמענטס.

באלד האבען אבער די בעלי בתים אונז געלאזען װיסען, אז זיי האבען זיך פארמירט אין אן אסאסיאײשאן און אויסגעפינענדיג, אז אין דער אסאסיאײשאן באלאנגען מאנכע פון די גרעסטע הייזער אין טרייד האבען מיר איינגעװיליגט צו געהן צו א קאנפערענץ. פון דעם ערשטען קאנפערענץ האט זיך אבער גאר ניט אויסגעלאזט. עס האט אויסגעװיזען, װי ביידע צדדים האלטען זיך צוזאמענגעקומען בלויז זיך צו טעסטען די כחות... דאך אבער זיינען נאכדעם אפגעהאלטען געװארען א רייהע קאנפערענצען און אן אגרימענט איז דאך געשלאסען געװארען.

די הויפט פונקטען פון דעם אגרימענט זיינען:

1. אנערקענונג פון דער יוניאן.
2. װאך־ארבייט.
3. א 44־שטונדיגע ארבייטס װאך.
4. געזעצליכע יום טובים און טיים און א האלב פאר אװערטיים ארבייט.
5. גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט

און א קלאוזד יוניאן שאפ, און נאך אנדערע פונקטען.

דער אגרימענט איז פון די סטרייקער אנגענומען געװארען אויף א ספעציעל מעמבער מיטינג, מיט גרויס באגייסטערונג. דער גרעסטער ענטוזיאזם װאס מען קאן זיך נאר פארשטעלען האט געהערשט אויף יענעם מיטינג און די ארבייטער האבען דאן איינפאך געשװארען, מעהר ניט צו לאזען פאלען די יוניאן אונטער קיינע אומשטענדען. מען קען זאגען, דאס נאך שוין מעהר אין מיין לעבען האב איך אזוי גוט געזעהען, װי אויף יענעם מיטינג. דאס זעלבע אויך מיט אונזערע אקטיװע מעמבערס, װעלכע זיינען גלייך צוגעשטאנען מיר צו העלפען אין דער ארבייט דעם לאקאל װידער צו ארגאניזירען. װארים איהר דארפט װיסען, דאס װען מיר האבען די ארבייט אנגעפאנגען צו ארגאניזירען זיינען געװען גענוג מענשען װאס האבען אונז שװער געמאכט דאס הארץ, װעלכע האבען גע'טענה'ט, אז מיר פטור'ען בלויז צייט און אז עס װעט דערפון „סיי־װי גאר ניט ארויסקומען". דאס „אנדערע האבען שוין בעפאהר מיר געמריימט" און עס איז גאר ניט געװארען דערפון. אונזער ארבייט איז אבער טראץ דעם אלעם געקרוינט געװארען מיט ערפאלג. מיר האבען געהאט א גרויסען, באדייטענדען זיעג.

קרעדיט פאר דעם זיעג קומט אויך דעם לאיער פון אונזער יוניאן, מר. דזשאזעף ביערמאן, װעלכער האט אונז גאר פיעל מיטגעהאלפען. ער האט אונז געהאלפען ניט בלויז אלס לאיער, ער האט װירקליך ארויסגעװיזען פיעל ליעבע אין דער ארבייט, העלפענדיג די ארבייטער בויען זייער ארגאניזאציאן.

די באאמטע פון דעם לאקאל דאנקען איצט אלעמען, װעלכע האבען געהאלפען די יוניאן אין צייט פון נויט, װעלכע האבען געהאלפען די יוניאן קומען צו זיך, װידער שטעלען זיך אויף די אייגענע פיס, און זיי האפען אין דער צוקונפט אלעמען אפצודינען, פאר דער הילף און סימפאטיע װאס די לײדיס טיילארס יוניאן לאקאל 36 האט פון זיי באקומען.

דזש. װהיים,
ארגאנייזער לאקאל 36.

א סטרייק פון לײדיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער אין פעטערסאן

די לײדיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער פון פעטערסאן, ניו דזשוירזי, זיינען לעצטען מיטװאך, דעם 30סטען סעפטעמבער, ארויס אין סטרייק פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען. די סטרייקער זיינען מיטגלידער פון אונזער נייעם לאקאל 123, װעלכער איז דארט ניט לאנג צוריק ארגאניזירט געװארען.

דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען אויפ'ן פאלגענדען אופן:

די ארבייטער, דורך זייער לאקאל יוניאן, האבען געשטעלט פאדערונגען פאר קירצערע שטונדען און העכערע שכירות, און דאס האט די בעלי בתים זייערע גאר ניט געשמעקט. אלס רעזולטאט דערפון האבען צװיי פירמען אויסגעשלאסען זייערע ארבייטער און די יוניאן האט געענטפערט מיט א גענעראל סטרייק פון אלע ארבייטער פון דעם פאך אין פעטערסאן. קיין סך ארבייטער זיינען דארט אין דעם פאך ניטא, אבער װיפיעל עס זיינען דא, זיינען אלע ארויסגעגאנגען אויף דעם רוף פון זייער יוניאן.

דער סטרייק װערט געפיהרט און געלייטעט פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער, ברודער א. סניידער, װעלכער געפינט זיך איצט אין פעטערסאן.

דער סטרייק האט דעם פולען ענדארסמענט פון דעם טריידס און לייבאר קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אװ לייבאר אין פעטערסאן. די באאמטע פון די פעדערײשאן יוניאנס זיינען פאראינטערעסירט אין דעם סטרייק און װעלען איהם העלפען, מיט װאס עס װעט נאר נויטיג זיין.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס דער סטרייק האט אויך די סימפאטי פון דער גאנצער ארבייטער באפעלקערונג אין פעטערסאן.

װיכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר װילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט װי פון די קאנטריס, דאס די באריכטען װעגען דער טעטיגקייטען אין זייערע לאקאלס, װאס זיי װילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער װי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף אדװערטייזמענטס און בריעף־שרייבער.

דער פערטעל יעהרליכער מיטינג

פון דער

דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד

אינטערנעשיאנעל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן.

װעט אפגעהאלטען װערען

נעקסטע װאך אין באפאלא, ניו יארק, האטעל סטאטלער

דער מיטינג װעט ערעפענט װערען מאנטאג, דעם 6טען אקטאבער, און װעט אנהאלטען ביז ענדע װאך.

לאקאלס װאס האבען פארלאנגען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיװ באאר, זאלען זיך װענדען שריפטליך אדער דורך קאמיטעס אין האטעל סטאטלער, באפאלא.

קאמיטעס װעלען אויפגענומען װערען דינסטאג און מיטװאך, דעם 7טען און 8טען אקטאבער.

אב. באראף, דזשענעראל סעק.־טרעזש.

די וואך

פון נ. בוכוואלד.

נאציאנאלע אינדוסטריעלע קאנפערענץ.

לעצטען מאנטאג האט זיך אין וואשינגטאן אנגעפאנגען די נאציאנאלע אינדוסטריעלע קאנפערענץ, וואס פרעזידענט ווילסאן האט איינבערופען אום איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען שלום צווישען קאפיטאל און ארבייט. די מיטגלידערשאפט פון דער קאנפערענץ באשטעהט פון פארשטעהער פון קאפיטאל, ארבייט און דעם „פובליקום". געוועהנליך, אין אזעלכע פעלע זיינען די פארשטעהער פון פובליקום נייטראלע מענשען, מיט פארטיגע בליקען און מיינונגען איבער דער באטרעפענדער פראגע. אבער פרעזידענט ווילסאן האט איינגעזעהען, אז אין אזא פראגע ווי די באציהונגען צווישען קאפיטאל און ארבייט קענען געזעלשאפטליכע טהוער ניט האבען קיין פארעווע בליקען. ער האט דאריבער אויסגעקליבען די פארשטעהער פון פובליקום אזוי, אז זיי זאלען אפשפיגלען אלע מיינונגען און בליקען איבער די פונדאמענטאלע אינדוסטריעלע פראגען. אויף וויפיעל די ראדיקאלע און קאנסערוואטיווע אנשויאונגען זיינען פראפארציאנעל פארטראטען פון די פארשטעהער פון פובליקום, איז שווער צו אורטיילען, ווייל מעהרסטע נעמען פון די דאזיגע פארשטעהער זיינען גאנץ נייע און זאגען גארנישט. עס קלינגט אבער ווי א ציניש ווערטעל ווען מיר זעהען אז גערי, טאטע דער גערי פון דעם שטאהל-טראסט, און דזשאהן ד. ראקעפעלער זיינען צווישען די פארשטעהער פון פובליקום.

מען ציינט אן אויף דעם, וואס אויך די ראדיקאלע עלעמענטען אין לאנד זיינען פארטראטען דורך אזעלכע פראמינענטע פערזענליכקייטען ווי דזשאהן ספארגא און טשארלס עדווארד ראסעל. אבער אלע ווייסען, אז די דאזיגע צוויי געוועזענע סאציאליסטען האבען ניט קיין נאכפאלגערשאפט און אז זיי רעפרעזענטירען אייגענטליך קיינעם ניט.

אין די ארבייטער קרייזען, אפילו ווי מען גלויבט יא אז די וואשינגטאנער קאנפערענץ קען עפעס וויכטיגעס אויסטאן, איז מען ענטוישט פון דעם פערסאנאל פון דער פארטרעטערשאפט פון „פובליקום", און דער פאקט, וואס די קאפיטאליסטישע פרעסע איז זעהר און זעהר צופרידען מיט דער דאזיגער פארטרעטערשאפט איז אן אינדירעקטער באוויז, אז קאפיטאל איז אויף דער קאנפערענץ כמעט דאפעלט פארטראטען.

די פרעסע, צי אויס גרויס לייכטזיניגקייט און גלויביגקייט, צי אויס דער איבערצייגונג אז דער עולם איז לייכטזיניג און גלויביג, האט אויפגעבלאזען די קאנפערענץ אלס א צו וויכטיגע ערשיינונג אין אמעריקא, אלס דעם אנזאגער פון א נייער אינדוסטריעלער עפאכע אין לאנד. אייניגע צייטונגס-לייט, אלען וואהיים פון דער „איווינינג פאסט", למשל, איז אוועק נאך ווייטער און האט ערקלערט, אז דאס וועט זיין א מין ניט-אפיציעלער פארלאמענט אין אמעריקא, וועלכער וועט זיין פיעל שטארקער און מעכטיגער איידער דער אפיציעלער קאנגרעס אין וואשינגטאן. „עס ווערט ערווארטעט, שרייבט מר. וואהיים, אז דער אינדוסטריעלער קאנפערענץ וועט פעסטשטעלען די באציהונגען צווישען ארבייט-געבער און ארבייטער, וואס וועלען ארויסנעהמען דעם קאנטראל איבער די אינדוסטריען פון די הענד פון קאנגרעס. אין אייראפא רופט מען אזעלכע איינריכטונגען — סאוועטען. עס איז דא א שטארקער געפיהל, אז אויב די קאנפערענץ זאל בלייבען א שטענדיגע... וועלען מיר האבען א שטענדיגע געזעצגעבענדע קערפערשאפט... א קערפערשאפט וואס וועט ניט זיין פאראנטווארטליך צו דעם אמעריקאנער בירגער וואס האט ניט קיין אינדוסטריעלען דזשאב און צו וועלכער עס וועלען דאך אנפערטרויעט ווערען די וויכטיגסטע נאציאנאלע אנגעלעגענהייטען — די אינדוסטריעלע אנגעלעגענהייטען".

אויף וויפיעל די דאזיגע נבואה וועט מקוים ווערען בלייבט צו זעהן. דערווייל איז די שטימונג אויף דער קאנפערענץ א געשפאנטע. די פארשטעהער פון קאפיטאל און ארבייט זיינען נאך דערווייל ניט זעהר פריינדליך און אינטים איינע מיט די אנדערע. די אייזענבאהן ארבייטער האבען פון אנפאנג גארניט געוואלט אנטייל נעהמען אין דעם קאנפערענץ און האבען נאר אין דער לעצטער מינוט באשלאסען צו שיקען זייערע פארשטעהער. אללען וואהיים אליין, כאטש ער איז אזוי האפנונגספול איבער דעם קאנפערענץ, גיט צו אז די וויכטיגסטע פראגע און די שווערסטע צו לעזען וועט זיין די פראגע פון דער אנערקענונג פון ארבייטער יוניאנס. און עס קוקט אויס, אז אפילו דאס וועלען די ארבייטער ניט געווינען אויף דער קאנפערענץ.

אט וואס דער קארעספאנדענט פון דער „איווינינג פאסט" שרייבט:

„דער שריט פון דער „קאמיטע אוו רולס" וואס מאכט א מאיאריטעט אקציאן מעגליך נישט קוקענדיג אויף די פראטעסטען פון א מינאריטעט, האט, ווי עס שיינט, אונטערגעשריבען דעם טויט-אורטייל פון די טרייד-יוניאנס אויף דער דאזיגער פארזאמלונג.

„די פינף ארבייטער מיטגלידער פון דער קאמיטע פון פופצעהן זיינען, נאטירליך, פאר דעם קלאוזד שאפ. מיסס ליליאן וואלד און טשארלס עדווארד ראסעל פון דער „פאבליק" גרופע זיינען פאר דעם קלאוזד שאפ. דאס מאכט זיבען. די פינף פון די ארבייטסגעבערס גרופע זיינען פאר דעם אפען שאפ און הערבערט ענדיקאט, לאנגדאן און טשעבוירן פון דער „פאבליק" גרופע זיינען אדער אינגאנצען קעגען יוניאנס אדער פאר דעם אפען שאפ.

„דאס מאכט די קאמיטע וואו יעדער געזעץ-פראיעקט וועט מוזען רעקאמענדירט ווערען, זיבען פאר יוניאנס און קלאוזד שאפ און אכט קעגען יוניאנס און פאר אפען שאפ. אונטער די אומשטענדען איז דאס בעסטע וואס די יוניאנס קענען ערווארטען — דער פרעפערענשיאל יוניאן שאפ...

„זיי, די יוניאן-פיהרער" האפען צו ברענגען דעם קאמף אויף דעם פלאר פון דער קאנווענשאן און געווינען א מאיאריטעט פון דער „פאבליק" גרופע אויף זייער זייט...

„אבער צווישען די פארשטעהער פון פובליקום זיינען פאראן שטארקע געגנער פון טרייד-יוניאנס, וועמען ווילסאן האט אפאינטעד, ווי דזשאדזש גערי, דזשאהן ד. ראקעפעלער און דר. טשארלס עליאט. פארלויפיג איז די לאגע זעהר ניט גינסטיג פאר טרייד-יוניאניזם אויף דער דאזיגער קאנפערענץ".

אז די קאפיטאליסטישע פארשטעהער וועלען קעמפען געגען דעם דאזיגען פרינציפ איז קיין חידוש ניט, אבער מיר זעהען אז אויך פארשטעהער פון „פובליקום" זיינען ווייט ניט גענייגט צו אנערקענען די רעכט פון די יוניאנס צו רעפרעזענטירען די ארבייטער און רופען סטרייקס.

עס וועלען מסתמא פארגעשלאגען ווערען פארשידענע פלענער אלס סאבסטיטוטס פאר טרייד-יוניאניזם. דר. עליאט איז פארליעבט אין זיין פראפיט-שערינג סיסטעם אהן דער אנערקענונג פון די יוניאנס און ער וועט דעם דאזיגען פלאן „פושען" מיט דער הילף פון פיעלע קאפיטאליסטישע פארשטעהער. דער „וואיטלי פלאן", וואס ווערט אויספראבירט אין ענגלאנד, און וועלכער שלאגט פאר אינדוסטריעלע פארלאמענטען פאר יעדער אינדוסטריע מיט א גלייכער פארטרעטערשאפט פאר ארבייטער און ארבייטגעבער, אלס די ענטשיידענדע קערפערשאפטען וועמעס באשלוסען זאלען זיין בינדענד אי פאר די ארבייטער אי פאר די בעלי הבתים — דער דאזיגער פלאן האט אויך פיעלע אנהענגער אויף דעם קאנפערענץ, צווישען זיי דער „ראדיקאלער" פארשטעהער פון פובליקום עקס-גענאסע טשארלס עדווארד ראסעל.

עס ווערען פארגעשלאגען פארשידענע אנדערע פלענער, אייניגע אינטערעסאנטע, אנדערע לעבערליכע און פאנטאסטישע. דער „דע מוטה" פלאן שלאגט פאר אז די רעגירונגס-מאשינערי פון די פאראייניגטע שטאאטען זאל קאפירט ווערען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען. אין יעדער פאבריק זאלען די ארבייטער אויסקלייבען צווישען זיך „קאנגרעסלייט" פאר א רעפרעזענטאנטען-הויז, סענאטארען פון צווישען די מענעדזשערס און סופעראינטענדענטס, און א פרעזידענט וועלכער זאל זיין דער הויפט מענעדזשער פון דער פאבריק. די באטרעפענדע רעכט פון די דריי צווייגען פון דער „רעגירונג" זאלען זיין דיזעלבע ווי אין דער פעדעראלע רעגירונג. און אזוי ווי אונזער רעגירונג איז א מוסטער און מהות אויף וואהלטהאט פאר דעם פאלק, קען מען דאס זעלבע ערווארטען פון דער „דע מוטה" רעגירונג.

מיר וועלען דא איבער׳היפען די גרויסארטיגע שעהן-קלינגענדע רעדען פון סעקרעטערי אוו לייבאר, ווילסאן, וועלכער האט געעפענט די קאנפערענץ און פון סעקרעטערי אוו די אינטעריאר, לעין, וועלכער איז פון פרעזידענט באשטימט געווארען אלס טשערמאן פון דעם קאנפערענץ. שעהנע רעד וועלען מסתמא אויף דער קאנפערענץ ניט פעהלען, אבער שוין פון אנפאנג קוקט עס אויס, אז קיין נייע עפאכע אין דעם אינדוסטריעלען לעבען וועט ער ניט אריינברענגען.

לאמיר אבער ניט זיין קיין שווארצע ראבען. לאמיר ווארטען און האפען. לאמיר זעהן און — לערנען.

* * *

גערי׳ס „מאראלע פרינציפען".

מעהר גוואלד-טאטען, מעהר צושפאלטענע קעפ, מעהר טעראר אנגעווענדעט געגען די סטרייקערס און... מעהר סטרייקערס — דאס איז דער קורצער סך הכל פון דעם שטאהל סטרייק פאר דער לעצטער וואך. די לאגע האט זיך וועניג וואס געביטען, כאטש די סטרייקערס האבען זיך באדייטענד פארמעהרט. אבער דאך איז די לעצטע וואך געווען זעהר א וויכטיגע און באלעהרענדע.

די אונטערזוכונגס קאמיטע פון סענאט האט ארויסגעוויזען — מען מוז איהר געבען קרעדיט דערפאר — אז זי איז ניט אזוי איינזייטיג, ווי עס איז געווען דער איינדרוק אין דער ערשטער וואך. ווען גערי איז פארגערופען געווארען פאר דער קאמיטע האבען אייניגע סענאטארען איהם צוגעדריקט צום וואנד און פון איהם ארויסגעקראגען סטייטמענטס, וועלכע זיינען ווירקליך אינטערעסאנט און באדייטונגספול. גערי האט אפילו די קאפיטאליסטישע וועלט ערשטוינט מיט זיין סאציאלער פילאזאפיע און „מאראלע פרינציפען". מען האט זיך קוים געקאנט פארשטעלען אז די פארשימעלטע באגריפען פון אינדוסטריעלע טיראני פון דעם 19טען יאהרהונדערט זאלען האבען אזא הייסען, אזא איינגעשפארטען פארשטעהער היינט-צו-טאג.

ווי בעוואוסט האט גערי אייניגע מאל ערקלערט, אז דער סטרייק ריהרט אן א „מאראלען פרינציפ" פון אינדיווידועלער פרייהייט פון יעדען ארבייטער, וועלכען פרינציפ ער, גערי, קען ניט ארביטרירען. נאטירליך איז גערי אויסען דעם וואויל-זיין פון די ארבייטער און וויל זיי פארטיידיגען פון דער „אונטערדריקונג" פון „פרעמדע" ארבייטער פיהרער.

אויף דעם פארהער האט גערי נאך קלארער געמאכט זיין שטעלונג. מיר וועלען דא איבערגעבען א פאר פראגען און ענטפערס:

סענאטאר קעניאן — אויב עס וועט ניט זיין קיין יוניאניזם, טא ווער וועט רעדען פאר די ארבייטער? ווי קענען איינצעלנע ארבייטער אהן יוניאנס פארלענגען זייערע מיינונגען?

גערי — איינצעלנע ארבייטער אדער קאמיטעס קענען פארלענגען זייערע קריוור דעם פאר די פארליים, די סופעראינטענדענטס, אדער אפילו העכערע באאמטע.

(דער סענאטאר האט ניט געפרעגט גערי׳ן אויב עס איז אמת, אז אין אלע אזעלכע פעלע ווערען די איינצעלנע ארבייטער און קאמיטעס גלייך ענטזאגט פון זייערע שטעלען).

סענאטאר קעניאן — דענקט איהר ניט אז די דאזיגע קאמיטע וואלט באדארפט אונטערזוכען די לאגע אויפ׳ן ארט?

גערי — יא, אויב זיי זאלען קענען מאכען א שטילע אונטערזוכונג. אבער אויב די גאנצע קאמיטע וועט קומען אהין וועלען די ארבייטער שלעכט אויסטייטשען דעם צוועק פון זייער באזוך.

סענאטאר קעניאן — צו וואס זאלען אייערע ארבייטער זיך אנשליסען אין יוניאנס אויב איהר ענטזאגט זיך צו פארהאנדלען מיט זייערע פארשטעהער?

גערי — איז דאס יושר אז די צעהן פראצענט וואס געהערען צו דער יוניאן זאלען דיקטירען באדינגונגען פאר די איבעריגע ניינציג פראצענט?

סענאטאר וואלש — ווען איהר זאלט זיין איבערצייגט, אז מעהר ווי א העלפט פון אייערע ארבייטער זיינען ארגאניזירט און פארטראטען פון די יוניאנס, וואלט איהר דאן אונטערהאנדעלט מיט זיי?

גערי — ניין. עס טוט מיר לייד אויב איך שטים ניט איין מיט אייך אדער אנדערע. די פיהרער פון די יוניאנס האבען ארויסגערופען דעם סטרייק, וואס איז ניט מעהר ווי א פארזוך פון א מינאריטעט צו קריגען קאנטראל איבער די אינטערעסען פון א מאיאריטעט.

סענאטאר וואלש — דאס זאגט איהר. זיי זאגען אבער, אז זיי פארטרעטען א מאיאריטעט. איז דען דא איין גרונד פאר וואס מען זאל די דאזיגע פראגע ניט איבערגעבען צו ארביטריישאן? איך וויל וויסען יא אדער ניין. אויב איהר וועט זיך צוזאמענקומען מיט פארשטעהער פון ארגאניזירטע ארבייטער. ביטע ענטפערט, יא אדער ניין.

גערי — טראָץ מיין גרויסער אכטונג קען איך ניט ענטפערען יא אדער ניין. אויב א מינאריטעט וועט זיך איינגעבען צו קריגען דעם קאנטראל וועט דאס מיינען קלאוזד שאפ. איך צווייפעל אויב איהר שאצט אפ דעם געפאהר פון א מינאריטעט-קאנטראל...

סענאטאר דזשאנס — אויב די יוניאן-פיהרער זאלען ערקלערען אז זייער אבזיכט איז ניט איינצופיהרען דעם קלאוזד שאפ, וואלט איהר מיט זיי פארהאנדעלט וועגען דער איצטיגער לאגע?

גערי — ווען אפילו זיי זאלען מאכען אזא ערקלערונג, וואלט דאס מיך אויך ניט צופרידענגעשטעלט. איך ווייס, אז די דאזיגע פיהרער וואלטען זיך באזייטיגט געווארען און זייערע פלעצער וואלטען פארנומען מענשען וואס וואלטען אנגענומען מיט דער ארבייט פאר א קלאוזד שאפ. איך קען ניט בעשרייבען די לאגע פון דעם שטאנדפונקט וואס מיטגלידער פון דער דאזיגער קאמיטע נעהמען אן. איך קען ניט אין דעם איצטיגען מאמענט רעדען וועגען ארביטריישאן אדער קאמפראמיסען."

די אויבען ציטירטע פראגען און ענטפערס רעדען פאר זיך אליין און עס איז קוים נויטיג צו צוגלידערען גערי׳ס סטייטמענטס און באווייזען ווי ברוטאל, ליגנעריש און ווידערשפרעכענד זיי זיינען. גערי אליין ווייסט אז ער שיט זאמד אין די אויגען, אבער ער איז זיכער אז די פרעסע וועט איהם ארויסהעלפען און ריכטיג אויסטייטשען זיין „מאראלע" שטעלונג אין דעם סטרייק.

די אונטערזוכונגען פון דער סענאט קאמיטע אויף דעם שלאכט-פעלד גופא, אין דעם פיטסבורגער דיסטריקט, וועלען מסתמא ארויסברענגען אינטערעסאנטע זאכען ניט אזוי וועגען דער טעאריע ווי דער פראקטיק פון דעם שטאהל טראסט׳ס אבסאלוטיזם. מיר וועלען ניט פארפעהלען דאס צו באריכטען נעקסטע וואך.

* * *

ראסען ראיאטען פארשפרייטען זיך.

די כוואליע פון ראסען ראיאטען קאטשעט זיך ווייטער און ווייטער. באלד נאך דעם אויסברוך אין אמאהא איז פארגעקומען א פאגראם אויף נעגערען אין אלאבאמא, און מיט א פאר טעג שפעטער האט אויסגעבראכען א וואהרע ראסען מלחמה אין עלעין, ארקאנסא, וואו צוויי נעגערען און פינף ווייסע זיינען געהרג׳עט געווארען, און הונדערטער נעגערען ארעסטירט געווארען. שווארצע און ווייסע סאלדאטען האבען אנטייל גענומען אין די געשלעגען. אין אלע פעלע, וואו די ראיאטען זיינען פארגעקומען, האט מען געמוזט שיקען יונייטעד סטייטס סאלדאטען איינצושטעלען ארדנונג.

וואס די אורזאכען פון די פאגראמען זיינען געווען איז שווער צו זאגען. די ערשיינונג פון באפאלען נעגערען איז געווארען צו אלגעמיין אז מען זאל זי קענען ערקלעהרען דורך לאקאלע אורזאכען. קענטיג אבער, אז עקאנאמישע אורזאכען האבען אין אלע פעלע געשפיעלט א באריר-טענדע ראָל. דאס זאגט, צום ביישפיעל, גענעראל וואוד, אז די א. וו. וו. זיינען שולדיג אין דעם אמאהא אויסברוך, און אז אונזערע ארדנונגס-היטער זאגען א. וו. וו. מיינט עס, אז מען פארפאלגט ארבייטער. די ראסען-מלחמה אין ארקאנסא האט די באציהונגען צווישען ווייסע פארמערס און שווארצע פעלד-ארבייטער אלס א הינטערגרונד. אין די דיסטריקטען וואו דער שטאהל סטרייק קומט פאר האט זיך אויך אנגעקליבען א סך ראסען ברענשטאף, וועלכע קען יעדע מינוט זיך צופלאקערן. דער שטאהל טראסט האט איינגעשמוגעלט הונדערטער נעגערען אלס ספעשעל דעפוטיס און רייצט זיי אויף געגען די ווייסע סטרייקערס. אין אייניגע פעלע זיינען שוין פארגעקומען צוזאמענשטויסען צווישען די שווארצע טראסט-הינט און ווייסע סטרייקערס. אין דעם אלגעמיינעם טומעל פון דעם שטאהל-סטרייק שענקט מען צו די דאזיגע איינצעלהייטען ניט גענוג אויפמערקזאמקייט, אבער בעאבאכטער אויפ׳ן פלאץ זאגען, אז דער טראסט לעגט דעם פונדאמענט פאר א ראסען-מלחמה אין אמעריקא, אין פארגלייך מיט וועלכער די בידאיצטיגע ראיאטען זיינען אומשולדיגע צייט-פארוויילונגען.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Oct. 10, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אייזענבאהן סטרייק אין ענגלאנד געסעטעלט.

א גרויסע כמארע און א קליינער רעגען. דער ריזיגער אייזענבאהן סטרייק אין ענגלאנד האט זיך געענדיגט גאנץ שטיל און פרידליך. די „טריפל אלייענס" האט ניט געמאכט קיין פארזוך אויף א סאציאלער רעוואלוציע און די רעגירונג האט די רעוואלוציע נישט דערשטיקט. איידער די איינצעלהייטען זיינען באקאנט איז שווער צו זאגען ווער איז ארויס דער זיעגער. אז א קאמפראמיס איז געמאכט געווארען גיבען ביידע זייטען צו, אבער די ארבייטער-פיהרער זאגען, אז זיי האבען געוואונען זעהר און זעהר א סך.

„כאטש מיר האבען ניט געוואונען די פארמולע, וואס איז אויסגעדריקט געווארען אין דער סטרייק רעזאלוציע", האט ס. ט. קראמפ, דער פרעזידענט פון דער „נעשיאנאל יוניאן אוו רעילוויימען" געזאגט, „האבען מיר געקראגען באדינגונגען וואס זיינען פונקט אזוי גוט און וואס גיבען די אייזענבאהן ארבייטער אומגעפעהר דאסזעלבע. אונזערע ארבייטער האבען צוגעבראכט דעם רוקען פון דער ערשטער אטאקע, וואס איז געמאכט געווארען אויף דעם גאנצען ארבייטער-קלאס, און עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דער דאזיגער גלענצענדער ווידערשטאנד וועט ראטעווען די ארבייטער פון א ערנידעריגטען סטענדארד פון לעבען".

אן און פאר זיך זיינען די געווינסטען פון די ארבייטער ניט פון א באדייטונגספולען כאראקטער. די ווייזדזש-פראגע איז נאך ניט אינגאנצען געסעטעלט און פארהאנדלונגען געהן נאך אן. די רעגירונג גאראנטירט פאר אלע ארבייטער אויף די אייזענבאהנען א מינימום לוין פון 12.75 דאלער א וואך (די ארבייטער האבען געפאדערט 16.00 דאל.) די רעגירונג פארפליכטעט זיך אויך ניט צו פארקלענערען די איצטיגע וויידזשעס ביז סעפטעמבער 1920.

דער אונטערשיעד צווישען די פאדערונגען פון די ארבייטער און די קאמפראמיס-באדינגונגען זיינען ווירקליך אונבאדייטענד. און די ארבייטער מעגען מיט רעכט זיך באריהמען מיט א זיעג. אין דער ענגלישער פרעסע דעבאטירט מען איצט די פראגע פון אנאנגער ווינקעל, — ווער האט געהאט א מאראלען זיעג — די ארבייטער צי די רעגירונג. די ארבייטער זאגען, אז זיי האבען באוויזען אז זיי קענען אפשטעלען דעם פארקעהר פון לאנד צו פארטיידיגען זייערע רעכטע. די קאפיטאליסטישע צייטונגען טענה׳ן, אז די רעגירונג איז ארויס די זיעגערין, ווייל זי האט זיך ניט פארלארען אין דעם קריזיס און האט באוויזען, אז די יוניאנס קענען ניט טעראריזירען די גאנצע געזעלשאפט. לאיד דזשארדזש און דזש. ה. טהאמאס, דער הויפט פיהרער פון די אייזענבאהן ארבייטער, האבען זיך איינער דעם אנדערען געגעבען „קאמפלימענטען" וואס זיי זיינען ניט געווען איינגעשפארט און זיך געבויגען.

ווען עס קומט צו „מאראלע" זיעגען קען מען נאטירליך מיטשען ווי מען וויל.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די ארבייטער האבען זיך ארויסגעוויזען מעכטיג און האבען געצוואונגען לאיד דזשארדזש זיך צו בויגען. אבער די ארבייטער האבען אין א געוויסען זינן געהאט א נידערלאגע: זיי האבען אויסגעשאסען זייער פולווער אויף פוסט; זיי האבען ארויסגערופען א גענעראל סטרייק צוליעב א קלייניגקייט אין דער צייט ווען זיי וואלטען געקאנט דורך דעם דאזיגען צוג פיעל מעהר אויספיהרען. און דאס איז צו באדויערען.

* * *

זיין מאיעסטעט אלבערט אן אנגענעהמער גאסט אין אונזער רעפובליק.

אויף דער איינלאדונג פון דעם פרעזידענט פון אונזער רעפובליק איז דער בעלגישער קעניג אלבערט, געקומען צו „אונז" צו גאסט און איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס פאראד. ווילסאן אליין האט צוליעב זיין שוואכען געזונד ניט געקאנט מקבל פנים זיין זיין מאיעסטעט אלבערט, דעם „קעניג פון די בעלגיער" האט ער געשיקט זיין שני למלך, וויים-פרעזידענט מארשאל.

דאס איז דעם ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון אמעריקא אז א קעניג האט באטראטען דעם בארדען פון אונזער רעפובליק, און אונזערע דעמאקראטישע צייטונגען האבען זיך טאקע געפרעהט וואס ענדליך האט אונז א געקרוינטער הערשער אנגעטאן דאס גרויס גליק.

עס זיינען, נאטירליך, דא א סך קראמאלניקעס וואס פרעהען זיך נאר ווייניג מיט דעם וויזיט פון זיין מאיעסטעט אלבערט. עס זיינען געווען אויך אזעלכע, וואס זיינען שיער ניט באגאנגען דעם פארברעכען פון „לעס מאזשעסטע" און האבען געזאגט, אז אלע קעניגע בענקען זיך נאך צו אלדי-שווארצע יאהר, אז מיר דארפען זיי ניט, אז עס איז א חרפה און א שאנדע אז מיר, פרייע אמעריקאנער זאלען זיך בוקען צו א סימבאל פון זעלבסט הערשאפט און אונטערדריקונג. אט, צום ביישפיעל, וואס מעיאר האאן פון מילוואקי האט געענטפערט דעם פרעזידענט פון דעם מילוואקי׳ר טשעמבער אוו קאממערס, וועלכער האט געבעטען, אז דער מעיאר זאל איינלאדען דעם בעלגישען קעניג צו באזוכען מילוואקי. (דער ענטפער איז ציטירט פון דער „נייער וועלט").

„ביטע פארלאנגט ניט פון מיר, אז איך זאל איינלאדען וועלכען עס איז קעניג, צאר אדער קייזער. דאס פאלק פון מילוואקי פאדערט ניט פון איינעם וועמען עס ערוועהלט פאר א מעיאר, ער זאל פארלירען זיין זעלבסט-רעספעקט.

„דאס פאלק ווייס, אז די סאציאליסטען האבען זיך אפגעזאגט צו שפיעלען קוטעניו-מוצעניו מיט׳ן פרייסישען פרינץ הענרי, ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, נאך לאנג איידער איך בין ערוועהלט געווארען מעיאר. איך האב ניט בדעה צו באליידיגען דאס בעלגישע פאלק. איך פיהל אז איך ליעב דאס בעלגישע פאלק. אויך מיין איך ניט צו זיין ניט-העפליך צו אייך. אבער — היינטיגע צייטען פרובירען אויס די נשמות פון מענשען. ענטוועדער — מיר מאכען יד אחת מיט די קיסרים, זייערע גאלדענע געשיר און שפיעלצייג, אדער — מיר שטעלען זיך איין נאר די רעכט פון איינפאכען פאלק.

„איך זאל אוועק אין מיין קבר אין אייביגער חרפה, אויב איך זאל מאכען דעם קלענסטען וועזען וועגען וועלכען עס איז קעניג. ביטע, הערר פרעזידענט, גיט איבער אייערע מיט-חברים, אז איך בין מיט די מענשען, וואס ארבייטען. צום שווארצען יאהר אלע קעניגען".

מסתמא איז האאן ניט קיין „גוטער אמעריקאנער". אניט וואלט ער זיך אויך געפרעהט מיט דעם וואס א „זיין מאיעסטעט" האט אונזער רעפובליק באגליקט מיט א באזוך.

דארפט איהר א מוזיק לעהרער?

ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פיעדעל שפיעלער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען דזשעניע, פראפעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער

גיט לעסאנס אין פיעדעל שפיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.

אדרעס:

607 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.

טעלעפאן: טרימאנט 1505.

נ. ב. — נעמט דריטע עוועניו עלעווייטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלערמאנט פארקוויי.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

VOL. I. No. 39. New York, Friday, October 10, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

א ווארט צו די ריפער מאכער וועגען בילדונג און אנדערע זאכען

די יעהרליכע עדיוקיישאנעל ארבייט וואס ווערט אנגעפיהרט פון דער אינטערנעשאנעל, צוזאמען מיט די לאקאלע עדיקיישאנאל קאמיטעס האט זיך שוין ווידער אנגעפאנגען.

אונזערע מעמבערס וועלען האבען א געלעגענהייט, אויב זיי וועלען נאר וועלען, אויסצונוצען זייערע לאנגווייליגע ווינטער אווענטען אויף צו בילדען זיך. מיר אונטערשטרייכען די ווערטער „אויב זיי וועלען נאר וועלען", ווייל, ליידער האבען זיי אין דער פארגאנגענהייט זיך ניט איבעריגעס פאראינטערעסירט אין דיזען ענין.

אונז וואלט די גאנצע געשיכטע ניט פארדראסען, ווען מיר וואלטען געוואוסט אז אונזערע מעמבערס פעהלט דער באגעהר צו לערנען און צו וויסען. מיר ווייסען אבער פונקט דאס פארקערטע. עס איז א פאקט, אז ווען דער עדיוקיישאנעל סעזאן פאנגט זיך אן, לעכצען אונזערע מעמבערס איינפאך צו זיין פון די יעניגע, גליקליכע, וואס האבען זיך איינגעשריבען אין די פארשיידענע קלאסען. זיי בלייבען אבער ליידער מיט׳ן פארלאנג, ווייל ביז וואנען זיי קלייבען זיך אויס, איז שוין צו שפעט, און נאכהער נעהמען זיי ארום א גאנצען ווינטער און באדויערען זייער נאכלעסיגקייט.

עס איז אויך א פאקט, אז פיעלע שעהמען זיך פאר דעם געדאנק, וואס זיי דארפען זיך אויף דער „עלטער" אנהויבען לערנען. דאס איז אבער א נארישע איינרעדעניש, וואס קומט פון דעם, וואס זיי האבען ניט געהאט די געלעגענהייט צו זעהן ווער עס לערנט זיך אין אמעריקא. אין אמעריקא זיינען דא טויזענדע גרויס-קעפיגע מענער און פרויען, וואס באזוכען די פארשיידענע סקולס און לערנען זיך. יעדער איינער פון זיי איז אזוי שטאלץ מיט דעם פאקט וואס ער גרייבעלט זיך אין די געהיימניסע פון וויסענשאפט, פונקט ווי דער 18 יעהריגער יינגעל. לערנען זיך איז אין דער מאדע אין אמעריקא. דער אמעריקאנער געבילדעטער מאן, אדער פרוי, האלט פון דעם כלל, אז עס איז נימא אזא זאך, ווי צופיעל וויסען. אונזערע בעאמטע אפילו, וואס דארפען שוין וויסען אלעס, וואלטען אויך געקענט אפגעבען א פאר יאהר אויף לערנען, און עס וואלט זיי, אסור, געשאדט, און עס וואלט גאר קיין שאנדע ניט געווען ווען זיי טוען עס. פארקעהרט, דאס וואלט געווען א שטאלץ פאר אונזער יוניאן. (מיר מיינען די קלאוקמאכער יוניאן אלס א גאנצע, און אלע יוניאנס).

מאנכע, ווידער, האבען זיך איינגערעדט, אז מען קען גארניט לערנען פון א שטונדע אדער צוויי א וואך. זיי האלטען עס איינפאך פאר א צייט-פארלוסט ארונטערצוקומען. דאס קומט אויך פון א שוואכען באגריף וועגען בילדונג. פיעלע וויסען נאר ניט, אז אין אן ערך 16 שטונדען קען מען ווערן א גאנץ נישקשה׳דיגער בוכהאלטער, און אז אין דערזעלבער צייט קען מען אנזאמלען וויסען אין עקאנאמיקס, אז מען זאל קענען גאנץ אינטעליגענט דיסקוטירען עקאנאמישע פראגען א. א. וו. בילדונג קומט ניט צו א מענשען אין שטראמען. ער זאמעלט עס אן טראפענווייז, און דיזע טראפענס בילדען מיט דער צייט א קוואל וואס שפראצט מיט לעבען און פארגעניגען.

א גרויסע שטערונג אין דעם וועג פון בילדען די אידישע ארבייטער מאסען, ספעציעל איז דער פאקט וואס זיי דענקען וועגען בילדונג אין דער פארמע פון דאקטוירים, אדוואקאטען, דענטיסטען און אפטייקערס. זיי האלטען אלעס וואס איז אויסער דער אויבענדערמאנטער קאטעגאריע פאר ניט וויכטיג גענוג צו לערנען. זיי האלטען עס ניט פאר קיין בילדונג. דאס איז א זעהר גרויסער טעות. דער דאקטאר וואס ווייס ווי צו פארריכטען א מאגען, ווען ער הערט אויף צו ערפילען זיינע פליכטען, איז אזא קינסטלער אין זיין פאך ווי, למשל, דער „אלטעריישאן" שניידער, וואס ווייס ווי אזוי צו מאכען א „פאטשינקע" אויף א בגד, ווען דער בגד „הענגט" ניט גוט אויפ׳ן קאסטאמער. דער דאקטאר וואס פארשטעהט א קרענק איז פונקט אזוי ווי איהר, וואס פארשטעהען ווארום, לאמיר זאגען, די „פראנטען" „פאלויפען", אדער „ענטלויפען". אלעס וואס ענטפערט אויף דער פראגע „ווארום איז דאס אזוי?" איז וויסענשאפט. ווען איהר לערנט א שפראך, אידיש לאמיר זאגען, און איהר קענט ענטפערען די פראגע „ווארום איז דאס אזוי?" אז ווען איהר רעדט זאגט איהר „איך בין" און „מיר זיינען", און איהר זאגט ניט פארקערט „איך זיינען" און „מיר בין", האט איהר א וויסענשאפטליכען באגריף וועגען א געוויסען געזעץ פון ווערטער-צעבראוך פון דער אידישער שפראך. עס איז דערפאר פונקט אזוי שעהן און פונקט אזוי וויכטיג צו לערנען א שפראך, ווי צו לערנען א פראפעסיאן. דער ווערטעל — אין אחרון וראשון בתורה, איז די בעסטע אילוסטראציע פאר דיזען געדאנק.

מיר בעטען דעריבער אלע אונזערע מעמבערס צו זעהן ניט פארנאכלעסיגען דיזען „עדיוקיישאנעל סעזאן". רעדזשיסטרירט זיך פאר די קלאסען וואס וועלען געגעבען ווערען. נעמט עס אויף מיט פלייס אין א געהויבענעם מוד. שעהמט זיך ניט צו לערנען, ווייל עס איז ניט קיין שאנדע. פוילט זיך ניט צו לערנען, ווייל וויסען איז דער אנגענעהמסטער פארגעניגען אין מענשליכען לעבען. האלט פאר וויכטיג יעדען סאבדזשעקט וואס איהר וועט לערנען, ווייל אלעס איז וויכטיג אין דער וועלט פון וויסען. טוט עס, איהר וועט זעהן אז איהר וועט קיין חרטה ניט האבען.

* * *

פאר די לעצטע פאר וואכען האבען מיר קיין רעגעלע מיטינגען ניט געהאלטען, צוליעב די יום-טובים. דער ערשטער רעגעלער מיטינג וועט זיין דעם דאנערשטאג וואס נאך יום טוב. אין פארלויף פון דער צייט האבען זיך זעהר וויכטיגע פראגען אנגעקליבען און אלע מעמבערס ווערען געבעטען צו קומען.

* * *

אונזער לאקאל האט דיזע וואך געליטען א גרויסען פארלוסט. ברודער י. סאמערגראד, איינער פון אונזערע עלטעסטע מעמבערס פון דער יוניאן איז פלוצלונג געשטארבען. מיטוואך דעם 1טען אקטאבער ביינאכט האט ער זיך, א פרישער און געזונטער, געלייגט שלאפען, און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען. ער איז געפונען געווארען, א דערשטיקטער פון גאז, מיט א צייטונג אין האנט. ווי עס ווייזט אויס, איז דאס געווען אן עקסידענט, ער האט געמוזט פארגעסען פארדרייען דעם גאז רעהר און אזוי האט ער באגעגענט זיין פריה-צייטיגען טויט.

זיין טויט האט ארויסגערופען טרויער ביי זיינע הונדערטע פריינד און חברים, וועלכע זיינען איהם געקומען באגלייטען צו זיין אייביגער רוה.

דער פארשטארבענער איז געווען 26 יאהר אלט, און האט איבערגעלאזען א פרוי מיט א קינד פון 4 יאהר, און א קינד וואס דארף געבוירען ווערען אין 2 מאנאטען ארום.

עהרע זיין אנדענקען!

דזש. העללער, סעק.

קאלעקשאנס אין די ווייסט און דרעס שעפער פאר דעם פאנד צו באקעמפען די רעאקציע

ווייטערע קוויטירונגען.

די ארבייטער פון בי & בי ווייסט קאמפ.

דורך מיס ל. גאלוב	$7.00
מ. גאלוב, דורך מיס גאלוב	16.25
סיגנעל און סאלקין, דורך אייברעהעם קאהן	22.07
אינגעל דרעס קאמפ. דורך מעריע ריידינג	7.50
סאל. גראסס., דורך איווא שאפירא	5.50
יוניווערסאל דרעס קאמפ., דורך אננא העלד	5.00
גרישיאלד און פרידמאן, דורך מ. לאטינסקי	10.00
לעאן טאמפיקא (אינדיווידועלער בייטראג)	1.00
סעמועל וו. לייטמאן, דורך י. שיף	16.25
טאטאל:	$90.57
פריהער קוויטירט:	$910.30
צוזאמען:	$1000.87

י. שעהנהאלץ.

סעק. [illegible] ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן ל. 25, א. ל. ג. וו.

פראבלעמען און פאסירונגען אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1

פון פ. קאטלער.

מיט דעם אנקומען פון די ימים טובים האבען זיך געענדיגט די זיבען פעטע יאהרען פאר אונזערע בעלי־מלאכות אין טרייד און עס פאנגען זיך אן די מאגערע יאהרען וועלכע פארצעהרען די ביסעל פעטס וועלכעס האט זיך צוזאמלט ביי די ארבייטער אין דעם קורצען סעזאן. און מיר שטעהען היינט פונקט ווי אמאהל זיין מצרים פאר די פראבלעם ווי אזוי שפייזט מען דאס פאלק אין די מאגערע יאהרען.

יאהר טויזענדע זיינען שוין פון דאן און פאראיבער טויזענדע מיטלען זיינען פארגעשלאגען געווארען אבער קיין איינציגער קיין ווירקזאמער און היינט צו טאג מוזען מיר זיך בענוצען מיט דעם איינציגען מיטעל וועלכען יוסף האט בענוצט. נעמליך איינצוטיילען די ביסעל שפייז פאר אלעמען גלייך.

נאך דעם לעצטען ספרינג סעזאן האבען אלע געהאפט אז די זיבען מאגערע יאהרען האבען זיך שוין געענדיגט, אז די אינדוסטריע איז צוזיך געקומען און אז עס וועט זיין גענוג ארבייט, איבערהויפט נאך, ווען עס איז איינגעפיהרט געווארען וואך ארבייט אין טרייד, האט אונז בערעכטיגט צו גלויבען אז דער היינטיגער סעזאן וועט זיך פארציהען פיעל לייננער ווי ער האט אנגעהאלטען. ס'איז אמת אז דער סעזאן האט זיך אביסעל לענגער פארצויגען אין פארגלייך מיט דעם פאר א יאהריגען פאלל סעזאן. לויט די קוואנטיטעט פון ארבייט, וואס איז געמאכט געווארען האט דאס היינטיגע סעזאן גענומען לייננער ווי פאר א יאהרען, אבער דער פאקט איז אז דער סעזאן איז ניט לאנג גענוג, וועלכער זאל קענען געבען באשעפטיגונג פאר אונזערע בעלי־מלאכות זיי זאלען קענען פון איהם ציהען זייער חיונה א האלב יאהר צייט.

פיעלע טעאריעס זיינען וועגען דעם געשאפען געווארען וועלכע שטעלען נים אלעמען צופרידען, אבער אלע שטימען איין אז די אורזאכע פארוואס ס'איז שוין קיין ארבייט ניטא איז ווייל, דער פרייז פון די פראדוצירטע קלאוקס האט געשטיגען ביז 300 פראצענט און דאס איז אומצוגאנגבאר פאר דעם געוועהנליכען קאסטימער.

אז דיזע טעאריע לייגט זיך מעהר אויפ'ן שכל קען ציינען דער פאלגענדער פאקט: פאר דער לעצטער צייט איז די ליידיס טיילארינג ביזנעס פארפיעלפאכט געווארען און אין טרייד איז כמעט איבער ביזי. ביז צו א געוויסען גראד איז אויך פאראן ארבייט אין די ביליגע ליין, די ביליגע קלאוקס וועלכע ווערט פארקויפט אין די מיין דיסטריקטען און צווישען דער נים שטאדטישער באפעלקערונג. די אורזאכע איז א פשוטע, דער פארמעגליכער קאסטאמער ווען ער דארף בעצאהלען פאר א סוט 150 דאלאר וועלכען ער האט געקויפט פאר 2 יאהרען מיט 50—60 דאלאר — געהט בעסער צו א ליידיס טיילאר. די ביליגע קלאוקס קויפען די קאסטאמער נאר דאן ווען זיי מוזען קויפען, האבען זיי קיין ברירה נים און צאהלען וויפיעל מען פאדערט פון זיי. (בעקלאגען זיך טאקע די דזשאבערס אז דער שטאהל סטרייק האט שטארק געטראפען דעם טרייד). דיזע ביידע ליינס די ליידיס טיילארינג און די ביליגע ליין ווערען נים געמאכט אין אונזערע שעפער. די ליידיס טיילארינג ווערט געמאכט אין די גרויסע 5טע עוועניו סטארס און די ביליגע ווערט געמאכט אויסער ניו יארק און בלויז א קליינער טייל אין ניו יארק, מיר זיינען אנגעוויזען בלויז אויף דעם שטאדטישען קאסטימער נים אויף דעם פארמעגליכען ביזנעסמאן, דעם סאלערימאן און דעם בעסער בעצאהלטען ארבייטער, וועלכע קויפען א סוט אדער א קאוט יעדען סיזאן. זיינען אבער די פרייזען אין דיזע ליין אזוי ארויף געשרויפט געווארען אז עס איז פאר זיין אומצוגאנגבאר. און ווען אונזערע קאסטאמער קויפען נים האבען מיר קיין ארבייט נים.

די ארבייטער פרעסער בעשולדיגען די ארבייטער אין די הויכע פרייזען, וואלטען די ארבייטער, טענה'ן זיי, נים פארלאנגט אזעלכע הויכע פרייזען פאר זייער ארבייטער וואלט קיין יקרות נים געווען און ס'וואלט געווען גענוג ארבייט. אז דאס איז בלויז געשאטען זאמד אין די אויגען וועט אויך זאגען יעדער וועלכער האט נאר די קלענסטע ידיעה אין דער ליין. ווייל ווערענד די געצאהלט פאר ארבייט אין אונזער טרייד פאר די לעצטע 2 יאהר איז געהעכערט געווארען דאס העכסטע פון 35 ביז 40 פראצענט. זיינען די פרייזען פון די קלאוקס געשטיגען ביז 300 פראצענט. ווייל א סוט וועלכען מען האט געקריגען מיט 2 יאהר צוריק פאר 20 דאלאר שעמט מען זיך נים צו בעטען היינט 60 דאלאר פאר איהם. ווי אזוי מען קען אין דעם בעשולדיגען די ארבייטער ווייס איין גאט מיט די ארבייטער פרעסער.

* * *

קיין אווערטיים — וואו עס זיינען פאראן ליידיגע מאשינען.

וואס אבער די אורזאכע זאל נים זיין, פאר וואס קיין ארבייט איז ניטא מוזען מיר זיך אבער רעכענען מיט דעם פאקט. און מיר מוזען זוכען מיטלען ווי אזוי אבצושוואכען דעם שעדליכען איבעל. ס'איז אמת, מיר קענען נים שאפען קיין ארבייט, מיר קענען נים שאפען קיין פעטע יאהרען מיר מוזען אבער זעהן צו פארלייכטערען די מאגערע יאהרען, און נים האבענדיג קיין אנדער ברירה מוזען מיר זיך נעמען צום זעלבען מיטעל וועלכען יוסף האט אמאל אויסגעפרובירט אין מצרים. נעמליך איינצוטיילען די שפייז גלייך פאר אלעמען.

מיר ווייסען אז קיין צופיעל ארבייט איז ניטא אין טרייד אבער נים אין אלע שעפער איז די לאגע גלייך. מיר ווייסען אז ווערענד אין אנדערע שעפער איז קיין ארבייט אין גאנצען ניטא ארבייט מען אבער אין מאנכע שעפער אווער טיים. און דאס איז אזא זאך צו וועלכע די יוניאן דארף העלפען. מיר האלטען נאך נים דערביי אז מיר זאלען איינטיילען די ארבייט גלייך צווישען אלע אונזערע מעמבערס אבגעזעהען צו זיי זיצען אויף פלעצער אדער נים, אבער איין זאך וואס די יוניאן קען און מוז טאן איז נים צו ערלויבען צו ארבייטען קיין אווערטיים אין שעפער וואו עס געפינען זיך ליידיגע מאשינען אדער וועלכע האבען נים די נויטיגע צאהל מאשינען. ווי אזוי עס קומט אז עס זאלען זיך געפינען שעפער וועלכע האבען נים די נויטיגע צאהל מאשינען איז אן אנדער פראגע, וועלכע מיר וועלען אמאל באריהרען אבער דאס איז די שולד נים פון די יוניאן נאר פון די בעלי־מלאכות, וועלכע האבען געצוואונגען די יוניאן צו סעטלען מיט אזעלכע שעפער. דער פאקט איז אבער דער אז עס געפינען זיך שעפער וואו מען ארבייט אווער־טיים און עס געפינען זיך דארטען ליידיגע מאשינען און דאס טאר נים דערלאזען ווערען. קיין אווערטיים טאר נים געארבייט ווערען זאלאנג עס געהען ארום בעלי מלאכות ליידיג און עס געפינען זיך ליידיגע מאשינען.

עס איז אלע מאל געווען די פאליסי פון דער יוניאן צו אפעלירען צו די אפערייטארס זיי זאלען נים ארבייטען קיין אווערטיים ווען עס זיינען פאראן ליידיגע מאשינען, אבער דער אפיעל האט ווייניג וואס געהאלפען אונזער עקזעקוטיוו האט דארום בעשלאסען נים צו אפעלירען צו די ארבייטער נאר אויפצופאדערען אלע אפערייטארס נים צו ארבייטען קיין אווערטיים זאלאנג עס שטעהען ליידיגע מאשינען. און אין פאל די אפערייטארס פון אזא שאפ וועלען נים אויספאלגען די אינסטראקשאנס וועלען זיי גערופען ווערען צו די גריוועגס קאמיטע און אויב ס'וועט זיין נויטיג וועט מען זיי ארונטערנעמען פון שאפ און ארויסשיקען אנדערע. און מיר וועלען זיך נים אבשטעלען וואס פאר א שאפ עס זאל נים זיין, וואו דער שאפ זאל זיך נים געפינען צו אין דעם אפטאון דיסטריקט אדער אין דעם דאון טאון דיסטריקט.

מיר פאדערען דארום אויף אונזערע אפערייטארס נים צו ווארטען ביז מען וועט זיי רופען צו דער גריוועגס קאמיטע נאר זאלען אליין נים ארבייטען קיין אווערטיים אויב זיי ווילען נים אז א קאמיטע פון די עקזעקוטיוו באארד זאל נים פיקעטען זייער שאפ.

* * *

דער פערזוך ארונטערצונעמען פון די פרייזען.

אין פארבינדונג מיט די פלוצלינגע סלעק אין טרייד זיינען צו אונז אריינגעקומען קאמפליינטס, אז מאנכע בעל־הבתים טרייען ארונטערצונעמען די פרייזעס וועלכע אונזערע בעלי מלאכות האבען געקראגען אין פערלויף פון דעם לעצטען סעזאן. עס איז אונז רעפארטעט געווארען אז דיזע בעלי בתים מאכען א פראבע צו טאפען דעם דופק ביי דער יוניאן וואס מען וועט טאן אין אזא פאל. מיר וועלען דארום קלאהר מאכען אונזער שטעלונג צו דיזען פארזוך.

אין דעם ברען פון סעזאן ווען אונזערע בעלי מלאכות האבען גענומען פאדערען א העכערונג אויף זייערע שכירות האבען די בעלי בתים פראטעסטירט געגען דעם. מיר האבען דאן אין דער „גערעכטיגקייט" געענטפערט אז זאלאנג א בעל מלאכה וועט דורך דער יוניאן נים האבען קיין מעגליכקייט צו פאדערען זיין פרייז, וועלכען ער איז ווערט זעהען מיר נים קיין אויסוועג ווי אזוי צו סטאפען גאנצע שעפער צו פערלאנגען פלעט רייזעס, מיר האבען אבער דאן געווארענט די מאנופעקטשורערס אז די פרייזען וועלכע אונזערע בעלי מלאכות וועלען קריגען וועט דאס זיין זייער פרייז און מיר וועלען פאר קיין פאל נים ערלויבען ארונטערצונעמען פון די פרייזען, און מיר ערקלערען דא גאנץ אפען אז מיר וועלען פאר קיין פאל נים ערלויבען די בעלי בתים ארונטערצונעמען פון די פרייזען ווען ער זאל אונז אפילו אויסקומען ארונטערצונעמען אלע בעלי־מלאכות פון שאפ. אין דיזען פאל וועלען מיר האנדלען אויף אונזער איינענע אחריות און מיר וועלען נים געהן בעקלאגען זיך. ווייל מיר דענקען אז זאלאנג די יוניאן ווערט ניט נעגעבען קיין מעגליכקייט צו בעשטימען דעם פרייז פאר דעם בעל מלאכה נאר דאס ווערט איבערגעלאזען פאר דעם אינדיווידועלען בעל־מלאכה, מוזען מיר אבער פראטעקטען דעם אבמאך וועלכען דער בעל מלאכה מאכט מיט'ן באס און אויב דער אגרימענט פראטעקטעט איהם נים דאן וועט איהם פראטעקטען אונזער לאקאל און אויב מיר וועלען נים קענען פראטעקטען אונזערע ארבייטער סיידען ארונטערצונעמען זיי פון שאפ וועלען מיר דאס טאן, ווען מיר וועלען קיין אנדער ברירה נים האבען.

אבער אויסער דעם וואס מיר וועלען יאגען יעדען מאנופעקטשורער א פייט וועלכער וועט וואגען צו מאכען א פארזוך צו נעמען פון די פרייזען וועלען מיר דעם נעקסטען סעזאן נים מאכען קיין פערזוך צו האלטען אונזערע מעמבערס אין געוויסע גרענעצען ביים מאכען די פרייזען צום סעזאן און מיר גלויבען קוים אויב די מאנופעקטשורערס וועלען האבען דערביי א בארגיין.

מיר וועלען דארום נאך אמאל ווארנען די בעלי מלאכות און די בעלי־בתים זיי זאלען ניט וואגען ארונטערצולאזען אדער ארונטערצונעהמען פון די פרייזען, ווייל אויסער וואס עס וועט זיי נים געלינגען צו טאן דאס יעצט וועט דאס אבער זיין א זעהר שלעכטער אינוועסטמענט אויף דעם נעקסטען סעזאן.

* * *

קומט שטימען וועגען די העכערונג פון דיוס.

ביי אונזער לעצטען מעמבער מיטינג איז די פראגע וועגען העכערען די דיוס נים געסעטעלט געווארען פיעלע האבען זיך אויסגעשפראכען בעסער צו גונסטען פון א טעקס. די פראגע היינגט דארום אויף דער לופטען. ביי דעם נעקסטען מיטינג מאנטאג דעם 13טען אקטאבער וועט די פראגע ענדליך געסעטעלט ווערען, די מעמבערס זיינען דארום אויפגעפאדערט צו קומען צום מיטינג.

דער מיטינג וועט זיין אין בעטהאווען האל.

פ. קאטלער.
סעקרעטער לאקאל 1.

ריינקאוט שאפ פרעזענטירט דעם טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון דעם ריינקאוט שאפ פון קופער און קארש, 96 סיגנעל סטריט, ברוקלין, האבען פרעזענטירט דעם שאפ טשערמאן מיט א זילבערנעם סעט גאפעל און לעפעל און דריקען אויס אונזער אנערקענונג פאר דער גוטען ארבייט וואס אונזער שאפ טשערמאן, ברודער לואיס ווייסמאן, האט געלייסטעט פאר'ן שאפ.

אש,
הערי גרין,
אייב מענענבוים,
פיליפ זיווועץ,
פרעס קאמיטע.

ערשטע צוויי זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד א. ל. ג. וו. י. אין באפאלא.

(שלוס פון זייט 1)

אין די פארשיידענע טעטיגקייטען און אויפגאבען פון דער אינטערנעשאנאל.

אין דעם רעפארט ווערט אויך בארריכטעט איבער די צייטשריפטען פון דער אינטערנעשאנאל, און עס ווערען דארט געמאכט איניגע פארשלעגע פאר ענדערונגען פון א זעהר וויכטיגען כאראקטער.

זיכער, דער דזשענעראל עקז. באארד וועט זיי מוזען שענקען די טיפסטע אויפמערקזאמקייט. זאל שוין דא אויך דערמאנט ווערען, אז דער מענעדזשער פון אונזערע צייטשריפטען, ברודער עליאס ליבערמאן, האט אריינגעשיקט זיין רעפארט איבער דער פינאנציעלער לאגע פון די צייטשריפטען, און עס שטעלט זיך ארויס, אז דער דעפיציט איז א פיעל, פיעל קלענערער, ווי מען האט ערווארט.

אויך דער רעפארט צוזאמען מיט אלע אנדערע וועט פארעפענטליכט ווערען אין אונזערע צייטונגען; אזוי דאס עס איז איצט נים כדאי זיך אפצושטעלען אויף איינצעלהייטען.

א חוץ די רעפארטען און מאנכע גאנץ טרעפענדע באמערקונגען פון שלעזינגער און אנדערע, זיינען אויך אויפגענומען געווארען דערוויל צוויי קאמיטעס.

צו דער ערשטער זיצונג איז געקומען ארטור געמער, דער נעשאנאל סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, און געמאכט א שטארקען אפיעל צו דעם באארד פאר פינאנציעלער הילף פאר דער סאציאליסטישער פארטיי אין איהר טערמינסיום פאר די פארטיידיגונג פון אלע ארעסטירטע, א זאך, וואס קאסט גאר אן אוצר מיט געלד.

באזונדערס טיעף און רוהרענד איז געווען זיין אפיעל פאר דעם גרויסען דעבס. מען מוז אנווענדען אלע כחות, אז ער, וועלכער האט זיין גאנצען כח אפגעגעבען פאר דער באפרייאונג און אויפקלעהרונג פון די ארבייטער, זאל וואס ניכער באפרייט ווערען.

פרעזידענט שלעזינגער האט איהם פארזיכערט, אז דער באארד וועט אויפנעהמען דעם אפיעל, און וועט נאך אין קורצען לאזען איהם וויסען וועגען דעם רעזולטאט.

א צווייטע קאמיטע איז געקומען פון באסטאן, פארלאנגענדיג הילף אין געלד און מענשען פאר די ארגאניזאציאנס־ארבייט צווישען די רייןקאוט־מאכער און אין דעם גאנצען ראבער־טרייד.

מען ערווארטעט נאך אנדערע קאמיטעס פון שיקאגא און פון אנדערע שטעדט.

פון באפאלא אליין איז דערוויל נאך קיינער נים געקומען. באפאלא איז דעם מאנטאג, פארשטעהט איהר, ווען עס איז אנגעקומען דער דזשענעראל עקז. באארד, געווען צו פארנומען מיט דעם ברוך־הבא צום בעלגישען קעניג און זיין פרוי. צוליעב זיין כבוד זיינען די גאסען געווען ממש איינגעטונקט אין פלעגס, און עס איז אויך געווען א גרויסער פאראד. נאטירליך, האט באפאלא נים געהאט קיין מינוט צייט פאר א רעסעפשאן צו אונזער דזשענ. עקז. באארד.

אויפ'ן צווייטען טאג איז שוין יא געקומען עפעס א רעפארטער פון א צייטונג, און, וואהרשיינליך, וועט אונזער באארד אויך האבען די זכיה דערמאנט צו ווערען צווישען די פראמינענטע געסט, וואס זיינען אנגעקומען לעצטען מאנטאג אין באפאלא.

וואס אנבאלאנגט אונזער דזשענ. עקז. באארד האט ער נאך דערווייל נים געהאט די מעגליכקייט, זאגאר א קוק צו טאן אויף באפאלא. ווייל די מייסטע צייט ווערט דאך פארווענדעט אויף די מיטינגען. און די שאנסען זיינען זעהר קנאפע, אז עס זאל אויסקומען זיך צו באקענען מיט דער שטאדט, ווארים ארבייט איז נאך דא זעהר פיעל, אזוי, אז עס זעהט אויס, דאס דער באארד וועט מוזען ארבייטען אווערטיים, אום אויפצוטאן גוט און גרינגליך די בעפארשטעהענדע ארבייט אין די פאר טעג, וואס זיינען באשטימט פאר די מיטינגען.

וויכטיגע פאסירונגען אין דער רייןקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

פון ס. פרידמאן

אויף דעם היינטיגען רייןקאוט סיזאן האבען מיר זיך אסך וואס צו באקלאגען. מיר האבען אויסנעמליך פאראויסגעזעהען דעם יעצטיגען סיזאן אין רייןקאוט טרייד, מיר האבען ערווארטעט גענוג ארבייט אין טרייד לויט די פארבערייטונגען וואס די מאנופעקטשורער האבען געמאכט, און מיר האבען זיך ניט ענטוישט אין אונזערע ערווארטונגען. פון נאך דעם דזשענעראל סטרייק אן ארבייט מען גאנץ נעשמאק אין אונזערע שעפער, און אין פיעלע פלעצער ארבייט מען אווערטיים אויך און אונזערע בעלי מלאכות באקומען פאר דעם טיים־און־א־האלב, און עס איז פרעהליך אויפ'ן הארצען צו זעהען ווי אונזערע מעמבערס פארדינען גאנץ גוט. אונזער צופרידענהייט ווערט אבער אביסעל פארשטערט צוליעב דעם גרויסען איבערפלוס פון סימפאטיזערס אין אונזער טרייד, וועלכעס איז נאך אן איבערבלייבעכץ פון דער „סליקער" פעריאדע אין אונזער טרייד, וועלכעס איז נאך אן איבערבלייבעכץ פון דער „סליקער" פעריאדע אין אונזער אינדוסטריע. ווייל צוליעב די גרויסע „מלחמה ארדערס" וואס זיינען געמאכט געווארען אין אונזערע שעפער, זיינען אריינגעקומען א היבש ביסעל נייע סימפאטיזערס וועלכע קענען אונזער נארמאלע באדינגונגען ניט קריגען קיין באשעפטיגונג. און ווערענד די נאכפראגע פאר אפערייטארס איז גאנץ גרויס, דאס עס קריגען נאך ביי אונז באשעפטיגונג מעמבערס פון די קלאוק מאכער לאקאלס, האבען מיר מיט די סימפאטעטער גרויסע צרות. און די צרות נעמען זיך דערפון וואס עס קומען יעצט צוריק צום טרייד לייטע וואס זיינען אוועק אין ביזנעס אדער אין אנדערע טריידס, און ווי זיי האבען דערהערט אז סימפאטעטערס מאכען אלל דיים, צו 50—60 דאלאר א וואך און אזוי ווי יוניאן ביכלאך האט מען נאך פון דער „סלעקער" צייט, קומט מען צולויפען מיט טענות אין אפיס, אז דער אפיס זאל זיי פערזארגען מיט דזשאבס. דער אפיס האט זעהר פיעל אויסצושטעהן פון דיזען מרגלים־עלעמענט. אמת, מיר האבען ביז א געוויסען גראד געהאט ערפאלג אין דער ארבייט א דאנק די אונערמידליכע אנשטרענגונג פון אונזער מענעדזשער גע. לואיס וועקסלער, און עס געלונגען דעם אפיס צו געבען דזשאבס צו צעהנדליגער און זאגאר הונדערטער סימפאטעטערס, אבער עס נעמט גארנים קיין סוף צו די אלע נייע פנים'ער וואס ציינען זיך יעדען טאג אין אפיס און אלע מיט דעם זעלבען פארלאנג און דיזעלבע טענות.

* * *

אונזערע לעצטע מעמבער־מיטינגען און זייערע באשליסע.

אונזערע לעצטע מעמבער־מיטינגען זיינען געווען אויסגעצייכענט גוט באזוכט, און זייערע באשליסע זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאר אונזער ארגאניזאציאן, ספעציעל דער בעפאר לעצטער מעמבער מיטינג אין דעם גרויסען האל פון מאנהעטען לייסעאום, ביי וועלכען אונזערע מעמבערס האבען געשטימט דורך א סעקרעט באלאט אין דער פראגע פון רעיזען דיוס, איז געווען באזוכט פון אריבער 500 מעמבערס. דער לעצטער מעמבער מיטינג פון דעם 22טען סעפטעמבער, ביי וועלכען עס איז באשלאסען געווארען זיך צו טעקסען מיט א שטונדע ארבייט א וואך צו שאפען א „רעסערוו פאנד" פאר דעם לאקאל איז אויך געווען צימליך גוט באזוכט פון נעניג 300 מעמבערס. ביידע מיטינגען האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער לאיאליטעט, טרייהייט, איבערגעבענהייט און גרויסען צוטרויען צו דער ארגאניזאציאן, אלץ זאכען וואס עס האט פאר זעהר א לאנגער צייט געפעלט אין דער רייןקאוט מאכער יוניאן.

און דערפאר וועלען מיר זיך אפשטעלען בעריכות וועגען דיזע צוויי מיטינגען.

די פראגע וועגען רעיזען די דיוס אין איינעמליך ביי אונז ניט געווען קיין נייע. נאך בעפאר דעם דזשענעראל סטרייק איז דיזע פראגע אויפגענומען געווארען. נאר צוליעב די פארבערייטונגען פון סטרייק און צוליעב דעם סטרייק זעלבסט איז די פראגע אפגעלעגט געווארען. גלייך נאכ'ן דזשענעראל סטרייק האט אונזער עקזעק. באארד, פאראנלענענדיג דיזע פראגע, באשלאסען צו רעקאמענדירען צו די מעמבערס אז די דיוס זאל געריזט ווערען פון 20 אויף 25 סענט א וואך. גלייך ביים ערשטען מעמבער מיטינג נאכ'ן סטרייק איז די פראגע בעפאר די מעמבערס פארגעבראכט געווארען, און מערקווירדיג, די מעמבערס האבען פארווארפען דער עקז. באארד'ס רעקאמענדיישאן און באשלאסען צו רעיזען די דיוס אויף 35 סענט. איז געווארען א ויכוח. סטייטש, אזא וויכטיגע פראגע, מיט אזא קליינעם וואוט. מען מוז האבען נאך א מיטינג און דאס נאך אמאל באשליסען. איך פערזענליך בין געווען מיט דער מיינונג אז מען טאר נים מאכען פאר קיין פרעצעדענט אין א יוניאן צוריקצואווייזען א באשלוס פון איין מיטינג און דאס פארברענגען פאר א צווייטען מיטינג. בקיצור, די עקז. באארד האט באשלאסען דאס פארצונעמען ביי נאך א מיטינג, אז די מעמבערס זאלען האבען א מעגליכקייט צו וואוטען דורך א באלאט. און דער רעזולטאט איז געווען, אז 404 מעמבערס האבען געשטימט פאר 30 סענטיגע דיוס און 57 מעמבערס פאר 35 סענטיגע דיוס.

טראץ דעם וואס איך האב דעם מאל פארלארען, דאך בין איך צופריעדען געווען וואס כמעט נאך 56 מעמבערס האבען זיך געטיילט מיט מיין אנשויאונג וועגען העכערע דיוס; דעם אמת געזאגט, נאך דעם שטארקען אפלאוז וואס, גענ. וועקסלער האט געקראגען, האב איך שטארק מורא געהאט אז איך וועל זיין איינער מיט מיין וואוט פאר 35 סענט. ווי צופרידען בין איך געווארען ווען די צעהלער קאמיטע האט געלאזט וויסען אז 57 שטימען זיינען אפגעגעבען געווארען פאר 35 סענטיגע דיוס. פארט א שטיקעל טרייסט... ניט פאראייניצעלט געווארען.

דיזער באשלוס פון 30 סענט א וואך דיוס איז פון גרעסטער באדייטונג פאר אונזער ארגאניזאציאן. צום אלעם ערשטען איז די עקזיסטענץ פון דער יוניאן פינאנציעל פארזיכערט; צווייטענס, וועט זיך די יוניאן ניט דארפען יאגען נאך אינישיאיישאן פי אום אריינצונעמען נייע מעמבערס, אז די איינקאם זאל זיין א גרעסערע.

זאל שוין דא אויך באמערקט ווערען אז די 30 סענטיגע דיוס איז שוין אריין אין קראפט פון דעם 15טען סעפטעמבער און אז די מעמבערס צאהלען די 30 סענטיגע דיוס מיט דער גרעסטער צופרידענהייט.

אויב עס האט נאך ווער פון אונזערע מעמבערס געצווייפעלט אין דעם ווי הויך די מעמבערס שעצען זייער ארגאניזאציאן און ווי באגייסטערט זיי זיינען פאר דער יוניאן און די נייע קאנדישאנס און איינפיהרונגען אין די שעפער, האבען זיי זיך דאס אמבעסטען געקענט איבערצייגען זייענדי'ג ביים לעצטען מעמבער מיטינג מאנטאג אווענט, דעם 22טען סעפטעמבער, אין מאנהעטען לייסעאום. און אויב דאס וואלט נאך געווען פאר זיי וועניג, האבען זיי דאס געקענט זעהן פון דעם באגייסטערטען שאפ טשערמאן מיטינג לעצטען דינסטאג אווענט, דעם 1טען אקטאבער, אין אפיס פון אונזער יוניאן, ביי וועלכען אלע שעפער פון טרייד זיינען געווען פארטראטען, אפילו די קאנטרי שעפער, און וועלכער האט אינדארסירט דעם באשלוס פון לעצטען מעמבער מיטינג וועגען שאפען א „פאנד" פאר דער יוניאן.

ביי אונזער לעצטען מעמבער מיטינג האט עס זיך געהאנדעלט אום א רעקאמענדיישאן וואס די בעאמטע פון דער יוניאן האבען פארגעבראכט, אז די מעמבערס פון דער יוניאן זאלען זיך טעקסען מיט א שטונדע ארבייט יעדע וואך אין פארלויף פון עטליכע וואכען צייט פאר דער יוניאן, אום די טרעזשורי פון דער יוניאן זאל אנגעפילט ווערען, און מיר זאלען זיין אימשטאנדע צו ארגאניזירען די איינציגע סקעב שעפער וואס זיינען נאך דא אויסער ניו יארק און אויך האבען מיטלען ווי צו באקעמפפען יעדען פארזוך פון אונזערע מאנופעקטשורערס צו עפענען סקעב שעפער אויסער ניו יארק.

מיר זיינען ביי דער מיינונג אז די ארגאניזאציאנס ארבייט אום און טאן דארף געטאן ווערען נים בלויז אין דער צייט ווען עס ווערט אין ניו יארק גערופען א דזשענעראל סטרייק, נאר גראדע אין א צייט ווען מען סטרייקט אין ניו יארק נים, נאר דאן קען מען שוין ערווארטען ערפאלג אין דער קאנטרי, און מיר ווייסען דאס פון ערפאהרונג. דער פארזוך צו ארגאניזירען שעפער אין די קליינע קאנטרי שטעטלעך אין דער צייט פון דזשענעראל סטרייקס האט זיך ארויסגעוויזען אלס גרויסער דורכפאל אין די פארשיידענע צווייגען פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, טראץ דעם וואס עס קאסט דער יוניאן שווערע געלדער. און דארום דארף דיזע ארבייט געטאן ווערען צו אלע צייטען, אום אנצונעהן מיט דיזער העכסט נויטיגער ארבייט, ספעציעל פאר אונזער טרייד האבען מיר רעקאמענדירט צו שאפען א „פאנד", אז די יוניאן זאל אומגעשטערט קענען אנגעהן מיט דיזער ארבייט.

און וואונדערבאר, מיט וואס פאר אן ענטוזיאזם און באגייסטערונג די מעמבערס האבען דעם לעצטען מיטינג באשלאסען צו געבען א שטונדע ארבייט פאר עטליכע וואכען צייט אום צו שאפען א שטארקע טרעזשורי פאר אונזער לאקאל. און צולעצט האבען די שאפ טשערליים פון אלע שעפער ראטיפיצירט דיזען באשלוס און אנגענומען אז דיזע שטונדע ארבייט זאל געגעבען ווערען פאר 5 וואכען צייט פון די רעגעלע 44 שטונדיגע ארבייטס־צייט.

א לעטער וועגען דיזער אנגעלעגענהייט איז שוין ארויסגעשיקט געווארען צו יעדען שאפ טשערמאן, אין וועלכען ער איז אינפארמירט געווארען, און פון מאנטאג אן דעם 6טען אקטאבער, געהט דיזער באשלוס אריין אין קראפט און וועט אנהאלטען פאר 5 וואכען צייט, און אז די קאלעקשאן פון דער שטונדע ארבייט זאל גלייך אנגעפאנגען ווערען.

* * *

דער סטרייק וואס אונזער לאקאל פיהרט אן געגען סילווערס שאפ אין סטעטען איילאנד און וועלכער האלט שוין אן די 6טע וואך, שטעהט אויסגעצייכענט. ביז יעצט איז עס אונז געלונגען ארונטערצונעמען אלעמען מיט דער אויסנאמע פון 2 סקעבישע מיידלאך. עס העלפען נים די פאליציייאישע פארפאלגונגען, און די עקעלהאפטסטע מעטאדען וואס דיזער באס זוכט אן אין קאמפ געגען דער יוניאן. מיט דיזען סילווער'ן איז א זאנדערבארע געשיכטע. ער האט א פיקאנטען רעקארד אין לאקאל 20. ער האט זיך אפטער אויסגעצייכענט מיט זיין פארביטענער געגענשאפט צו דער יוניאן, עס איז איהם פאר יאהרען לאנג געלונגען צו מאכען רייןקאוטס אין סטעטען איילאנד אונטער די מיזעראבעלסטע קאנדישאנס. יעצט אבער ציינט ער זיך שוין איבער אז עס איז מעהר נים די אמאליגע צייטען, און אז דער סיזאן וועט זיין פאר איהם א פארלארענער, דאס איז א זיכערע זאך. די יוניאן איז ענטשלאסען דעם סטרייק געגען דיזען הפקר־יונג ווייטער אנצופיהרען און איהם ציינען אז סטעטען איילאנד וועט מעהר נים קענען זיין קיין נעסט פון סקעבעריי.

ביז איצט זיינען אונזערע מעמבער מיטינגען געווען צופעליגע, נים פון קיין פאראויס באשטימטע דייטס. יעצט האט די עקזעקוטיוו באשלאסען אז אונזערע מעמבער מיטינגען זאלען גערופען ווערען צוויי מאל א מאנאט, יעדען 2טען און 4טען דאנערשטאג אין מאנאט. אראנדזשמענטס זיינען געמאכט געווארען מיט'ן בעטהאווען האל, און פון יעצט אן און ווייטער וועלען אונזערע מיטינגען שטאטפינדען רעגעלמעסיג. אונזער נעקסטער מעמבער מיטינג וועט פארקומען דאנערשטאג, דעם 23טען אקטאבער, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט. און עס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אז יעדער מעמבער פון אונזער יוניאן זאל דעם מיטינג אטענדען.

* * *

אז אונזער לאקאל איז מיט קיין זאך נים הינטערשטעליג געגען די אנדערע יוניאנס און לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל, וועט אם בעסטען באווייזען די גרויסע סומען שטיצע וואס אונזער עקז. באארד באוויליגט פאר די וויכטיגסטע ראדיקאלע ארגאניזאציאנען און פראגרעסיווע אינסטיטוציעס. פאר אזא קליינעם לאקאל ווי אונזערע איז עס ווירקליך זעהר שעהן. מיר גיבען נאך מאנכעסמאל מעהר ווי אונזער לאקאל קען דאס זיך ערלויבען. עס וועט זיין גענוג צו דערמאנען איינינע פעלע פאר דער לעצטער צייט בלויז. אט האבען מיר לעצטענס נעגעבען 1000 דאלאר פאר דער פיפלס רעליעף קאמיטע, פאר יענע אומגליקליכע מלחמה קרבנות, וועלכע ראנגלען זיך צווישען טויט און אונטערגאנג אין דעם שרעקליכסטען גיהנום פון די פאגראמען אין אידישע שטעדט און שטעדטלעך אין אייראפא. מיר האבען געשטיצט די פראנציסקא פערער סקול פון סטעלטאן מיט 200 דאלאר. דיזע איינציגע וויכטיגע אינסטיטוציאן אין נארד אמעריקא, וועלכע פארנעמט זיך מיט דער ארבייט פון דער ערציהונג פון אונזער נייער גענעראציאן, אויף דעם שטייגער פון דעם גרויסען אפאסטאל פראנציסקא פערער. עס איז נאר פארדריסליך וואס אונזערע אידישע יוניאנס און ראדיקאלע ארגאניזאציעס ווייסען נאך נים ווי צו אפצושאצען די ארבייט פון דיזער וויכטיגער אינסטיטוציע. ביי אונזער לעצטען מיטינג פון דער עקז. באארד האבען מיר באשלאסען זיי צו געבען א דעסק אין אונזער אפיס פאר ארגאניזאציאנס־צוועקען. מיר האבען אויך באשלאסען צו שטיצען דעם 20 טויזענד דאלאר פאנד פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" מיט 100 דאלאר און אויך אן אנטייל נעמען אין איהר יובילעאום אין קארנעגיע האל. מיר האבען אויך לעצטענס ארויסגעגעבען שטיצע פאר די סיגאר סטרייקערס, פאר דעם 100 טויזענד דאלאר פאנד פון דער סאציאליסטישער פארטיי א. ז. וו. מיט איין ווארט, מיר האבען זיך מיט אונזער יוניאן אסור וואס צו שעמען.

סעם פרידמאן,
סעקרעטער לאקאל 20

קלאוק שאפ קאלעקשאנס פאר'ן 100 טויזענד דאל. פאנד געגען די רעאקציע

גינז בראס, דורך ה. ווינשטיין	10.00
ר. און דזש. דרעס קא., דורך א. גראזינסקי	12.50
גאלדבערג בראדערס, דורך בעני שטיינער	10.00
גלאס און סאקס, דורך פרענק פעגן	11.55
ס. זעליקאוו, דורך א. בראיען	5.75
מ. בארנשטיין, דורך לואיס קאקאקאף	32.50
ראזענפעלד און זימעס, דורך טוירק און דאיני	11.00
ניימהען ליוואי, דורך ב. שינדלער	6.00
ת. קאצמאן, 154 טהאטפארד עוו., בראנזוויל	14.00
היימאן, בראנזוויל	16.75
נ. פשיטץ, בראנזוויל	9.00
סלאנימסקי, בראנזוויל	9.70
ארלאנדא, בראנזוויל	9.25
אדעלפיי קלאוק קא., דורך איזידאר פיינעס	11.50
ס. מייזער, דורך סמוירן	10.00
סלאפקי און מאסקער, דורך מאקס פיטערסאן	6.25
סופרים קאוט קא., דורך ארלעש	16.75
ערעלסאן און הענד, דורך בארקאן	93.26
ס. מ. גאלגערס, דורך ל. קאפלאן	9.85
נ. ק. קלאוק קא., דורך סילווערשטיין	12.00
דזשאזעף קופער, א מאנופעקטשורער	50.00
ב. נ. ב., דורך באסינסקי	6.00
היימאן לעווין, דורך סטילמאן	13.00
רודין און סיעמען, דורך פה. מייפער	15.50
וו. ג. קלאוק קא.	15.50
רעלאיעבל קלאוק קא.	5.75
פאזמאניק	11.05
גאלדבערג און סאן	13.50
אראנאוויץ און קאגען	6.75
זאקעל און וויטקין	9.60
ראפמאן און פערל	19.50
ש. דאינעטץ	5.80
סאלאמאן שיפמאן	12.00
מורק און נאפין	14.90
קאהען און גלוק	21.94
ל. בלום	5.00
גאלדבערג און סאן	6.30
טאטאל	548.70
פון פריהער קוויטירט	1361.48
צוזאמען	1,910.18

פיליפ קאפלאוויטש,
סעק. טרעזש. דזש. ב.

דער קעניג קומט

פון דר. ק. לעא.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Oct. 10, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער בעלגישער קעניג איז געקומען אין אמעריקא! א ציטער פון יראת הכבוד נעמט דורך די באלעבאטישע ענגלישע פרעסע, בעת זי ערצעהלט אונז די דאזיגע וועלטגעשיכטליכע נייעס.

א קעניג קומט קיין אמעריקא! א ווירקליכער קעניג, מיט א קרוין און מיט א צעפטער און מיט א גאלדענעם קאלנער און מיט עטליכע טוץ מעדאלען אויף דער ברוסט!

אונזער העכסטער און הערליכסטער טרוים ווערט ענדליך פארווירקליכט: א קעניג, אן עכטער, א גאט־געזאלבטער, האט די גנאד צו באעהרען אונז מיט זיין באזוך! וואס קענען מיר נאך מעהר פארלאנגען? ווי פליגען אונטער דעם שאטען פון אן אדלער, פארשווינדען אונטער דעם ריזיגען שאטען פון דער גרויסער היסטארישער פאסירונג, אז א קעניג קומט אהער, אלע נישטיגע קלייניגקייטען, וואס באשעפטיגען איצט די אמעריקאנער מענשהייט, ווי למשל דער יקרות, די סטרייקס, דער ליעג אוו ניישאנס קאמף, שאנטונג, מעקסיקא, די זורינע אונצופריעדענהייט פון די מאסען און נאך אזעלכע קלייניגקייטען.

א קעניג קומט קיין אמעריקא!

„סאסייעטי" געהט כאדראם. די „הויכע פענסטער" קלינגען פון אויפרעגונג. גאנצע אייזענבאהנען מיט בלומען ווערען צוזאמענגעקויפט, כדי אויסצובעטען מיט זיי דעם וועג, אויף וועלכען זיין בעלגישע מאיעסטעט וועט אין וואשינגטאן געהן מיט זיינע העכסט־אייגענע, מאיעסטעטישע, פון גאט־געגעבענע שטיוועל. די רייכסטע און שטאלצסטע „אמעריקאן ביוטיס" שטעהן איצט פאר'ן שפיגעל און שטודירען דעם אונטערטעניגען נויג, מיט וועלכען זיי וועלען זיך פארנייגען פאר'ן קעניג, און רעפעטירען דעם איינגעשטודירטען קוש, וואס זיי וועלען אפדריקען אויפ'ן קעניג'ס בעהאנדשוכטער האנד.

א קעניג קומט קיין אמעריקא! סארא כבוד, סארא אויסצייכנונג פאר אונזער פראסטער, דעמאקראטישער מדינה!

ביז איצט האט א מיליאנער, וואס האט געוואלט האבען די זכיה צוצוקומען ביז צו א קעניגליכען פארצימער, געמוזט זיך לאזען קאסטען מיליאנען און פארשדכנ'ען זיין טאכטער צו א פרינץ אדער א גראף, וועמענס איינציג פארמעגען איז געווען זיינע „הויכע פארבינדונגען" און זיינע נאהענטע באציהונגען צו אריסטאקראטישע קרייזען. דער אמעריקאנער חזירים־באראן אדער הויזען־קנעפלאך־קעניג האט עס באטראכט פאר'ן העכסטען כבוד צו קריגען א שמייכעל פון א פארדלפנ'טען „ריטער פאן" און ער איז צוליעב דעם געפאהרען יעדעס יאהר אין די אייראפעאישע גרויס־שטעדט און זיך געמאכט לעכערליך אויף אריסטאקראטישע באנקעטען.

היינט, צום ערשטען מאל אין דער היסטאריע פון דער מענשהייט, קומט א קעניג אהער, צו אונז אין אמעריקא! איז עפעס א וואונדער וואס ביי דער אלטער „טיימס" טרייסלען זיך די הענד פון אויפרעגונג און וואס די „ניו יארק טריביון" איז אזוי שרעקליך אויפגעטראגען אויף די סטרייקענדע אייזענארבייטער? א קעניג, אן אמת'ער קעניג קומט קיין אמעריקא, און דא ליעגט נאר אין זינען סטרייקס! גאנץ ניופארק און וואשינגטאן גרייט זיך צו ווי צו א קייזערליכער חתונה, און די הונגעריגע האלדריגעס, די הינטישע שקלאפען פיהרען גאר מלחמות און פארשטערען די זעלטענע שמחה!

אמת, דער קומענדער קעניג איז א מלך אביון, אן ארימער מאנארך מיט זעהר ווייניג מאכט און מיט זעהר א גרויסער טארבע, אין וועלכע ער האפט מיטצונעהמען פון דאנען א פאר צעהנדליג מיליאנען. אבער א קעניג איז א קעניג, א העכט צו א הערינג — אבי א הוהן אויף שבת.

און פארגעסען זיינען אלע שעהנע פרינציפען, אויף וועלכע אונזער רעפובליק איז אויפגעבויט; פארגעסען דער [illegible] קאמף, וועלכען מיר האבען נאר וואס אויסגעקעמפט, כדי צו באפרייען די וועלט פון קעניגע און מאנארכען; פארגעסען די דעמאקראטישע לעהרען פון א דזשעפערסאן און א לינקאלן; פארגעסען אפילו איז די לאגע אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט — און עס איז נאר דא איין פראגע, איין אישו, איין טאגעס־ארדנונג: דער קעניג קומט!

און צוריקשמועסענדיג קען מען ניט פארדענקען אונזערע גאלדענע אריסטאקראטען, וואס זיי פרעהען זיך אזוי מיט דער אנקונפט פון קעניג אלבערט. די צייט איז א שווערע, א שרעקליכע. דער פראלעטאריאט איז געווארען צו פרעך. ער קריכט שוין פשוט אין גרגרת אריין. ער רייסט שוין ממש דעם לאבסטער פון מויל! דער געדאנק. וואוהין אזא פראלעטארישע פרעכקייט קען נאך חס ושלום פיהרען, שטעלט אויף דיבאם די בעסט־פריזירטע האר. וויל מען זיך באטויבען, זוכט מען מיטלען און געלעגענהייטען ווי צו פארטומלען די שווארצע געדאנקען.

וויל מען הוליען און טאנצען, כאטש ס'איז א טאנץ אויף א וואולקאן. ביז איצט האט מען געווארט מיט אונגעדולד אויפ'ן ענגלישען קרוינפרינץ, וואס געפינט זיך איצט אין קאנאדע. הונדערטע רייכע יורש'טעס זיינען שוין געשפאנען פיקס און פארטיג, מיט די ברילאנטען אויפ'ן האלז און מיט די טשעקבוכלעך אין בוזעם, צו כאפען אין חתונה־נעץ דעם דאזיגען גילדענעם פישעל. האט ער אבער זיי ביטער ענטוישט. ער קומט ניט, דער זיירענער יונגערמאנטשיק מיט די מעדאלען פאר העלדענטאטען, וועלכע ער האט קיינמאל ניט באגאנגען. ער קומט ניט, וועה די יאהרען! אומזיסט געגרייט זיך, אומזיסט געדרעהט זיך, אומזיסט געפרעהט זיך! הפנים אז דער ענגלישער יורש עצר נויטיגט זיך ניט אין די קעראסין־שמעקענדע מיליאנען פון אן אמעריקאנער נאפט־קרעזוס.

קומט איצט דערפאר א קעניג! און נאך אזא קעניג, וועמען דעמאקראטישע אמעריקאנער קאנאנען האבען געהאלפען צוריקקריגען זיין קרוין און זיין טראן. ווער איז צו אונזער „סאסייעטי" איצט גלייך?

אין לאנד הוליעט א סאציאלער קריזיס. דער גלאטיגער קלאסענקאמף פון די „אייזענער סימפעלס" איז פלוצלינג געווארען זעהר שארף און שפיציג. יעדער, א חוץ גאמפערסען, זעהט איין, אז דער ארגאניזירטער פראלעטאריאט אין אמעריקא האט דערפיהלט זיין מאכט און פאדערט קאטעגאריש א פלאץ אונטער דער זון. אין די שטאהל־געגענדען גיסט זיך בלוט. די אייזענבאהן־ארבייטער סטראשען. די מאסען געהען ארום מיט קעשענעס אנגעפיקעוועט מיט געלד און קרעץ; מיט די צייהן, ווייל, ביי זייערע גאנצע הויכע פארדיענסטען, האבען זיי ניט גענוג אויף צום לעבען און אויף דירה געלד. די רעגירונגס־לייט קראצען זיך איינס ס'אנדערע די קעפ און זוכען עצות — און „סאסייעטי" לויפט ארום א צעפאליעטע, א צעקאכטע, און מאכט הכנות פאר א קעניג! א קעניג גלוסט זיך איהר. מעהר פעהלט איהר היינט ניט.

דערמאנט עס אייך ניט אן די צייטען פון קמצא בר קמצא? „אויף איין זייט שטאדט מלחמות, אויף דער צווייטער זייט חתונות — און איין זייט האט נישט געוואוסט פון דער צווייטער".

בריוולאך פון פילאדעלפיא

פון א. קראפעווע.

אן ארבייטער בית המקדש אין פילאדעלפיא, וועלכער וועט דינען די אינטערעסען פון אלע אידישע ארבייטער אזוי גוט ווי פון אלע קריסטליכע — די צוקונפטיגע חיים פון די קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן — די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן „קאפעטעריא".

געווען אמאל א צייט ווען מען האט, רעדענדיג וועגען די אידישע ארבייטער פון פילאדעלפיא, בלויז געקענט רעדען וועגען לאנגע שטונדען, קליינע ווייזשעס, שלעכטע בעהאנדלונגען אין די שעפער און וועגען נאך אזעלכע זאכען. יעצט אבער, ווען מען רעדט וועגען די אידישע ארבייטער קען מען אויך רעדען וועגען אנדערע זאכען אין באצוג צו זייער לעבען; וועגען פרעהליכערע זאכען.

אמת, די פילאדעלפיער אידישע ארבייטער זיינען נאך יעצט אויך גאנץ ווייט פון צו זיין גבירים, ווייל אזוי לאנג ווי מען ארבייט פאר א לעבען, קען מען קיין גביר ניט ווערען, אבער, אין פערגלייך צו דאס וואס זיי זיינען געווען אמאל, זיינען זיי יעצט רייך אין פיעלע הינזיכטען — זיי זיינען רייך אין בעוואוסטזיין, אין העכערע שטרעבונגען, אין בעגייסטערונג פאר שעהנערע אידעאלען און טאקע אויך אין אביסעל ריעל עסטייט.... איך מיין ניט אז די אידישע ארבייטער האבען געקויפט הייזלאך פאר זיך צו וואוינען אדער צום האנדלען, ווייל דערצו דארף מען האבען געלד און אן ארבייטער וועלכער ארבייט שווער און ביטער פאר א לעבען, קען, ספעציעל אין היינטיגע צייטען ווען דער יקרות ברענט, קיין געלד ניט אבשפארען צו קויפען פאר זיך א הויז... וואס איך מיין אבער מיט „אביסעל ריעל עסטייט" איז אז מאנכע פון די אידישע ארבייטער ארגאניזאציאנען האבען געקויפט אייגענע היימען פאר דעם געברויך פון זייערע ביזנעס. די קארפענטערס יוניאן האט אן אייגענע היים וועלכע קאסט איהר איבער 11 טויזענד דאלאר און וועלכע האט אויך ניט קיין מארגיידזש; די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, ווי בעקאנט, האט א יוניטי הויז וועלכע קאסט שוין ארום אכט און דרייסיג טויזענד דאלאר; די אידישע בעקער יוניאן האט שוין היבשע עטליכע דאלאר פאר אן אייגענע היים, אבער, מען זאגט אז זי האט בעשלאסען צו געבען די היבשע סומע פאר א היים פאר דער גאנצער אידישער ארבייטער בעוועגונג; די קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן האט אויך געקויפט אן אייגענע היים אין רעכטען סענטער פון שטאדט און זי האט פאר איהר באצאהלט 2 טויזענד דאלאר, און — די גאנצע פילאדעלפיער ארבייטער בעוועגונג ארבייט יעצט פאר א ריעזיגען ארבייטער לייסעאום וועלכער זאל דיענען די אינטערעסען פאר אלע ארבייטער — דאס הייסט פאר דער גאנצער ארבייטער בעוועגונג. דיזער לייסעאום וועט זיין דער בית המקש פון דער פילאדעלפיער ארבייטערשאפט, און עס וועט ניט לאנג נעהמען און דיזער גרויסער און הערליכער טרוים פון די ארבייטער פון אונזער שטאדט, וועט ווערען א ווירקליכקייט.

מיט עטליכע מאנאטען צוריק האט זיך ארגאניזירט א קאמיטע וועלכע האט אנגעפיהרט א קאמפיין פאר דיזען לייסעאום און אין פארלויף פון די זעקס וואכען וואס דער קאמפיין האט אנגעהאלטען, איז געזאמעלט געווארען איבער פערציג טויזענד דאלאר. זייט נאך דעם קאמפיין איז געזאמעלט געווארען נאך פינף טויזענד דאלאר, און דיזע געלדער זיינען בלויז פון איינצעלנע מענשען.

די ארבייטער רינג ברענטשעס האבען ארויפגעלעגט א טעקס אויף יעדען מעמבער פון פינף דאלאר, און די סומע וועלכע וועט פון די ארבייטער רינג ברענטשעס אריינקומען וועט גרייכען ארום פינף און צוואנציג טויזענד דאלאר; דעם נייצעהנטען אקטאבער וועט אין קאנטינענטאל האטעל אבגעהאלטען ווערען א קאנווענשאן פון אלע אידישע יוניאנס וועגען אויסארבייטען פלענער ווי אזוי די אידישע יוניאנס זאלען ביישטייערן זייער חלק פאר דיזער גרויסער און הערליכער אונטערנעהמונג. מען ערווארטעט גרויסע רעזולטאטען פון דיזער קאנווענשאן, און מען רעכענט אז די סומע וועלכע די אידישע יוניאנס וועלען ביישטראגען פאר דעם לייסעאום וועט גרייכען ביז הונדערט טויזענד דאלאר. עס זיינען דא פלענער וועלכע, אויב זיי זאלען נור פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען, וועלען מאכען מעגליך, אז דיזע סומע זאל געשאפען ווערען.

און נעהמענדיג אין אנבעטראכט די גרויסע בעגייסטערונג פון די אידישע ארבייטער פאר אן ארבייטער טעמפעל, וועלען מיר אין פילאדעלפיא באלד האבען א היים פאר די ארבייטער, מיט וועלכע ניט בלויז די פילאדעלפיער ארבייטער וועלען מעגען שטאלצירען, זאנדערן מיט איהר וועלען אויך מעגען שטאלצירען די ארבייטער בעוועגונג פון גאנצען לאנד.

דער לייסעאום וועט קאסטען א פערטעל מיליאן דאלאר. די סומע קוקט אויס גרויס, און ווען מען וואלט אין אמאליגע צייטען דערמאנט אזא סומע אין אידישע ארבייטער קרייזען, וואלט מען דעם דערמאנער אנגעקוקט פאר משוגע, אבער, אנדערע צייטען זיינען געקומען. די אידישע ארבייטער זיינען געווארען, ווי געזאגט, ציעל בעוואוסט; זיי האבען אנגעהויבען צו פערשטעהען אז מיר לעבען יעצט אין א צייט ווען די ארבייטער בעוועגונג מוז אן אייגענע היים האבען, איינפאך דערפאר ווייל ארבייטער ארגאניזאציאנען זיינען שוין ענטזאגט געווארען האלס וואו מיטינגען האבען געדארפט אבגעהאלטען ווערען, א דאנק דעם וואונק פון דער פאליציי... די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן איז זאגאר ענטזאגט געווארען א האל פאר איהר יעהרליכען באל וואו זי פלעגט אימער האבען. די ארבייטער מאסען האבען אלזא אנגעהויבען צו פערשטעהען אז עס איז אין זייערע אינטערעסען צו האבען א בעקוועמען לייסעאום וואו די פאליציי זאל קיין צוטריט ניט קענען האבען אזוי ווי זי האט אין אנדערע פלעצער... אמת, די האל קיפער זיינען גאר ניט צופריעדען מיט דעם וואונק פון דער פאליציי, אבער, זיי קענען זיך גאר ניט העלפען. ווען די האל קיפערס זאלען ניט אויספאלגען דעם בעפעהל פון אונזער נאכוועליגען פאליס דעפארטמענט, האט דער דעפארטמענט טויזענד וועגען ווי אזוי די האל קיפערס אנצושטעקען די לונג, און — זיי היטען זיך. די ארבייטער בעוועגונג ליידעט דערפאר שרעקליך, און, זי וועט ליידען ביז וואנען דער ארבייטער טעמפעל וועט ווערען א ווירקליכקייט.

* * *

ווי געזאגט, האט די קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן געקויפט אן אייגענע היים. מיט א יאהר צוריק איז די הויז געקויפט געווארען פאר 22 טויזענד דאלאר, און צעהן טויזענד דאלאר איז איינגעצאהלט געווארען אין קעש. און יעצט וועט די הויז אין גאנצען איבערגעאנדערשט ווערען אזוי אז זי זאל דיענען פאלשטענדיג די אינטערעסען פון דער יוניאן. דאס וועט אויך קאסטען „היבשע עטליכע דאלאר", אבער די ארבייטער פון דיעזען טרייד — דאס הייסט: די מעמבערס פון דער יוניאן, ווייסען ווי וויכטיג עס איז פאר זיי צו האבען אן אייגענע בעקוועמע היים, און וועגען די נויטיגע געלד איז דערפאר קיין פראגע ניט.

די הויז געפינט זיך, ווי געזאגט, אין רעכטען סענטער פון שטאדט, אדער בעסער געזאגט: אין רעכטען סענטער פון די פעקטארים פון דיעזען טרייד, און ווען זי וועט פערטיג ווערען, ענדע קומענדען פריהלינג, וועט זי זיין א שטאלץ פאר די מעמבערס פון דער יוניאן.

לויט די פלענער וועלכע זיינען אויסגעארבייט געווארען וועט די היים פון דיזע ארבייטער ניט בלויז האבען בעקוועמע אפיסעס, און האלס וואו מיטינגען וועלען אבגעהאלטען ווערען, זאנדערען, דארטען וועט אויך זיין א רעסטאראנט פאר די ארבייטער; א לייברערי, וואו עס וועלען זיך געפינען די בעסטע ביכער; א לעזע צימער און די ביכער וועלען אויך קענען גענומען ווערען אין די היימען פון די ארבייטער צום לעזען; דארטען וועלען אויך זיין שאוער בעטס און אנדערע בעקוועמליכקייטען אין וועלכע די ארבייטער נויטיגען זיך — אין קורצען: עס וועט זיין א שעהנע און ליכטיגע און באקוועמע היים אין וועלכע די קלאוק מייקערס האבען זיך שוין לאנג גענויטהיגט.

ווען די יוניאן איז געווען קליין און ווען די ארבייטער האבען ניט געהאט אזא גרויסע אינטערעסע אין דער יוניאן, האט מען זיך געקענט בעגעהן מיט א געדונגענע הויז. יעצט אבער, ווען די ארבייטער פון קלאוק און סקוירט טרייד זיינען פולע הונדערט פראצענט ארגאניזירט, איז די געדונגענע הויז געווארען צו קליין: ניטא גענוג פלאץ פאר די מיטינגען וועלכע מוזען טעגליך ווערען אבגעהאלטען פון די פערשיעדענע שעפער, און — פאר אזא מעכטיגע יוניאן פאסט שוין איבערהויפט ניט צו זיין א שכן אין א פרעמדע הויז. זי איז געוואקסען ריעזיג; פאר א בעל הבית'טע איבער דעם טרייד ווי זי איז

א סטרייק פון קארסעטען ארבייטער אין ניו יארק

ווי אונזערע לעזער וויסען שוין, פיהרט אן אונזער אינטערנעשאנאל אן ארגאניזאציאנס קאמפיין אין ניו יארק, צווישען די ארבייטער וואס זיינען באשעפטיגט אין אזעלכע צווייגען פון דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, וועלכע זיינען נאך ביז איצט פארבליבען ניט ארגאניזירט.

דער קאמפיין ווערט אנגעפיהרט פון ברודער מאיר ווינשטיין, אונזער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער. עס ווערען איינגערופען מיטינגען נאך מיטינגען, פון פעטיקאוט מאכער, פון ליידיס נעקוועער ארבייטער און פון קארסעטען מאכער. צווישען די ארבייטער פון די טריידס ווערט אויך פארשפרייט א מאסע ליטעראטור, פארשיעדענע ארגאניזאציאנס - ליפלעטס און דער רעזולטאט איז, דאס די ניי געגרינדעטע לאקאלס אין די פאכען, באקומען אלץ מעהר און מעהר מיטגליעדער.

ווי מען קען זיך אנשטויסען, שמעקט דאס זעהר ניט די בעלי בתים פון דיזע טריידס, וועלכע האבען זיך איינגעוועהנט צו שינדען די הויט פון זייערע ניט ארגאניזירטע שקלאפען אהן רחמנות און זיי פרואווען מיט אלע מיטעל צו שטערען די ארבייטער זיך צו ארגאניזירען.

אט א שטייגער, אין ניו יארק, איז פארהאן א געוויסע מאדאם איירין, וועלכע האט צוויי קארסעט שעפער, איינער אין דער 5טער עוועניו און 43טע סטריט און א צווייטען אין דער 36טער סט. די מאדאם האט אויסגעפינען אז א מיידעל פון איהר'ן א שאפ האט זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, און גאר אהן קונצען האט זי דער מיידעל אפגעזאגט פון דער ארבייט.

איז וואס מיינט איהר, איז געווען דער רעזולטאט?

אלע ארבייטער פון ביידע איהרע שעפער, ארום פיער הונדערט אין צאהל, האבען גלייך געווארפען די ארבייט און ארונטער אין סטרייק! די ארבייטער האבען זיך אלע אנגעשלאסען אין דער יוניאן. די מאדאם איירין בייסט זיך שוין אודאי די נעגעל פאר דער קאשע וואס זי האט זיך פארקאכט. זי האט ניט געוואלט ליידען וואס איין מיידעל פון איהר שאפ זאל באלאנגען צו דער יוניאן וועט זי, נעבאך, איצט מוזען האבען ביי זיך א גאנצען יוניאן שאפ.

די ארבייטער זיינען מוטיגע סטרייקער, די צוויי שעפער ווערען גוט געפיקעט און זיי וועלען זיך ניט צוריקקערען צו דער ארבייט, ביז זייער מאדאם איירין וועט סעטלען מיט דער יוניאן.

אזוי ווי דאס איז פיליכט דער ערשטער סטרייק פון קארסעט ארבייטער אין ניו יארק מעגען מיר אודאי און אודאי אויסרופען:

בראוואָ, קארסעט מאכער! איהר זייט ווילקאמען אין די רייהען פון קעמפענדען פראלעטאריאט!

דער זיעג פון די ליידיס טיילארס יוניאן ווערט אלץ גרעסער

דער זיעג פון דער ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 80 ווערט אלץ גרעסער און קאמפליטער.

ווי עס איז געווען געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט", האט די פירמע היקסאן און קאמפ. אין דער לעצטער מינוט חרטה געקראגען אויפ'ן סעטעלמענט און דער סטרייק איז געגען דער פירמע פארטגעזעצט געווארען. די פירמע האט אבער לאנג ניט געקענט אויסהאלטען. עס האט גענומען בלויז א 10 טעג און זי האט זיך געמוזט אונטערגעבען, און סעטלען מיט דער יוניאן.

דער סטרייק ביי דער פירמע איז, אלזא, געסעטעלט, מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר דער יוניאן און פאר די ארבייטער פון דעם שאפ.

אין פארלויף פון דער וואך האט די יוניאן געסעטעלט מיט נאך צוויי פירמען, וועלכע זיינען נאך פארבליבען אין סטרייק, ווען דער גענעראל סטרייק אין דעם טרייד איז שוין פאקטיש געווען געענדיגט. דאס זיינען צוויי פירמען וועלכע האבען ספעשעלטי שעפער, די פירמע רוסעק און די פירמע דזש. מ. נידינג. און אזוי ווערט דער זיעג פון דער יוניאן אלץ גרעסער און קאמפליטער.

דאס לעבען אין דער ליידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער יוניאן, לאקאל 80, געהט ווידער אויף זיין נארמאלען אופן, ווי אין צייט פון פרידען. פאר דעם דינסטאג אווענט, דעם 14טען אקטאבער, רופט מען שוין דעם ערשטען גענ. מעמבער מיטינג, אויף וועלכען עס וועלען, אהן שום ספק, באשפראכען ווערען גאנץ וויכטיגע פראגען, וואס זיינען שטארק נוגע די ווייטערע ענטוויקלונג פון דער יוניאן. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין מאנט באריס האלל, 1360 פיפטע עוועניו.

עס איז איבעריג צו זאגען אז דאס איז זעהר א וויכטיגער מיטינג און ער דארף זיין גוט באזוכט. אויף די ליידיס טיילארס, וועלכע האבען געוואונען אזא בארייטענדען זיעג דורך זייער יוניאן ליעגט פשוט א פליכט צו קומען צו די מיטינגען און אנטייל נעהמען אין דעם לעבען פון דער יוניאן. לאמיר האפען, אז די ליידיס טיילארס פון לאקאל 80 וועלען בעגרייפען, דאס איצט, נאך דעם זיעג, דארפען זיי האבען די יוניאן, פונקט ווי פריהער, ווען מען האט געדארפט ארויסגעהן קעמפען. אויסצוהאלטען דאס געוואונענע דארף מען פונקט אזוי גוט האבען א שטארקע יוניאן, ווי מען דארף דאס האבען עפעס צו געווינען.

אלע מיטגליעדער פון דער יוניאן דארפען קומען צו דעם גענעראל מעמבער מיטינג און זיך באטייליגען אין די אלע וויכטיגע פראגען וואס שטעהן אויפ'ן טאגעס־ארדנונג פון דער יוניאן, און דארפען געלעזט ווערען אויף דעם בעסטען וועג.

דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25

א מיטינג פון דער עקז. באארד פון דער ליידיעס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, לאקאל 25, איז אבגעהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 30טען סעפטעמבער, 1919. שוועסטער מאלי פרידמאן, טשערליידי.

פרענק דזשעגאנא ווערט איינסטאלירט אלס מעמבער פון עקז. באארד פון איטאליענישען בראנטש.

א קאמיטע פון די פרעסערס פון דעם לענדסקייל מידיי קא., ברוקלין, ערקלערענדיג דאס אזוי ווי די אפעריטארס אין ריעזען שאפ האבען געקראגען רייזעס, פארלאנגט די קאמיטע דאס די עקז. ב. זאל קריגען א העכערונג אין ווידזשעס אויך פאר די פרעסערס. נאך דעם ווי ברודער שעכטער ערקלעהרט די איינצעלהייטען פון דער קייס, ווערט ערוועהלט א קאמיטע מיט פולמאכט צו האנדלען אין דער קייס. די קאמיטע באשטעהט פון די ברידער דייווידסאן און קאהן.

ברודער שעהנהאלץ ברענגט פאר איינגע וויכטיגע רעקאמענדאציעס. ער ציהט די אויפמערקזאמקייט פון באארד צום פאקט דאס דער דיענסטטערמין פון דעם יעצטיגען עקזעקוטיוו באארד איז שוין לאנג פאראיבער און א נייער באארד מוז אזוי שנעל ווי מעגליך ערוועהלט ווערען, ווייל דער נייער סיזאן דערנעהנטערט זיך און פלענער צו באנייען די אגרימענטס מיט די בעלי בתים מוזען אויסגעארבייט ווערען און עס איז דארום נויטווענדיג אז די אדמיניסטראטיווע מאשינערי זאל זיין אין פולען ארדער. א קאמיטע, בעשטעהענד פון שוועסטער סערעה קאמען, אננא מעץ, סיידי רייך, פריעדמאן און ברודער ל. אנטאניני, איז ערוועהלט געווארען צו אויסארבייטען א פלאן ווי אזוי די וואהלען זאלען דורכגעפיהרט ווערען און אריינברענגען זייער באריכט ניט שפעטער ווי צום נעקסטען מיטינג פון עקז. באארד.

ברודער פינקעלשטיין, מענעדזשער פון אסאסיאיישאן דעפארטמענט, ברייננט אריין א רייהע רעקאמענדיישאנס אין באצוג צו רולס פאר סעטלען פרייזען פאר דעם נייעם סיזאן, אזוי דאס די פרייז קאמיטעס זאלען צו יעדער צייט האבען אינסטרוקציאנען ווי אזוי אנצוגעהן מיט סעטלען פרייזעס.

נאך א לאנגער דיסקוסיאן ווערען די רעקאמענדאציאנען אנגענומען.

די קאמיטע אן לאקאלס גיט אפ א באריכט. אין דער פראגע פון עטאבלירען א פרעסערס לאקאל איז די קאמיטע געקומען צום באשלוס דאס דער בעסטער פלאן איז דאס דער פרעסערס בר. זאל רעארגאניזירט ווערען אויף אזא אופן דאס דער בראנטש זאל געניסען מעהר אוטאנאמי אין זיינע אקטיוויטעטען, אזוי דאס א שטארקע און מעכטיגע ארגאניזאציאן פון די פרעסערס אין טרייד זאל קענען פארמירט ווערען.

עס ווערט באשלאסען דאס דער בעריכט פון דער קאמיטע אן לאקאלס זאל פארטגעזעצט ווערען ביים נעקסטען מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד אלס דער ערשטער פונקט אויפ'ן טאגעס ארדנונג.

י. שעהנהאלץ, סעק. לאק. 25.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטע און בריעף־שרייבער.

פאעמען

פון י. אדלער

איך ווייס ניט וואס בעריש איז געווען: א ליטוואק אדער א גאליציאנער. איך ווייס נאר, אז ער האט אויפגעהערט צו ארבייטען און איז געווארען א שרייבער.

האט ער דאך געקענט שרייבען צו זיינע עלטערען אין שיקאגא זיי זאלען איהם שיקען עטליכע דאלאר; האט ער דאך געקענט שרייבען תנאים און ווערען א חתן און חתונה האבען און זיין אויך צרות גלייך מיט אלע פערהייראטע אידען; האט ער דאך געקענט שרייבען א צואה און איבערלאזען זיין נארישקייט פאר דער וועלט —

האט ער דאס אבער ניט געטהאן. ער האט גענומען שרייבען ליעדער.

האט ער איין מאל אריינגעטראגען אין אונזער רעדאקציע א ליעד מיט'ן נאמען: „די זאווערוכע".

א ליעד פון אכט שורות.

האט עס דער רעדאקטאר איבערגעלעזען און אויסגעמעקט סך הכל דריי שורות. „די דאזיגע דריי שורות" — האט דער רעדאקטאר ערקלעהרט — קוילען אוועק דאס ליעד".

האט זיך, הייסט עס, אפגעשטעלט פון'ם ליעד אזוי גרויס ווי פינף שורות.

דערנאך האט דער רעדאקטאר איבערגעגעבען דאס ליעד צו זיין פריוואט־סעקרעטער. האט דער סעקרעטער אויסגעמעקט איין שורה.

האט זיך אפגעשטעלט פון'ם ליעד אזוי גרויס ווי פיער שורות. דאן האט דער סעקרעטער איבערגעגעבען די פיער שורות צום זעצער. האט דער זעצער קיין סך ניט געטראכט, פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען, ביי קיינעם ניט געפרעגט און אויסגעשטראכען איין שורה... עפעס געפעהלט מיר ניט די דאזיגע שורה" — האט דער זעצער געזאגט — „איך גלייך זיי ניט"...

פון'ם זעצער איז דאס ליעד איבערגעגאנגען צום בעל מגיה: צום אידען וואס דארף ניט צולאזען קיין גרייזען — האט דער בעל מגיה געפונען פאר נויטיג ארויסצווארפען די לעצטע דריי שורות אויך. „ווי מיט די דריי שורות, אזוי אהן די דריי שורות" — האט דער בעל מגיה גע'טענה'ט — „דאס ליעד וועט דערפון ניט ווערען בעסער, ניט ערגער".

האט זיך, הייסט עס, אפגעשטעלט פון דעם ליעד בלויז דער נאמען בעריש און דער נאמען פון דעם ליעד: „די זאווערוכע".

וואס זשע טויג א נאמען, אז קיין ליעד איז ניטא? ווער וועט דאס וויסען צו וואס דער נאמען בעריש בעלאנגט? האט מען שוין אויסגעמעקט דעם נאמען אויך.

אויס בעריש!

און ווי באלד ניט קיין ליעד און ניט קיין בעריש, סא צו וואס טויג שוין דער נאמען פון ליעד? האט מען שוין אויסגעמעקט „די זאווערוכע" אויך.

אויס זאווערוכע!

איז דאך, דאכט זיך, שעהן געהאנדעלט געגען איהם, הא? לאזט זיך אויס, אז דער בחור געהט ארום אומעטום דערצעהלען, אז מע'האט איהם צופטור'ט א ליעד.

אט דאס קומט ארויס, אז מען הויבט זיך אן מיט די יונגע דיכטער. באלד בערעדען זיי אייך! — — — —

— — — — — — —

דער צווייטער דיכטער, וואס מען האט איהם גערופען זעליג, און וואס איז געווען פון דער היים א גארבער, האט אריינגעבראכט א פאעמא מיט'ן נאמען: „דלות".

האט ער דעם „דלות" איבערגעגעבען צו מיר. האב איך ערקלעהרט דעם דיכטער, אז אונזער רעדאקציע דרוקט ניט קיין ליעדער פון אזא פאעט וואס רופט זיך זעליג. עס איז בעוויזען געווארען, אז ווען איינער הייסט זעליג, קען ער ניט שרייבען קיין ליעדער.

— איהר האט שוין איבערגעלעזען מיין ליעד? האט ער מיך געפרעגט.

— איך וויל עס נאר נישט לעזען — האב איך איהם געענטפערט — סיידען איהר וועט זיך רופען סענדער. ווייל די סענדערס — האב איך גע'טענה'ט — קענען כמעט אלע שרייבען ליעדער.

האט ער מיר געענטפערט, אז ער וועט זיך דעם נאמען ניט ענדערען. ער הייסט זעליג און ער וועט הייסען זעליג זאלאנג ער וועט לעבען! און אויב איך וויל דאס ליעד ניט איבערלעזען, וועט ער עס באלד איבערגעבען דעם רעדאקטאר.

אזוי איז געווען.

דער רעדאקטאר האט דאס ליעד איבערגעלעזען, געציילט די זילבען, צוגעקלאפט מיט'ן פוס נאכ'ן ריטהם, און צום סוף אויסגעפונען, אז דאס ליעד — סך הכל זעכצעהן שורות — איז גע'גנב'עט געווארען פון פיער פארשיעדענע דיכטער...

— זעצט זיך! — האט דער רעדאקטאר אנגעוויזען דעם „דיכטער" א בענקיל.

דער „דיכטער" האט זיך געזעצט.

— וואו האט איהר געשריבען ביז אהער? — האט דער רעדאקטאר געפארשט.

— ערגיץ־נישט.

— ווייסט איהר, אז אייער „דלות" איז גענומען פון פיער בעזונדערע פאעטען?

— וואס מיינט איהר?

— איך מיין, אז אייער ליעד איז גע'גנב'עט געווארען... איהר האט צונויפגעשטוקעוועט פון פארשיעדענע שורות א ליעד... אויב איהר האט שוין געוואלט שילדערען דעם „דלות", האט איהר דאך געקענט שילדערען אייער אייגענעם דלות!

דער דיכטער האט גענומען בעבען... געווארען רויט...

דער סוף איז געווען זעהר א פרייליכער: דער רעדאקטאר האט צוריסען דאס ליעד אויף קליינע שטיקלעך און דעם „דיכטער" ארויסגעטריבען פון דער רעדאקציע. און איהם נאכגעווארפען די שער...

איצט געהט ארום זעליג — פונקט ווי בעריש — און ווינט און קלאגט, אז מען האט איהם צופטור'ט א טייערע פאעמא...

נעוואָרען, פאַסט שוין צו וואָהנען ברייט־לאך, האָבען און אייגענעם נומער..

נאָך עטליכע מאָנאַטען, און — די היים וועט זיין פערטיג, און ווען עס וועלען קומען געסט פון די אינטערנעשאָנאַל, וועלען די געסט וויסען די ריכטיגע אדרע־סע...

* * *

עס וועט לאַנג ניט נעהמען ווען געסט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אָדער אַנדערע פריינד פון דער ארבייטער בעוועגונג, וועלען אַלזאָ האָבען אָפענע טיהרען אין אר־בייטער היימען, אָבער, וואָס אַנבעלאַנגט וועגען עסען, דאַרפען ארבייטער פריינד יעצט זאָגאַר שוין ניט געהן אין פרעמ־דע פּלעצער... די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאָן האָט געזאָרגט דערפאַר. אמת, די געשיכטע האָט איהר געקאָסט צעהן טויזענד דאָלאַר, אָבער, וואָס פאַר א ווער־דע האָט געלד ווען עס איז דאָ בענייסטע־רונג פאַר א זאַך..

די איבערגערמאַנטע יוניאָן האָט זיך ארומגעזעהען אז עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי יושר'דיג אז איהרע מעמבערס זאָלען ניט דאַרפען געהן אין פרעמדע רעס־טאָראַנען וואו מען איז ניט אימער זיכער אז דאָס וואָס מען עסט וועט וואויל בע־קומען... די יוניאָן האָט אימער געזאָרגט אז איהרע מעמבערס זאָלען האָבען פאַר וואָס צו עסען, און אז דאָס איז איהר גע־לונגען, דאָס הייסט: אז די ארבייטער מאַסען קריגען שוין יעצט מענשליכע ווידזשעס, האָט זי אויך אָנגעהויבען צו זאָרגען, אז אין דער צייט ווען זיי זיינען אין די שעפּער, זאָלען זיי ניט דאַרפען זאָר־גען וואו צו עסען אז מען זאָל ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר דעם פּראָטעסט פון מאָ־גען... האָט אַלזאָ די יוניאָן בעשלאָסען צו עפענען אן אייגענעם רעסטאָראַנט.

און דאָס מעגט איהר, לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", וויסען, אז ווען די פילא־דעלפיער ווייסט און דרעס מייקערס בא־שליסען עפּעס, ווערט דער בעשלוס דורכ־געפיהרט פּינקטליך. אַזוי פּינקטליך אז עס ווערט באַלד א פאַקט. בעשלאָסען צו האָ־בען א רעסטאָראַנט, אָדער „קאַפעטעריע" (זעלבסט סערווירענדען רעסטאָראַנט) און — ווען איהר וועט יעצט קומען אין פילא־דעלפיא וועט איהר שוין דעם רעסטאָראַן געפינען וועלכער וועט אייך זיכער צו־פריעדען שטעלען. ער געפינט זיך אין דעם ווייסט און דרעס מייקערס בילדינג, 38 נ. 11טע סטריט. (איך גיב די אדרעסע כדי איהר זאָלט טאַקע וויסען וואו צו קומען עסען א ריכטיגען מאָהלצייט). און ווען מען קומט אריין אהין ווילט זיך גאָר ניט גלויבען אז דאָס זאָל זיין דאָס אייגענטום פון אידישע ארבייטער... ער איז אויסער געוועהנליך שעהן, ליכטיג און אַלעס איז אַזוי איינגעאָרדענט אז עס איז א פאַר־גניגען דאָרטען אריינצוקומען און עסען. וועגען די שפּייז איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס צו רעדען; עס ווערען די בעסטע שפּייזען געגעבען און אַלעס איז פריש און געזונד צו עסען. אויסער דעם קאָסט דאָר־טען ביליגער ווי אין ארגענד וועלכען אַנ־דער פּלאַץ.

צווישען האַלב נאָך עלף אין דער פריה ביז איינס אוהר נאָכמיטאַג ווערען יוניאָן מעמבערס בלויז סערווירט. ביז האַלב נאָך עלף אין דער פריה און פון איינס אוהר נאָכמיטאַג ביז 7 אוהר אָבענד ווערען אַלע סערווירט, און דער רעסטאָראַנט טהוט גוטע ביזנעס.

אָבער, ניט די ביזנעס פראַגע איז גע־ווען די הויפּט זאַך וואָס עס האָט געמאַכט די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאָן צו עפענען די „קאַפעטעריע". די הויפּט זאַך איז געווען אז די מעמבערס זאָלען קענען קריגען די בעסטע און די פרישעסטע שפּייזען און אויך כדי די מעמבערס זאָלען קענען אַלע מעהר בעגרייפען אז דאָרטען וואו אייניגקייט איז דאָ, איז מעגליך צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער אין יעדען הינזיכט.

און די ווייסט און דרעס מייקערס ווייזען עס שוין און זיי פיהלען עס אויף יעדען טריט און שריט.

ווי איהר זעהט זיינען די איצטיגע ארבייטער גאָר אַנדערע ווי עס זיינען גע־ווען די ארבייטער פון אַמאָל און א דאַנק זייער בעוואוסטזיין, זיינען זיי שוין גע־וואָרען אין פיעלע, פיעלע הינזיכטען גבירים, אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס... בעסערע צייטען וועלען נאָך קומען.

(ראָמאַן)
פון פאַלינאַ וואָלמי

א געזעץ נאָך ליעבע

אידיש פון
אברהם נירענבערג.

1.

— ראָזאַ! לעאָני! וועט איהר שוין אַמאָל ארונטער קומען?

מאַדאַם בעריל איז געשטאַנען אין קאָרידאָר פון איהר הויז, אָנשפּאַרענדיג זיך אָן דעם פּאַרענטש פון די שטיגען.

„שוין אכט א זייגער — האָט זי גע'טענה'ט צו זיך אליין — און זיי זיצען נאָך אַלץ אויבען און פאַרנעמען זיך מיט זייער פריזור! מיר וועלען היינט די ארבייט ניט ענדיגען."

מיט אַן אויפגערעגטע שטימע האָט זי א געשריי געטאָן:

— דאָס איז שוין צופיעל! די שוועסטער זיצען שוין לאַנג ביי דער ארבייט! מען דאַרף ארבייטען! מאַרי־לואיז וועט ווידער זאָגען, אז איך גיב אייך צופיעל נאָך!

זי האָט זיך איינגעבויגען און גענומען בעטען זיך:

— הערט זיך איין, קינדער, זייט פאַרשטענדיגע און איילט זיך צו, אז ניט וועט ווידער זיין א קריגעריי.

פון דער הויך האָט זיך דערהערט א קלינגענדיג געלעכטער, דער קלאַנג פון צובראָכען געפעס און א טרויעריג מיאַוקען.

מאַדאַם בעריל איז געוואָרען אויסער זיך:

— וואָס טומעלט איהר זיך דאָרטען? איהר ווילט מיך היינט אין גאַנצען ארויסברענגען פון זיך?

— דאָס טומעלט די קאַץ, מאַמע! זי קלייבט זיך אָפּ־צוקעצלען.

— לאָזט צורוה דאָס דאָזיגע באַשעפעניש. עס וועט זיך באַגעהן אָהן אייך. דערעסען האָבען מיר זיך שוין אייערע קאָמעדיעס!... אויב איהר קומט די מינוט ניט ארונטער, וועל איך ניט ערלויבען אייך היינט געהן שפּאַצירען.

מאַדאַם בעריל האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען. איהרע אַקסעלען האָבען געציטערט פאַר ערגערניש.

„ניין, עס איז ניטאָ קיין האָפנונג! די דאָזיגע מיידלעך וועלען זיך קיינמאָל ניט נעמען ערענסט פאַר דער ארבייט! אין זייערע יאָהרען זיינען די עלטערע געווען אַזעלכע פאַרשטענ־דיגע! זיי זיינען אַלט געווען איינע זעכצעהן און די אַנדערע זיבעצעהן יאָהר, ווען זייער פאָטער איז אַזוי אומגעריכטערהייט געשטאָרבען. וואָס וואָלט מיט אונז געוואָרען, גאָט מיינער — האָט גערעדט צו זיך מאַדאַם בעריל, געהענדיג איבערן קאָ־רידאָר — ווען מאַרי־לואיז און זשעני וואָלטען געווען אַזוי פויל, ווי די דאָזיגע צוויי מיידלעך. א גליק כאָטש, וואָס סעלינאַ איז איבערגעגעבען דעם הויז און פאַרנעמט זיך מיט דער ווירט־שאַפט."

א שטופּ טוענדיג א האַלב־פאַרמאַכטע טיר, האָט מאַדאַם בעריל אויסגעשריען:

— און דו, סעלינאַ? וועט באַלד פאַרטיג זיין דער פרישטיק? האַ? סעלינאַ איז ניטאָ?

די מוטער איז אריינגעגאַנגען אין קיך. אונטער דער אויס־זיכט פון א געלען הונד, וואָס איז געזעסען אין מיטען פון א טיש, האָט זיך אויפ'ן גאַז־אייוועלע געקאָכט שאָקאָלאַד. אָבער וואו איז סעלינאַ? מיט אַמאָל האָט מאַדאַם בעריל באַמערקט אַן אָפען פענסטער. זי האָט א זיפץ געטאָן.

— ארעמע דאַלע! — האָט זיך מאַדאַם בעריל געווענדעט צום הונד — וואָס וועט פון אונז ווערען, אויב סעלינאַ האָט אויך שוין גענומען אַנטלויפען דורכ'ן פענסטער?

עס האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר; אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזען א יונג מיידעל מיט א שוואַרצען צאָפּ. זי האָט געהאַלטען א מושלינענע הויב אין דער האַנד; לאַכענדיגערהייד האָט זי א טרייסעל געטאָן די מוטער.

— וואָס שטעהסטו דאָ? וועגען וואָס האָסטו זיך פאַר־טראַכט? שוין מעהר ווי א שעה ווי איך און זשעני ארבייטען שוין... אין דער צייט, וואָס אַלע איבריגע אין הויז שפּאַצירען זיך ארום אָדער פאַרווייַלען זיך.

— און וואָס טוען זיי דאָרט אויבען?

— זיי קומען שוין ארונטער!

זי איז נאָכגעגאַנגען דער טאָכטער אין דעם צימער, וואו עס איז געשטאַנען א לאַנגער טיש אויף וועלכען עס זיינען גע־לעגען בענדער, הויבען און ביי וועלכען עס האָט געאַרבייט זשע־ני. מאַרי־לואיז האָט זיך גלייך צוגעזעצט צו דער שוועס־טער און גענומען זיך אויך צו דער ארבייט. ביי איין זייט טיש איז געשטאַנען א שטייג מיט א פּאָר טירטעל־טויבען און ביי דער צווייטער זייט — א שטייג מיט א קאַפּוצינער אַף, וואָס האָט מיט נייגעריגע בליקען געקוקט אויפ'ן פּאָר'ל און אַלע מאָל געכאַפּט זיך מיט די שוואַרצע הענטלאַך פאַר די גראַטעס.

— שוין לאַנג ווי עס רופען דיך דיינע טירטעל־טויבען און דיין אַף האָט זיך שוין פאַרבענקט נאָך דיר, — האָט אי־ראָניש זיך אָפּגערופען מאַרי־לואיז, באַמערקענדיג דעם צוטראַ־גענעם אויסזעהן פון מאַדאַם בעריל.

— און איך וויל טרינקען שאָקאָלאַד, — האָט זיך אָפּגע־רופען זשעני, ניט אויפהויבענדיג איהרע אויגען פון דער אַר־בייט.

— מיר האָבען דאָך נאָך ניט געפרישטיקט! וואָס טראַכט זיך דאָרט סעלינאַ! מען הערט איהר גאָר נישט אין דער קיך. דו האָסט איהר געזעהן, מוטער?

די מוטער האָט ניט געענטפערט אויף מאַרי־לואיז'ס פראַ־גע. זי האָט זיך אָן אומעטיגע אוועקגעזעצט אויף איהר שטענ־דיגען פּלאַץ ביים פענסטער. זי האָט דעם הונד, וואָס האָט איהר נאָכגעפאָלגט גענומען צו זיך אויף די קני און גענומען זיך צו דער ארבייט.

זשעני האָט זיך פאַרשטאָכען דעם פינגער און גענומען אויסזויגען דאָס בלוט. מאַדאַם בעריל האָט באַמערקט:

— זייט פאַרזיכטיג, זשעני, זעה ניט צו פאַרשמירען דעם מושלין.

— דו וואָלסט גלייכער געטאָן, ווען דו זאָלסט ביי איהר פרעגען, צי עס טוט איהר וועה, — האָט אויסגעשריען מאַרי־לואיז. — דו וואָלסט זיכער גענומען צערטלען דיין אַף אָדער דיין הונד, ווען עמיץ פון זיי וואָלט זיך אומגערען צושטאָכען. און זשעני האָט זיכער אַזאַ איידעלע הויט ווי דיינע עקעל־האַפטע חיות!... דיך אַרט, אין אמת'ן, גאָר נישט וועגען אונז. אַלץ וואָס דו נעמסט דיר צום האַרצען איז דער גע־זונד פון דיין הונד און דיין אַף און אז די ארבייט זאָל געמאַכט ווערען אין צייט.

— נו, באַרוהיג זיך, מאַרי־לואיז, כעס זיך ניט!

— מיינסטו טאַקע, אז מען קען בלייבען רוהיג, ווען מען באַמערקט אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר? נעם, למשל, דעם היינ־טיגען טאָג: מיר ביידע האָבען זיך אויפגעהויבען פאַר זעקס, זיבען זיינען מיר שוין געזעסען דאָ ביי דער ארבייט, נאָכדעם ווי מיר האָבען שוין געהאַט אויפגעראַמט אונזער צימער, אָנ־געטאָן און אוועקגעזעצט די באָבע.

— און איך, מיינט איהר, האָב זיך אין דער צייט גע־שפּיעלט? — האָט ארויסגעזיפצט מאַדאַם בעריל.

— איך רעד ניט וועגען דיר — האָט געענטפערט מאַרי־לואיז, — איך רעד וועגען די צוויי ליאַלקעס, וועגען ראָזע'ן און לעאָני'ן, וואָס זיינען נאָך אַלץ אויבען און פאַרנעמען זיך מיט זייער טואַלעט! יעדען טאָג ווידערהאָלט זיך דאָס זעל־בע! סוף כל סוף מוז מען דאָך ארויס פון געדולד.

— די דאָזיגע פריילינס — האָט זשעני זיך אָפּגערופען

— קענען אַנדערש ניט אראָפּקומען ווי אויסגעפּוצטערהייט.

— דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירליך פאַר זייערע יאָהרען, — האָט ארויסגערעדט מאַדאַם בעריל.

— און אין אונזערע? — האָבען מיט אַמאָל אויפגערעג־טערהייט אויסגעשריען מאַרי־לואיז און זשעני.

— אין אייערע יאָהרען קען מען שוין זיין א ביסעל פאַר־שטענדליכער! איהר זייט אין כעס אויף די מיידלעך... איהר ווייסט אליין, אז זיי וועלען אין גיכען קלינער ווערען... זיי וועלען ניך דעריאָגען די פאַרלאָרענע צייט...

מאַרי־לואיז האָט אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן אויף דער מוטער.

— ווי עס זעהט אויס, וועסטו שוין שטענדיג האַלטען מיט זיי און געגען אונז!

— זייט פּאַפּאַ איז געשטאָרבען איז ניטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אונז.

— אָבער איך זאָג דאָך אייך גאָרנישט.

מאַדאַם בעריל האָט געפיהלט, אז אין זשעני'ס שווייגען איז פאַרבאָרגען א גאַנצער שטורעם און אז אין מאַרי־לואיז'ס שטי־מע פיהלט זיך עפּעס ארויספאָדערנדעס.

— נאַטירליך פאַר זייערע יאָהרען! — האָט נאָכאַמאָל ווידערהאָלט מאַרי־לואיז, אויסער זיך פאַר כעס. — הערסט, זשעני, אַלע זייערע שפּיצלאַך פאַרענטפערט די מאַמע מיט זיי־ערע יאָהרען. מען טאָר זיך צו זיי ניט צוריהרען, אז ניט זאָגט מען, אז דו פאַרגינסט זיי ניט און ביסט שלעכט. און די דאָזיגע קינדערלאַך האָבען שוין געפאַרבטע באַקען, פּונקט ווי בולוואַר־פּעען.

— מאַרי־לואיז, איך בעט דיך!

מאַדאַם בעריל האָט זיך געבעטען ביי דער מיידעל, וועמעס כעס האָט געהאַלטען אין איין שטייגען.

— איך ווייס, ס'איז אמת, אז זיי שמירען זיך א ביסעל צופיעל. דאָס איז ניט גוט... איך גיב דיר מיין וואָרט, אז איך וועל עס זיי פאַרווערען. אָבער דו איבערטרייבסט שוין אביסעל.

— איך איבערטרייב! — האָט אַן אויפגערעגטע אויסגע־שריען מאַרי־לואיז — געה אליין און זעה געוואָר וואָס מען טראַכט וועגען זיי אויף דער גאַס, וואו זיי באַקומען מעהר פון אַלעמען בריעף.

— וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, וועל איך מעהר מיט זיי ניט געהן שפּאַצירען. גאַנץ סען־מאַר קוקט זיך אום, ווען איך שפּאַציר מיט זיי צוזאַמען. איך וויל ניט, אז אַלע זאָלען זיך אומקוקען אויף מיר און מיר ווילט זיך ניט זיין קאָמפּראָמע־טירט.

— לאָמיר דיר זאָגען, אז דו ביסט אויך ניט אַזאַ צדקות! דו שלעפּסט זיך דאָך אויך אַלץ ארום מיט דיין גאַסטאָן דעוור־רילעס!

די מוטער איז געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס:

— סוף־כל־סוף האָט זיך מיר שוין דערעסען צו הערען, ווי איהר באַשולדיגט מיך גאָט ווייס אין וואָס. מעגליך, מיין

שולד באַשטעהט אין דעם, וואָס איך גיב אייך צופיעל פריי־היים?

— און סעלינאַ — האָט געשריען זשעני א באַליידיגטע פון דער מוטער'ס באַמערקונג — זי געהט דאָך ניט כאַפּען פיש מיט זשאָרזש פּעריע ביים ברעג פון מאַרן.

— ער איז דאָך נאָך א קינד — האָט זיך די מוטער אָפּ־גערופען.

מאַרי־לואיז האָט איראָניש א שמייכעל געטאָן.

רויט ווי צונטער האָט זיך זשעני אָפּגערופען:

— גאַסטאָן איז אויך געווען נאָך א קינד, ווען ער איז צום ערשטען מאָל געקומען צו אונז... אין טאַטענס אויגען איז ער געווען זעהר ליעב און צאַרט, ווי א מיידעל... אַנדרע האָט איהם גערופען מאַדעמואַזעל... איך האָב איהם שטענדיג פאַר־טיידיגט געגען סעלינאַ'ס אָנפאַלען.

ביים דערמאָנען אַנדרע'ס נאָמען האָט א טרויער פאַר־נעבעלט מאַרי־לואיז'ס שעהנע דונקעלע אויגען. ווי אין נע־בעל איז פאַר איהר אויפגעשטאַנען אין זכרון דער הויכער סי־לועט פון דעם יונגען מאַן, דער פאָטער האָט זעהר ליעב געהאַט דעם הויכען יונגלינג, וועמען ער האָט אָנגערופען זיין גייסטי־גען זוהן. מיט וויפיעל שטאָלץ וואָלט ער געקוקט אויף איהם איצט: אַנדרע איז דאָך שוין איצט א שעהנער מאַן, אן אָפי־ציר פון דער קאָלאָניאַלער אַרמעע, וואָס האָט געקראָגען פיעלע אויסצייכנונגען, — ער איז געווען דער, וועמעס נאָמען האָט אריינגערופען א ציטער אין אַלע קליינע הערצלעך פון סען־מאַר, ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף אורלויב. ווי האָבען אַלע אין שטעדטעל מקנא געווען, וואָס ער איז געבליבען זייער אַלטער פריינד.

זשעני האָט אין כעס פאָרטגעזעצט:

— ניין, איך וועל עס ניט ערלויבען, אז דו זאָלסט פאַר־גלייכען דעם דאָזיגען אינגעל, וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין צוואַנציג יאָהר און וועלכער האָט אַלע אייגענשאַפטען פון א צולאָזען מיידעל, מיט גאַסטאָנ'ען וועלכער ערוועלבט זיך אַן עהרענהאַפטע קאַריערע. ס'איז אמת, פון אונז אַלעמען האָט מיך גאַסטאָן מעהר ליעב געהאַט.

— קיינער וואַרפט דאָך דיר גאָר נישט פאָר.

— ער האָט מיך מיט קיין איינציג וואָרט קיינמאָל ניט באַליידיגט, מיט קיין איין־איינציגען צוויי־דייטיגען זשעסט... אין דער צייט, וואָס איך האָב געכטען געטראָפען זשאָרזשען אונטער דעם פענסטער פון דער קיך, אין דער צייט וואָס דו ביסט געווען אין פּאַריז, ארומנעמען סעלינאַ'ן.

— דאָס איז אמת, — האָט באַשטעטיגט מאַרי־לואיז.

— דאָס זיינען בלויז רכילות — האָט זיך אָפּגערופען מאַ־דאַם בעריל.

— הער זיך איין מאַמע, — און מאַרי־לואיז האָט פיעל־באַדייטענד א קוק געטאָן אויף דער מוטער, — איך רעד מיט דיר וועגען דעם צום לעצטען מאָל. דיר שטעלט זיך פאָר, אז איך גיב איבער פרעמדע רייד מיט אייגענע באַפּוצונגען. וויל־סט ניט, גלויב ניט, אָבער איך וואָרען דיך געגען א קאַטאַ־סטראָפע, וואָס דראָהט אונז אַלעמען.

די טיר האָט זיך געעפענט און אויפ'ן שוועל האָט זיך באַ־וויזען סעלינאַ מיט שאָקאָלאַד.

— מאַרי־לואיז! דער שעהנער מיליטער דאָקטאָר געהט פאַרביי. געה צו צום פענסטער וועסטו איהם נאָך קענען זעהן. — זיינען מיט א געשריי אריינגעלאָפען אין צימער ראָ־זאַ און לעאָני.

— ווערט שטיל, נאַראָנים! איהר מיינט, אז איך וועל צולויפען צו א פענסטער כדי נאָכצוקוקען א מענשען מיט וועמען איך בין פופצעהן יאָהר באַקאַנט?

— פאַררעד ניט די ציין, מאַרי־לואיז! אַלע וויסען, אז דו ביסט פאַרליעבט אין איהם און די ברענסט איצט פאַר אומ־געדולד צו קענען איהם זעהן אין זיין מונדיר.

— אָבער דו ביסט צו שטאָלץ, אז דו זאָלסט זיך מודה זיין.

— קינדער, זעצט זיך צו דער ארבייט, — האָט זיך גע־בעטען מאַדאַם בעריל, אָנווייזענדיג די יונגע מיידלעך אויף צוויי שטולען ביים טיש, וואָס איז געווען פאַרוואָרפען מיט פאַר־שיעדענע שטאָפען.

— איך וועל א לויף טאָן אין מאַרק אריין, — האָט אויס־געשריען סעלינאַ, אוועקטראָגענדיג די גלעזער.

מאַדאַם בעריל האָט געגלעט דעם הונד און צערטליך גע־רעדט צו איהם. מאַרי־לואיז איז געוואָרען אויסער זיך.

— שוין ווידער! גאָט מיינער, ס'אַרא הויז איז דאָס!

— איצט הויבט זיך אָן מאַרי־לואיז, — האָט באַמערקט ראָ־זאַ, נעמענדיג זיך פאַר דער ארבייט.

— זי זעצט פאָרט, — האָט ארויסגערעדט מאַדאַם בע־ריל.

— וואָסער מאַן קען דאָס ענטציקט ווערען פון דער דאָ־זיגער מענגע פון מיידלעך און חיות! ווען איך זאָל טראַכטען צו קריגען א חתן, וואָלט איך איהם קיינמאָל אָהער ניט גע־בראַכט.

לעאָני האָט געקייכט פאַר געלעכטער שאָקלענדיג מיט איהר רויט־גאָלדען קעפּעל.

— א שרעק וואָלט אויף איהם אָנגעפאַלען!

— זאָל שוין זיין גענוג, — האָט מאַדאַם בעריל אַרויס־גערעדט — עס נעמט קיין סוף ניט צו אייערע קריגערייען; פון דער פריה אָן קריגט איהר זיך. איך בין פאַרמאַטערט פון אייך! דו, מיין אָרעמע טאָכטער, מאַרי־לואיז, האָסט אַן אומ־גליקליכען כאַראַקטער. דו וועסט קיינמאָל גליקליך ניט זיין!

מאַרי־לואיז האָט געוואָרפען א גיכען בליק אויף איהר מו־טער, וועמעס פּנים האָט געאָטעמט מיט אויפריכטיגקייט. זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבער איבערטראַכטענדיג זיך, איז זי אַנטשוויגען געוואָרען און איינגעבויגען דעם קאָפּ צו דער ארבייט.

און אין אמת'ן, צו וואָס קריגען זיי זיך שטענדיג? א גע־פיהל פון טרויער האָט אָנגעפילט איהר גאַנץ וועזען, א דריי־קענדיגער שרעק האָט צוזאַמענגעדריקט איהר האַרץ, ווען זי האָט אריינגעקוקט אין דער צוקונפט, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט פון איהר מיט א פּיינליכען צאַם, אָן וועלכען עס וועלען אויך צובראָכען ווערען די אילוזיעס פון איהרע איינגערע שוועס־טער.

זייער פאָטער, וואָס איז געווען א געדולדיגער ערציהער און אַן ענערגישער לעהרער, האָט, וועלענדיג אז זיינע טעכטער זאָלען אויסוואַקסען געזונדטע און שטאַרקע, ערמוטיגט זייער שטרעבונג צו באַוועגונגען; ער האָט בייגעוואוינט זייערע קינ־דישע פרעהליכע שפּיעלען. אפילו נאָך זיין טויט האָט מען זיי אַלע פינף געקענט זעהן פאָהרען אויף וועלאָסיפּעדען אין קורצע קליידלעך מיט מאַטראָסישע קעלנער, אָדער קעמפענדיג מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייערע יונגע מוסקולען געגען דעם שטראָמען פון דער מאַרן. אָט די אינגלישע קונצען האָבען גע־מאַכט שטוינען דאָס גאַנצע קליינע שטעדטעל: גאַנץ סען־מאַר האָט זיך צוזאַמענגעקליבען צו קוקען אויף די „אַמעריקאַנערינס", ווען זיי האָבען, באַדענדיג זיך, לעבהאַפט געטראָ־גען זיך איבער'ן וואַסער.

ווער זשע וועט וועלען וועלען מיט זיי חתונה האָבען? וועמען וועט ניט אָפּשרעקען די פיינדליכקייט, וואָס מאַרי־לואיז האָט אָפּטמאָל געפיהלט צו זיך און צו איהרע שוועסטער פון דער זייט פון די דאָזיגע פּריידליכע פּראָווינציאַלען? וועמען וועט איינפאַלען אָנצופאַרטרויען זיין גליק דעם דאָזיגען אומאָנשטענ־דיגען הויז?...

אין דעם גרויסען צימער, וואָס איז געווען באַגאָסען מיט זון, האָט זיך געהערט בלויז דאָס טיקען פון דעם וואַנד־זיי־גער און דאָס שאָרכען פון די בענדלעך אין מאַרי־לואיז'ס הענד. די פאַרמאַטערטע טירטעל־טויבען זיינען געשלאָפען אָנשפּאַרענ־דיג זיך איינער אָן צווייטען. די אַף האָט פון איהר שטייג ארויסגעקוקט אויפ'ן געלען הונד.

זשעני האָט רוהיג געשמייכעלט.

מאַרי־לואיז האָט א וואַרף געטאָן א בליק אויף איהר, זי האָט מקנא געווען איהר רוהיגקייט. איהר איז געווען גוט באַ־קאַנט, אז אונטער דעם דאָזיגען פריעדליכען שמייכעל ליגט פאַר־באָרגען איין האָפנונג, איין בילד... מאַרי־לואיז האָט מקנא גע־ווען איהר שוועסטער'ס גרויסען בטחון אין גאַסטאָנ'ען, וועמען זי האָט ערוואַרט מיט רוהיגקייט, מיט א זיכערהייט, אז ער וועט איינאָרדנען איהר לעבען, ווען ער וועט נאָר זיין אין שטאַנד עס צו טאָן... מסתמא האָבען זיי זיך, פון אַלעמען בסוד, געגע־בען איינער דעם צווייטען דאָס וואָרט... און רוהיג וואַרט זשע־ני...

מיט באַגייסטערונג האָט מאַרי־לואיז געקוקט אויף איהר שוועסטער. איהר אַליין האָט זיך געוואָלט גלויבען אין עפּעס, אין עמיצען, זיין ענהליך כאָטש אפילו אויף סעלינאַ'ן, וועמעס פרעהליכקייט האָט איהר אָפט ארויסגעבראַכט פון זיך... די זעכצעהניעהריגע ראָזאַ, די אַכצעהן יעהריגע לעאָני האָבען נאָך געקענט האָפען אויף א נס! אָבער מאַרי־לואיז, וואָס איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציג יאָהר, האָט בלויז געפיהלט א ביטערניש און א וואַקסענדיגען שרעק. ווער וועט עס זיין דער ערלייזער, וואָס וועט זיך באַווייזען און איהר ארויסרייסען פון דאַנען, איידער עס וועט פאַרוועלקען איהר יוגענד, איהר פאַר־לאַנג נאָך לעבען, דעם הייסען, ברענענדיגען פאַרלאַנג, וואָס ער־קלערט אָפּען זיינע רעכט און מאַכט באַוועגען איהר ברוסט?...

ראָזאַ און לעאָני, וואָס זיינען געזעסען איינע געגען דער צווייטער, האָבען פיעלבאַדייטענד געשמייכעלט צו זיך.

מאַדאַם בעריל האָט אָנגעהויבען צום הימעל איהרע פאַר־בענקטע אויגען. א צופרידענע פון דער שטילקייט, וואָס האָט גע־[illegible]שט ארום איהר, האָט זי גע'חלומ'ט וועגען דער פּאָר פּאַ־פּוגאַיען, וואָס דעם קצב'ס ווייב האָט איהר צוגעזאָגט צו שענ־קען. פאַר דעם דאָזיגען פּאָר'ל וועט גענוג זיין א קליין שטיי־געל, ווייל די דאָזיגע פייגעל פאַרמעהרען זיך ניט אין אונזער קלימאַט. מאַדאַם בעריל האָט געקוקט אויף דעם אָרט, וואו זי וועט אין גיכען אויפהענגען א נייע שטייגעל... מיט אַמאָל האָט א ראָזער הויב זיך אַראָפּגעגליטשט פון טיש, געכאַפּט פון אַן אונזיכטבאַרער האַנד.

— אַך, דו עקעלהאַפטע אַף! ווער האָט זי ארויסגעלאָזט פון דער שטייג?

די פיער מיידלעך זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ער־טער. ראָזאַ און לעאָני האָבען געקייכט פאַר געלעכטער. די אַף, צודריקענדיג פאַרזיכטיג די הויב צו זיך, איז ארומגעשפּרונ־גען אין צימער.

מאַדאַם בעריל האָט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און הילפלאָז געוויינט:

— כאַפּט די אַף, קינדער!

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

בריעף צום רעדאַקטאָר

א ליטעראַריש דראַמאַטישער פאַראיין.

ווערטער רעדאַקטאָר!

ערלויבט אונז צו פאַרעפענטליכען אין אונזער אָרגאַן די „גערעכטיגקייט" דאָס מיר, א גרופּע יונגע־לייט און פריילינס, מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, האָבען געגרינדעט א ליטעראַריש־דראַמאַטישען פאַראיין. אונזער אויפגאַבע אָדער צוועק איז ניט בלויז צו שפּיעלען טעאַטער, נור עס איז אונזער אידעאַל צו בילדען זיך אין דער אידישער ליטעראַטור און דראַמע.

מיר דיינקען, אז אין בראַנזוויל איז דאָ א גענינגענדע צאָהל מעמבערס, וועלכע וועלען זיכער נעהמען אַן אַנטייל אין אַזאַ סאָרט אונטערנעהמונג און וועלען זיך אָנ־שליסען אָן אונזער ליטעראַריש־דראַמאַטי־שען פאַראיין.

מיר פאָדערען אויף אַלע יונגע לייט און פריילינס, מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע באַזיצען איר־גענד וועלכע פעהיגקייט צו פאָרלעזען, דעק־לאַמירען, א. אז. וו. זיך אַנצושליסען. נייע מיטגליעדער קאָנען זיך מעלדען יע־דען אָבענד פון 5 ביז 7 אין לייבאָר ליי־סעאום רום 105, וואו א פאָרטרעטער פון אונזער פאַראיין וועט אויפנעהמען אַפּ־ליקאַנטען.

מיט ברודער גרוס,
מאַקס ניידיטש, סעק.
מעמבער לאָקאַל 11, א. ל. ג. וו. יו.

א דאַנק פאַר ברידערליכע הילף.

ווערטער רעדאַקטאָר!

איך וויל אויסדריקען א הערצליכען דאַנק די ברידער און שוועסטער פון דעם שאָפּ פון קאָהען און קלאָזנער, 146 וו. 25טע סט. זייענדיג קראַנק פאַר די לעצ־טען 9 וואָכען, און האָבענדיג דורכגעמאַכט אַן אָפּערייישאָן, האָבען די ארבייטער אין שאָפּ אָן מיר נישט פאַרגעסען און מיר געהאָלפען ווי ווייט עס איז נור געוועזען מעגליך, נאָך די אומשטענדען.

מיט ברודערליכער גרוס,
משה צינא,
מעמבער לאָקאַל 1, לעדזשער נומער 761

בעסערע סאָרטען מאָווינג פּיקטשורס

די אינטעליגענטע מענשען באַזוכען איצט מאָווינג פּיקטשור טעאַטערס.

דיזע סאָרטען באַזוכער קען מען ניט צופריעדענשטעלען מיט די געוועהנליכע פּוסטע מעשיות וואָס ווערען אין די מיי־סטע מאָווינג פּיקטשור טעאַטערס איצט געציינט.

מען מוז פאַר זיי שאַפען עטוואָס בע־סערעס, עטוואָס שעהנערעס.

און אָט דיזען צוועק האָט אויף זיך גע־נומען די שאַמער־ראָס מאָווינג פּיקטשור קאָמפּאַני פון וועלכער דער באַריהמטער דראַמאַטורג מר. א. שאַמער, דער פאָטער פון „אידישען קאָנגרעס" איז דער הויפּט דירעקטאָר.

„דער הייליגער פלאַם" איז די נייעס־טע שאַפונג אויף דיזען געביעט פון א. שאַמער און דיזע פּיקטשור איז אַזוי שעהן ארטיסטיש אויפגעפיהרט, אז עס וועט „נעהמען דאָס אויג" פון אינטעליגענט־סטען באַזוכער.

אין „הייליגען פלאַם" שפּיעלען די בעסטע ארטיסטען וו. עמיליו סטיווענס, מיריעל אָסטריטש און אַנדערע באַריהמטהייטען.

„דער הייליגער פלאַם" וועט נאָר אין גיכען פאַרטיג ווערען און די מאָווינג פּיק־טשור באַזוכער וועלען האָבען א געלעגענ־הייט זיך צו איבערצייגען וואָס הייסט א שעהנע, קינסטלערישע, אינהאַלטסרייכע פּיקטשור. (...)

וויכטיג פאַר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאָקאַלס!

מיר ווילען דאָ באַקאַנט מאַכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אַלע אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס פון ניו יאָרק, אַזוי גוט ווי פון די קאַנטריס, דאָס די באַ־ריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאָקאַלס, וואָס זיי ווילען האָבען געדרוקט אין דעם לעצטען נומער, מוזען מיר האָ־בען אין רעדאַקציע ניט שפּעטער ווי דיע־סטאָג. דאָס זעלבע באַציהט זיך אויך אויף קאָרעספּאָנדענטען און בריעף־שרייבער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers' Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. 200 E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
Vol. I. No. 39 New York, Friday, October 10, 1919
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

א וויכטיגער פונקט אין אונזער בעטיגקייטס-פראגראם.

ווער עס קוקט מיט אפענע אויגען, און זיי מוזען ניט זעהן דוקא אלעס שווארץ און שווארץ, מוז קומען צום שלוס, אז די וועלט וועט קיינמאל שוין מעהר ניט זיין דאס, וואס זי איז געווען ביז איצט. עס איז קלאר, אז דאס, וואס עס וואלט געמוזט זיין די ארבייט פון א יאהרענלאנגער ענטוויקלונג, דאס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך די שרעקליכע לעצטע פינף יאהר, וואס די גאנצע מענשהייט האט איבערגעלעבט. די האבען געלאזען א מורא'דיג-טיפען איינדרוק, וועלכער וועט לאנג, לאנג זיך לאזען פיהלען. פון איין זייט האבען די דאזיגע שרעקליכע יאהרען ארויסגעוויזען די גאנצע שלעכטקייט און אונפעהיגקייט פון די, וועלכע האבען ביז איצט געשפיעלט די ראליע פון די „בעלי בתים פון לעבען"; און, פון דער אנדערער זייט, זיינען די, וועלכע מען האט געהאלטען ביז איצט פאר די פאריאס, פאר די שקלאפען פון דער געזעלשאפט, זיינען געקומען צום באוואוסטזיין פון זייער וויכטיגקייט, און קיינמאל מעהר וועט דער דאזיגער ערוואכטער באוואוסטזיין קענען אונטערדריקט ווערען.

די דאזיגע ביידע רעזולטאטען זעהען זיך קלאר אויף שריט און טריט אין אונזער אלטעגליכען לעבען. פון איין זייט זעהען מיר די אבסאלוטע הילפלאזיגקייט פון די ביז-איצטיגע מאכט-האבער. עס איז ניט צו מערקען קיין סיסטעם, קיין לייטענדען געדאנק אין קיין זאך, וואס זיי טוען. וואס מען זעהט יע, איז נאך אימער דעם גרויסען חשק אנצוהאלטען די הערשאפט, וואס גליטשט זיך ארויס פון זייערע הענד. אבער גרויס און שטארק ווי עס איז זייער ווילען, אזוי קליין און באגרענעצט איז זייער קענען. פון דער אנדערער זייט זעהט מען די פעסטע ענטשלאסענהייט פון די, וועלכע זיינען ביז איצט געשטאנען אויפ'ן סאמע לעצטען טרעפעל פון דעם געזעלשאפטליכען לייטער צו פארנעהמען דעם סאמע אויבען-אן, דעם פלאץ, וועלכער, לויט זייער טיעפסטער איבערצייגונג, קומט זיי מיט רעכט, און פון וועלכען זיי זיינען פאר יאהר-טויזענדע בארויבט געווארען דורך איינפאכע געוואלד און דורך אלערליי טריקס.

גערי, דער שטאל-טראסט-קעניג, און זיינע חברים זעהען די זאך גאנץ קלאר, פיעל קלעהרער, ווי פרעזידענט ווילסאן, פיעל קלעהרער ווי די איצטיגע פיהרער פון דער א. פ. אוו ל., וועגען וואס עס האנדעלט זיך. אין דער גאנצער סטרייק-באוועגונג, וואס האט ארומגעכאפט דאס גאנצע לאנד, יע, די גאנצע וועלט, איז דער הויפט-שטרעבען ניט, ווי עס הייסט אויבען-אויף, בלויז גרעסערע וויידזשעס, קירצערע שטונדען. מיט דעם וואלטען אונזערע וועלט-איינשלינגער שוין געקענט ווי-ניט-איז שלום מאכען. אבער די אינערליכע טענדענץ פון דער גאנצער הערשענדער אונרוהע איז טאקע צו קריגען אין די הענד פון די ארבייטער די פולע קאנטראל איבער דער אינדוסטריע. די ארבייטער, באוואוסטזיניג אדער ניט, האבען אלס זייער הויפט-ציעל צו פארנעהמען דעם פלאץ פון די, וועלכע האבען ביז איצט געפיהרט די גאנצע גרענדע, וועלכע האבען זיך א נאמען געגעבען די קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע".

און דא קומט דער וויכטיגער פונקט, אויף וועלכען עס איז זעהר נויטיג אנצוווייזען.

אויף דעם וויקטארי-באנקעט פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, האט דזשאדזש פענקין אנגעוויזען אויף די שטורמדיגע צייט, וואס מיר לעבען איבער, און דאס באלד, באלד וועלען ניט אלעכע זיגע געפייערט ווערען, ווי דער איטציגער אין דער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק, נאר עס וועט געפייערט ווערען דער זיעג פון סאציאליזם איבער דער גאנצער וועלט. אויף דער דאזיגער רעדע, פול מיט באגייסטערונג, האט דר. הענרי מאסקאוויטש פראבירט ארויפגיסען א שעפעל קאלט וואסער. עס איז אמת, האט ער געזאגט, אז דער ארבייטער-ריעזע האט ערוואכט, און ער איז שטארק גענוג צו פארניכטען די גאנצע איצטיגע ארדנונג. איז ער אבער שטארק און פעהיג גענוג, האט ער געשטעלט די פראגע, אויך צו בויען דאס נייע שעהנע לעבען? פארשטעהט ער, ווי צו ארגאניזירען די פראדוקציאן אזוי, אז מען זאל קענען האפען, אז דאס לעבען פון מענשען אויף דער ערד וועט זיין טאקע שעהנער, ווי עס איז איצט? אט דאס איז, לויט זיין מיינונג, דאס הויפט-פראבלעם פון אונזער צייט.

נאטירליך, קענען די ארבייטער ענטפערען אויף דעם, ערשטענס, אז וועגען דעם וועלען זיי טראכטען, ווען עס וועט קומען דערצו. פריהער מוז מען ארויסרייסען די מאכט פון די איצטיגע מאכט-האבער. און, צווייטענס, קענען זיי ענטפערען, אז ערגער, ווי עס איז איצט, קען שוין ניט זיין. גענוג איז, דאס דער קאפיטאליזם האט זיך ארויסגעוויזען באנקראט: אונטער זיין הערשאפט איז די גאנצע אינדוסטריע פאראליזירט; די פראדוקציאן א דורכפאל, קען ער וועניגער פון אלע ארויסקומען מיט אלערליי פרעטענזיעס. זיי, די קאפיטאליסטען, וועלכע האבען געבראכט די וועלט צו אזא צושטאנד פון עלענד און דעמאראליזאציע, יע, צום סאמע שוועל פון ר אינע, האבען ניט קיין רעכט צו פרעגען ביי דעם ערוואכטען ארבייטער-ריעזע, אויב ער איז געוואקסען פאר דער ראליע, וועלכע ער געהט שפיעלען אין דער וועלט.

אזא ענטפער שיינט צו זיין אויבען-אויף א גאנץ ריכטיגער, אבער דאך, טראכט איהר זיך אריין אביסעלע טיעפער, איז ער ווייט ניט צופרידענשטעללענד.

איז עס ניט עטוואס צו ליכטזיניג צו זאגען, אז וועגען דעם, וואס זיי האבען צו טאן, ווי זיי דארפען בויען די נייע וועלט, וועלען זיי ערשט טראכטען ווען זיי וועלען האבען די מאכט? מיר האבען מורא, אז דאן וועט עס זיין עטוואס צו שפעט; טראכטען וועגען דעם, וואס עס איז נויטיג צו טאן, ווען דער ארבייטער-קלאס וועט ווירקליך האבען די מאכט, איז דוקא איצט די צייט. און ווען ער זאל חלילה קריגען די מאכט און דאן ניט וויסען, ווי זיך צו באנוצען מיט איהר, איז די געפאהר זעהר גרויס, אז די ערווארבענע מאכט זאל פאר איהם מעהר שעדליך, ווי נוצליך זיין.

צווייטענס, איז עס ניט ריכטיג, אז עס קען ניט זיין ערגער, פיעל, פיעל ערגער; שלעכט ווי עס האט געבאלעבאטעוועט דער קאפיטאליזם, האט ער דאך אין זיין צייט ערפילט א גרויסע ארגאניזאטארישע ארבייט, וועלכע האט געטריבען די געזעלשאפט ניט צוריק, נאר אלץ פארווערטס און פארווערטס. איז דער ארבייטער איצט, אין זיין איצטיגען ענטוויקלונגס-שטאדיום, פעהיג איבערצונעהמען אט די ארגאניזאטארישע פונקציע אין דער געזעלשאפט, און עס מאכען בעסער, ווי דער באנקראטירטער קאפיטאליזם? אט דאס איז די גרויסע פראגע.

מיר צווייפלען, נאטירליך, ניט, אז דער ארבייטער-קלאס וועט מוזען נעהמען אויף זיך די דאזיגע אויפגאבע. פריהער אדער שפעטער וועט עס געשעהן. דאס איז „דער אייזערנער מוז פון דער געשיכטע", אבער איז די צייט שוין געקומען פאר דעם?

קוקענדיג מיט אפענע אויגען אויף אלץ, וואס קומט פאר סיי ביי אונז אין לאנד, און סיי אין דער גאנצער ברייטער וועלט, קען ניט געגעבען ווערען א באשטימטער פאזיטיווער ענטפער אויף דער דאזיגער שווערער פראגע. אמת, פון איין זייט געפינען מיר דא איינצעלנע ארבייטער, וועלכע, ווי עס שיינט, זיינען פאלשטענדיג ערוואקסען פאר דער גרויסער היסטארישער ראליע. וואס איז אבער מכח די גרויסע מאסען, וואס זיינען ניט נאר גלייכגילטיג צו דאס נייע, וואס ווערט געשאפען, נאר זאגאר פיינדליך, און בערייט מיט זייער לעבען, מיט זייער בלוט צו פארטיידיגען די ארדנונג, אין וועלכער זיי זיינען דאך ניט מעהר ווי שקלאפען?

באטראכט, למשל, די שרעקליכע שחיטות פון די אידען אין אוקראינא און אין פיעלע אנדערע פלעצער, וואס זיינען פארגעקומען, איז דאס ניט א סימן פון שרעקליכער ברוטאליטעט, פון דעם נידריגסטען גראד פון גייסטיגער צוריקגעשטאנענקייט, וואס איז פעהיג בלויז צו צושטערען און איז אבסאלוט אומפעהיג עטוואס צו בויען?

נעהמט דעם פאל פון אונזערע ראסען-ראיאטען מיט אונזערע לינטש-מאבס, און מיט דער גאנצער עפענטליכער מיינונג, אויב ניט אין גאנצען גינסטיג געשטימט צו די דאזיגע ברוטאלע אויסברוכען, איז, וועניגסטענס, ניט געגען דעם. קען מען ביי דעם אנבליק פון אזעלכע מאסען „באוועגונגען" דענקען פון דער פעהיגקייט פון אט דיזע ווילדע ברוטאס צו העלפען בויען דאס נייע לעבען?

נעהמט דעם פאל, ווען אמעריקאנער ארבייטער, באשעפטיגט פון שטאל-טראסט, טרעטען אויף אין סענאט אלס עדות געגען די שטאל-סטרייקער, ערקלערענדיג, אז דער גאנצער סטרייק איז א באלשעוויסטישע קאנספיראציע, קען מען אויף איין מינוט צולאזען דעם געדאנק, אז אט די, וועלכע זיינען בשום אופן ניט קיין אויסנאהם, וועלכע רעפרעזענטירען מיט זיך די גרויסע מאסען אמעריקאנער ארבייטער, אז די צייט איז שוין רייף פאר אט דאס גרויסע נייע לעבען?

נעהמט דעם פאל אין די לענדער, וואו די ארבייטער האבען שוין באשיינפערלאך פארכאפט די מאכט, באטראכט ווי די דאזיגע מאכט ווערט פארווענדעט, ווי גרינדליך איינע די אנדערע שניידען זיך די העלזער; באטראכט, איבער וועלכע קליינינקייטען עס קומען ארויס אט די דאזיגע שוידערליכע ברודער-מערדערי'ען, און, ווי אונז שיינט, איז שווער צו קומען צו אן אנדער שלוס, ווי דער, אז נאך איז ניט געקומען די צייט פאר אט יענעם גרויסען זיעג, פון וועלכען דזשאדזש פענקין רעדט, אז עס איז נאך דא פיעל, פיעל ארבייט צו טאן, ארבייט פון ארגאניזירונג, ארבייט פון א טיפערער אויפקלעהרונג, פון א טיכטיגערער אויסבילדונג, כדי דער ארבייטער-קלאס זאל קענען מיט ערפאלג פארנעהמען דעם פלאץ אין לעבען, וואס די געשיכטע, דער מענשליכער פארטשריט האט פאר איהם באשטימט.

אין די פריהעריגע יאהרען איז אנגעגאנגען צווישען די פארשיעדענע סאציאליסטישע שולען א דעבאטע איבער דעם, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אין דער קורצער פראגע. „דורך פרייהייט צו בילדונג, אדער פארקעהרט, דורך בילדונג צו פרייהייט?" אונז שיינט, אז דאס לעבען אליין האט געגעבען זיין אונצווייפעלהאפטען ענטפער אויף דער פראגע. און דער ענטפער איז ניט קיין אנדערער, ווי נאר „דורך בילדונג צו פרייהייט". אז קיין אנדערער וועג איז ניט מעגליך, און כאטש דער וועג איז א לאנגזאמער און שווערער, אבער אזוי ווי קיין אנדער וועג איז ניטא, מוז דער אנגענומען ווערען. און וואס קלעהרער עס וועט ווערען פאר אלע די נויטווענדיגקייט פון דעם וועג; וואס מעהר עס וועט אריינדרינגען דער באוואוסטזיין אין אונז אלע, אז עס איז ניטא קיין „קעניגליכער קורצער וועג" צו פרייהייט, דאס קירצער וועט דער וועג געמאכט ווערען.

דערפאר באטראכטען מיר די ארבייט פון אונזערע צייטשריפטען, אויף אזויפיעל אויף וויפיעל זיי טוען אויף די נויטיגע ערציהערישע ארבייט פון אונזערע מאסען מיטגליעדער, פאר איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון אונזער „אינטערנעשאנאל". דערפאר באטראכטען מיר פאר העכסט-וויכטיג די גאנצע ערציהונגס-ארבייט, וואס די „אינטערנעשאנאל" טוט אויף דורך איהרע קורסען. די דאזיגע ערציהונגסארבייט, כאטש זי קאסט פיעל מיה און געלד, האט ניט געבראכט ביז איצט קיין גאר גרויסע רעזולטאטען, און דאס נאר דערפאר, ווייל די גרויסע מאסען פון אונזערע מיטגליעדער אין ניו יארק האבען זיך פארהאלטען כמעט ווי גלייכגילטיג צו דעם גאנצען אויפטו. מיר שרייבען די דאזיגע ווערטער מיט א געפיהל פון שאנדע און וועהטאג, און האפען, אז פון איצט אן און ווייטער וועלען די גרויסע מאסען מיטגליעדער זיך מעהר פאראינטערעסירען מיט דער ארבייט. ווי באלד עס איז שוין יא באשערט די ארבייטער צו ווערען די בעלי בתים פון לעבען, מוזען זיי דאך זיך גוט פארברייטען פאר דעם. וועה וועט זיין צו לעבען, ווען ער וועט ניט געפינען זיינע פלאנצער און בויער, פארבארייטעט און געוואקסען פאר זייער ראליע.

און דערפאר טאקע האפען מיר און ערווארטען, אז איינע פון די הויפט-פראגען אויף די באראטונגען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באפאלא וועט זיין אט די פראגע פון אלץ א טיעפערער און ברייטערער אויסבילדונג. מיר ערווארטען, אז דער דזש. עקז. ב. וועט זיך באציהען צו דער פראגע מיט דעם טיעפסטען ערנסט, וואס זי פארדיענט.

די קלאוק-סיטואציע אין פילאדעלפיא

שרייבענדיג מיט א פאר וואכען אויף דיזען פלאץ וועגען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער-יוניאן אין פילאדעלפיא, און וועגען דעם מיטינג אין ארטש סט. טעאטער, ווי אויך וועגען דעם גרויסען וואוט פאר וואך-ארבייט, האבען מיר אויסגעדריקט אונזער האפנונג, אז איצט וועט שוין אלעס געהן כשורה, אהן דעם מינדעסטען אפהאלט, אזוי דאס נאר אין א קורצער צייט וועט אויך פילאדעלפיא זיין אין רייהע און גליעד, וואס אנבעטרעפט דער סיסטעם פון וואך-ארבייט, מינימום סקייל פון וויידזשעס און א באדייטענדער פארקירצונג פון די ארבייטס-שטונדען, מיט ניו יארק, באסטאן, שיקאגא און אנדערע גרויסע צענטערס פון דער קלאוק-אינדוסטריע. אבער, לויט מיר הערען, האט א הייפעלע קלאוקמאכער, די נאר קנאפע מינאריטעט, וואס איז געגען די איינפיהרונג פון וואך-ארבייט, באשלאסען צו שטערען דער גרויסער רעוואלוציע מיט אלע מיטלען, מיט וועלכע זיי האבען נאר די מינדעסטע מעגליכקייט זיך צו באנוצען.

פריהער האט עס געהייסען, אז זיי ווילען ניט אנדערש קיין וואך-ארבייט, סיידען מען זאל זיי צוזאגען, ניין, גאראנטירען כאטש פאר א גאנצען יאהר ארבייט. אז די מאיאריטעט האט אבער דאס פארווארפען, איינזעהענדיג די אונמעגליכקייט פון אזא פאדערונג, טרייען די דאזיגע טראבעל-מאכער צו געפינען אנדערע מיטלען, ווי צו שטערען אט דעם גרויסען אויפטו.

די דאזיגע איינצעלנע פארשטעהען גאנץ גוט, אז זיי קענען קיינמאל קיין ערפאלג ניט האבען אין זייער צושטערענדער ארבייט, אזוי לאנג ווי די קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא וועלען האבען זייער צוטרוי צו דעם דזשאינט באארד, צו די, וועמען זיי האבען אויסערוועהלט אלס זייערע בעאמטע, באמיהען זיי זיך מיט אלע קרעפטען צו אונטערגראבען אט דעם צוטרוי. דער חשבון איז א ריכטיגער: וואס וועלען קענען דאן טאן די בעאמטע פאר די איינפיהרונג פון דער נייער סיסטעם, אהן דעם פולסטען צוטרוי פון דער יוניאן?

דאס איז דער איצטיגער פלאן אט פון דער מינאריטעט, וועלכע ווייל דוקא ארויפצווינגען איהר ווילען אויף דער גרויסער מאיאריטעט. אבער מיר ווארנען זיי, אז זיי שפיעלען זיך דא מיט פייער, און וועלכען זיי קענען זיך גאנץ שטארק פארברענען.

נאטירליך ריידען מיר דא ניט פאר די עטליכע, וועלכע זיינען באוואוסטע ווערקצייג פון די באסעס, און וועלכע ערפילען אזוי געטריי זייער שליחות. פאר זיי ארט אונז ניט, אז זיי וועלען זיך פארברענען, און וואס גיכער, דאס בעסער.

עס ארט אונז אויך ניט פאר די עטליכע איינצעלנע, וועלכע שטעלען זיך געגען דעם ווילען פון דער גאנצער יוניאן נאר דערפאר, ווייל זיי גלויבען, אז דורך די איינפיהרונג פון דער נייער וואך-סיסטעם וועלען כאטש נאר אויף א האר געקריוודעט ווערען זייערע אייגענע אינטערעסען. אזעלכע מענשען, וועלכע זוכען אין אלץ בלויז זייער קליינעם פערזענליכען נוצען, אפילו דאן, ווען צוליעב זייערען א גראשען זאלען צעהנדליגע און טויזענדע מוזען ליידען מאנגעל און נויט. אזעלכע מענשען זיינען פאר א יוניאן ווילדע קראפעווע, און וואס גיכער זיי וועלען זיך ארויסווייזען אין זייער ריכטיגער געשטאלט, דאס בעסער פאר דער יוניאן און פאר דעם טרייד אין אלגעמיין.

עס ארט אונז אבער פאר די פיעלע

אונשולדיגע, וואס קענען פארפיהרט ווערען פון אט דעם דאזיגען הירפעל.

עס איז, נאטירליך, לייכט פאר אירגענד א דעמאגאג הינצורייסען די גרויסע מאסע מיט אלערליי עקסטראוואגאנטע פאדערונגען. למשל, ווען עס האנדעלט זיך וועגען באשליסען א מינימום-סקייל פון וויידזשעס, ווי לייכט איז עס פאר א דעמאגאג, פאר דעם געגנער פון דער וואך-סיסטעם, פארצושלאגען א סקייל, וואס זאל זיין אונמעגליך אויסצופיהרען! זאגט, למשל, דער דזשאינט באארד, אז דערווייל וועט זיין גענוג צו פאדערען 40 דאלאר אלס א מינימום סקייל, וועט געווים דער, וואס וועט אויסשרייען וואס מעהר — 70, 80 דאלאר — פאר א וויילע ארויסרופען די באוויסטערונג פון עולם. ווארים יעדער ווייס דאך, אז 80 דאלאר איז צוויי מאל אזויפיעל ווי 40, טו פאר וואס דאס ניט פארלאנגען? אי, עס איז אונמעגליך, עס איז פשוט אן אונזין, ווייל די קלאוק-אינדוסטריע אין פילאדעלפיא איז-ניט ערגעץ וואו אויף דעם פלאנעט מארס, נאר א טריט פון ניו יארק, און זי קען ניט מעהר באצאהלען, וויפיעל ניו יארק באצאהלט? אי, די גאנצע משונה'דיגע פאדערונג ווערט ארויסגעשטעלט מיט דעם איינציגען צוועק צו שטערען אט דער נייער איינפיהרונג פון וואך-ארבייט, וועלכע איז ווירקליך אין דעם איצטיגען מאמענט פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר דעם קלאוקמאכער און פאר זיין ווייטערען כח צו קענען אויסקעמפפען פאר זיך אלץ בעסערע ארבייטס-באדינגונגען — אויף דעם קען זיך אמאל דער גרויסער עולם ניט כאפען, ווייל פון אויבען-אויף זעהען דאך אט די שרייער אויס צו זיין בעסערע פריינד פון די ארבייטער, ווי די יוניאן זעלבסט. די יוניאן וויל נאר פאר איהרע ארבייטער א מינימום-סקייל פון, זאגען מיר, 40 דאלאר א וואך, און די שרייער ניט אנדערש ווי 80, טו איז דאך קלאר, אז זיי האבען מעהר אינטערעס אין דעם ארבייטער'ס וואוילזיין, ווי די „אפיציעלע" פיהרער!!! אט פאר דעם ווארנען מיר די קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא, זיי זאלען זיך ניט לאזען פארפיהרען פון אט די שרייער און פוסטע פראזען-מאכער.

עס איז אמת, מיר גלויבען ניט, אז עס זאל זיין די מינדעסטע געפאהר פאר דעם. די רענק ענד פייל האט שוין באוויזען, אז זי האט דעם ריכטיגען באגריף וועגען אט די שרייער, און זי האט זיי שוין איינמאל דורך איהר אפשטימונג פאר וואך-ארבייט אהן אירגענד וועלכע גאראנטיען, ווי זיי האבען עס געפאדערט, באוויזען, אז זי איז צו אינטעליגענט, צו איבערלעגט, אז זי זאל זיך אויף א מאמענט זאגאר לאזען בעאיינפלוסען פון אלערליי אונמעגליכע פאדערונגען. דאך האלטען מיר עס פאר נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם, טאמער קענען דאך מאנכע מיטגלידער אונבאקאנטערהייד זיך לאזען אויף א ווייל פארפיהרען.

דער קומענדער מיטינג אין פילאדעלפיא פון אלע קלאוקמאכער נעקסטער זונטאג דארף זיין דארום דער ענטשיידענדער. זאל די גרויסע מאסע קלאוקמאכער, וועלכע האבען פון שטיק-ארבייט ניט געהאט קיין אנדער זאך, ווי צרות און סלעק, אויפטרעטען אזוי ענטשלאסען אין איהר קאמפף פאר וואך-ארבייט, ווי מעגליך, אז די אינטריגאנטען געגען וואך-ארבייט זאלען ענדליך דערפיהלען, אז עס וועט זיי קיין זאך ניט העלפען, אז די וואך-ארבייט מוז איינגעפיהרט ווערען; זאלען די גרויסע מאסען אזוי שטארק ווי מעגליך אויסדריקען זייער צוטרוי צו די, וועמען זיי האבען אויסערוועהלט אלס זייערע פיהרער און וועמען זיי האבען ביז איצט געשענקט זייער צוטרוי, און וועלכען די אויסערוועהלטע האבען נאך ביז איצט קיינמאל ניט אפגענארט. ווען דאס וועט אויסטאן דער נעקסטער מיטינג, דאן וועלען אט די עטליכע ווערקצייג פון די באסעס, אדער גלאט די פוסטע שרייער איינזעהן, אז עס איז אומזיסט זייער מיה אז זיי האבען פארשפיעלט זייער לעצטע קארט. די יוניאן וועט דאן דאס בעסער קענען אויספיהרען פאר איהרע מיטגלידער די בעסט-מעגליכע באדינגונגען.

אונזער נייער ראמאן.

פאראן מענשען, וועלכע גלויבען, אז א ראמאן אין א צייטשריפט ווי אונזערע איז נאר אין גאנצען איבעריג. ווער קען עס, טענה'ן זיי, לייענען די פארטזעצונגען פון וואך צו וואך? עפעס אמת איז דא אין דער טענה, און דאך ווייסען מיר, אז פיעלע לייענען יא דעם ראמאן אין דער צייטונג און האבען פון איהם דוקא שטארק הנאה, און, וואס איז דאס וויכטיגסטע, זיי לערנען פון איהם וועגען דער וועלט און מענשען פיעל מעהר, ווי זיי וואלטען עס געקענט לערנען פון א טרוקענעם טעארעטישען ארטיקעל אדער בוך.

און אט דערפאר האלטען מיר יע פון געבען פלאץ אין דער צייטונג פאר דעם סארט ליטעראטור, וועלכע זאל זיין גלייכצייטיג אי אנגענעהם אי ניצליך. מיר האבען זיך אימער באמיהט דורך אונזער אויסוואהל צו ערפילען אט דעם ציעל. ווי ווייט אבער אונזערע לעזער און לעזערינס זיינען מיט אונז איינפארשטאנען, ווייסען מיר ניט. בלויז פון צייט צו צייט הערען מיר א פאראיינצעלטע מיינונג וועגען אונזער אויסוואהל, וועלכע איז נאטירליך ווייט ניט מאסגעבענד פאר דער גרויסער צאהל פון אונזערע לעזער.

מיט אונזער איצטיגען ראמאן, אונטער דעם נאמען „דאס געיעג נאך ליעבע", גלויבען מיר, אז דער אויסוואהל איז ווירקליך א העכסט-געראטענער. ער איז, ערשטענס, העכסט אינטערעסאנט, און, צווייטענס, וועלען די לעזער געווים איהם לעזען מיט גרויסען נוצען. עס שיינט אונז, אז דורך דעם ראמאן לאזט אונז די פערפאסערין אריינבליקען אין דער נשמה פון דער פרוי טיעפער, איינדרינגליכער, ווי דאס האט ווער געטאן פאר איהר. עס שיינט אונז, אז געוויסע צושטענדע אין אונזער לעבען, איבערהויפט וואס אנבאטרעפט דעם געשלעכטס-לעבען, זיינען געשילדערט געווארען פון דער פערפאסערין מיט אזא קלארהייט פון בליק און מיט אזא קענטניס פון דער לאגע, אז מאנכע וועלען מוזען באדייטענד ענדערען זייער קוק אויף גאר פיעלעס אין דער דאזיגער באציהונג. אלס דער הינטער-גרונד פון דעם ראמאן איז אונזער צייט מיט איהר אויסגעלאסענהייט, פארדארבענהייט פון זיטען, שמאלען עגאאיזם, וועלכער איז געשילדערט געווארען העכסט-רעאליסטיש. בקיצור, מיר רעקאמענדירען אלע אונזערע לעזער און לעזערינס ניט צו פארפעהלען צו לעזען דעם ראמאן, וואס מיר פאנגען אן צו דרוקען מיט דעם נומער „גערעכטיגקייט". צו גלייכער צייט בעטען מיר אונזערע לעזער און לעזערינס ניט צו קארגען מיט א פאר ווערטער וועגען [illegible] אייגענע איינדריקע פון דאס [illegible]. אזא אויסטויש פון מיינונגען צווישען די לעזער און אונז איבער [illegible] דאזיגער ראמאן ענטהאלט [illegible] און זעהר נוצליך.

דער רענט יקרות און די לאנד ספעקולאציע

פון א. זעלדין

וועט אמאל נעהמען אן ענד צו דעם מאנגעל אין וואוינונגען?

דאס איז איצט איינע פון די אנגעוועהטאגטע פראגען, וואס באאונרוהיגט אלע קלאסען און שיכטען פון דער געזעלשאפט און זי ווערט ברענענדיגער מיט יעדען טאג.

כדי צו פארשטעהן די פראבלעם ריכטיג, דארף מען גלייך פון אנפאנג ערקלעהרען, אז דא איז ניט אזוי די פראגע פון דעם יקרות אויף וואוינונגען, ווי פון דעם מאנגעל אין וואוינונגען. וואס אנבאלאנגט וואוינונגען, האט זיך דער יקרות גענומען הויפטזעכליך פון דעם מאנגעל. ווען עס וואלט איצט געווען גענוג וואוינונגען אין די גרויסע שטעדט, וואלט דער יקרות ניט געווען אזוי גרויס און די לענדלארדס וואלטען זיך אזוי פיעל ניט ערלויבט צו שינדען די הויט פון זייערע טענענטס. ווייל עס איז דא א מאנגעל, דאס הייסט, ווייל עס זיינען דא א סך פאמיליעס וואס זוכען וואוינונגען און קענען זיי ניט געפינען פאר קיין געלד, אלץ מעהר ווערט פארשארפט דער אפעטיט ביי די לענדלארדס, אלץ גרעסער ווערט די ספעקולאציע אויף הייזער און אלץ העכער שטייגען די פרייזען.

וואס אנבאלאנגט וואוינונגען איז דער יקרות ניט קיין געקינסטעלטער, נאר א נאטירליכער, לויט די עקאנאמישע געזעצען פון פארלאנג און אנבאט. וועהרענד ביי אנדערע לעבענס-נויטווענדיגקייטען שאפען די פראפיטירער א געקינסטעלטען מאנגעל כדי צו רייסען פרייזען, האבען די לענדלארדס דאס ניט געדארפט טאן.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Oct. 10, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די הויפט אורזאכע פון דעם מאנגעל אין וואוינונגען איז געווען די מלחמה. די וואוינונג בוי-אינדוסטריע האט זיך אין די צוויי יאהר מלחמה כמעט ווי אפגעשטעלט. די רעגירונג האט פארטאן די מעהרסטע בוי-מאטעריאלען אויף מלחמה צוועקען און הויפטזעכליך האט זי אפגעצווינגען די בוי-ארבייטער אין מלחמה-אינדוסטריעען.

דער רעזולטאט איז וואס אין די צוויי יאהר מלחמה זיינען כמעט קיין נייע הייזער ניט געבויט געווארען און די הייזער-בוי אינדוסטריע קומט זעהר לאנגזאם צו זיך ערשטענס דערפאר וואס עס פעהלען נאך וויכטיגע מאטעריאלען, ווי ציגעל, די פראדוקציע פון וועלכע עס האט זיך כמעט ווי אפגעשטעלט אין דער צייט פון דער מלחמה, און, צווייטענס, ווייל דער פרייז פון ארבייט איז זעהר הויך געשטיגען אין די לעצטע עטליכע יאהר און די הייזער-בויער האבען מורא איינצושטעלען צו בויען איצט טאמער וועלען די פרייזען פון ארבייט אמאל פאלען און מען וועט שפעטער קענען בויען הייזער ביליגער און די איצט אויפגעבויטע הייזער וועלען דעריבער מוזען פאלען אין פרייז.

די הייזער-בוי אינדוסטריע איז איצט, אלזא, ניט קיין גוטער געשעפט און די בויער ווילען ניט נעהמען קיין ריזיקע.

דער וואוקס פון דער באפעלקערונג אין די שטעדט האט זיך אבער ניט אפגעשטעלט צוליעב דער מלחמה. פארקעהרט, זי האט זיך נאך פארגרעסערט צוליעב פארשיעדענע אורזאכען.

דער לעזער געדענקט נאך מן הסתם די גערעטעניש אויף חתונות, וואס מיר האבען געהאט מיט א יאהר צוויי צוריק. יעדע חתונה האט באדייטעט א נייע פאמיליע, וועלכע האט זיך גענויטיגט אין א דירה. אויסער דעם איז די שטאטיש באפעלקערונג געוואקסען דורך דעם וואס א סך דארפישע איינוואוינער זיינען צוגעצויגען געווארען דורך דער גרויסער פראספעריטי אין די אינדוסטריען. די לאגע איז איצט אזא, וואס א סך יונגע פארלאך וואלטען געוואלט חתונה האבען, נאר זיי קענען ניט, ווייל זיי קענען ניט קריגען קיין דירות. צווישען עולם געהט איצט ארום א ווערטעל, אז עס איז לייכטער צו קריגען א חתן אדער א כלה, ווי אן אפארטמענט.

מען קען אייגענטליך אין דעם זעהן א נייע געפאהר פאר דער צוקונפט פון אמעריקא. וויבאלד דער יונגער דור קען ניט חתונה האבען, שמעקט עס דאך שוין מיט ראסען-זעלבסטמארד... די געפאהרען פון דער געגענווארט זיינען אבער אזוי פיעל און אזוי גרויס, אז מען קען די געפאהרען פאר דער צוקונפט א ווייל לאזען צורוה.

די פראגע איז, אלזא, וואס זאל געטאן ווערען צו פארלייכטערען אט די אונמעגליכע לאגע?

על פי שכל און על פי יושר האט אין דעם געדארפט נעהמען א האנד די רעגירונג. וויבאלד הייזער זיינען דא וועניג און בעלנים אויף זיי זיינען דא א סך, האט די רעגירונג געדארפט באשטימען א מין הייזער-פארוואלטער, וועלכער זאל רעגולירען די וואוינונגס-פראגע און ניט איבערלאזען עס אינגאנצען אויף דעם יושר פון די לענדלארדס. עס איז ניט וויכטיג ווער עס זאל עס טאן, צי די סטייט אדער די פעדעראלע רעגירונג, אבער די זאך זאל געטאן ווערען.

דער חסרון אבער איז, וואס די רעגירונגס-מענשען זיינען זעהר גרויסע אפטימיסטען און פארלאזען זיך אויף דער צייט, וואס דארף לעזען אלע פראגען און פראבלעמען, זי זאל ברענגען א ישועה אויך צו דער הייזער-פראבלעם.

די רעגירונגס-מענשען האפען, אז מיט דער צייט וועלען צוגעגרייט ווערען די נויטיגע בוי-מאטעריאלען, עס וועלען זיך אפזוכען די נויטיגע קאפיטאלען און די נויטיגע הייזער וועלען אויפגעבויט ווערען. דאן וועט ניט זיין קיין מאנגעל און די טענענטס וועלען ווידער קענען פריי ארומלויפען פון איין דירה אין דער צווייטער און עס וועט ווידער ווערען שלום ושלוה, ווי אין די אמאליגע גוטע צייטען.

דערווייל קומען צו די רעגירונגס-מענשען מיט אזעלכע פארעווע מיטלען, ווי די ניו יארקער מעיאר'ס קאמיטע געגען רענט-פראפיטירינג, וועלכעס טשערמאן איז אליין א לענדלארד, וואס האט געהעכערט רענט זיינע שכנים און וועלכער האט גארניט איינגעטאן אפצושרעקען די לענדלארדס זיי זאלען איינהאלטען אביסעל זייער אפעטיט. אלס באווייז קען דינען דער פאקט, וואס צעהן טויזענד רענט-קייסעס זיינען די וואך פארגעקומען אין די שטאדטישע געריכטען.

אבער ווען מען זאל אפילו אננעהמען, אז דער אפטימיזם פון די רעגירונגס-מענשען איז א בארעכטיגטער, אז דער מאנגעל אין הייזער וועט מיט דער צייט אפגעשאפט ווערען, קען מען אבער ניט ערווארטען, אז דער יקרות אויף וואוינונגען זאל דערמיט אויך אפגעשאפט ווערען.

ווען אפילו מען זאל אננעהמען, אז די פרייזען פון בוי-מאטעריאלען וועלען זיך באלד איינשטעלען און די נויטיגע קאפיטאלען וועלען געפונען ווערען, דארף מען נעהמען אין באטראכט נאך זעהר א וויכטיגען עלעמענט אין דער הייזער-בוי אינדוסטריע, און דאס איז דאס לאנד, אויף וועלכע די הייזער דארפען געבויט ווערען.

הייזער, ווי אלע ווייסען, ווערען ניט געבויט אין דער לופט, נאר אויף דער ערד. כדי אויפצושטעלען א הויז, מוז מען קודם כל האבען א פלאץ, אדער א „לאט", אויף וועלכען דאס צו שטעלען, און דא קומען מיר צום שווער-פונקט פון דער פראבלעם.

מען קען ניט זאגען אז אין ניו יארק, צום ביישפיעל, זאל זיין א מאנגעל אין פלאץ, אויף וועלכען מען זאל קענען בויען נייע הייזער. עקספערטען זאגען, אז ארום ניו יארק איז דא גענוג פלאץ נאך פאר א צוואנציג מיליאן מענשען, ווען הייזער זאלען דארט אויסגעבויט ווערען אזוי געדיכט ווי אין שטאדט גופא. יעדענפאלס איז דא ארום ניו יארק, דאס הייסט אויפ'ן שטח פון וואנען עס איז לייכט צו קומען צופאהרען יעדען טאג אין שטאדט אריין, גענוג פלאץ פאר נאך עטליכע מיליאן מענשען. איז די פראגע: וואס זשע שטעהט אין וועג, אז אט דער שטח זאל פארבויט ווערען?

איז דער ענטפער: די ריעל עסטייט ספעקולאנטען.

דאס גאנצע לאנד, וואו די נויטיגע הייזער דארפען געבויט ווערען, איז אויסגעקויפט געווארען פון לאנד-הענדלער, וועלכע האלטען עס אויף ספעקולאציע. אזוי שנעל ווי עס ווערט א פאדערונג אויף „לאטס", אזוי גיך הויבען זיי אן שטייגען אין פרייז, און וואס גרעסער די פאדערונג, אלץ העכער שטייגט דער פרייז פון די לאטס.

די ספעקולאנטען האבען דאס לאנד אפגעקויפט אזוי ביליג, אז זיי קענען זיך פארגינען האלטען די „לאטס" יאהרען-לאנג אויף ספעקולאציע. עס געהט שוין אן א לענגערע צייט א באוועגונג, אז די שטאדט זאל ארויפלעגען א שווערען טעקס אויף די לעדיגע לאטס אזוי, אז די ספעקולאנטען זאל זיך ניט לוינען צו האלטען זיי פאר ספעקולאציע, ביז וואנען זיי וועלען קריגען א העכערען פרייז פאר זיי און דאס וואלט זיי געצוואונגען צו פארקויפען די „לאטס" פאר מעסיגע פרייזען, אזוי אז עס זאל זיך לוינען צו בויען אויף זיי נייע הייזער. דאס וואלט זיכער ערמוטיגט א סך מענשען ארויסצוציהען זיך פון די ענג-באזעצטע קווארטאלען א ביסעל ווייטער און עס וואלט פיעל פארלייכטערט די ענגשאפט און דעם יקרות אויף וואוינונגען אין דעם צענטער פון שטאדט.

די ריעל עסטייט אינטערעסען האבען אבער א היבשען איינפלוס אויף די רעגירונגס-מענשען און די זאך איז נאך דערווייל אלץ א פראיעקט.

[illegible] איצטיגער גרויסער מאנגעל און [illegible] אויף וואוינונגען שטעלט דעריבער [illegible] די פראגע פון לאנד-ספע[illegible] אויף דער טאגעס-ארדנונג.

אין דער טעאטער וועלט

„טביה דער מילכיגער", פון שלום־עליכם אין דער אידישער ליטעראטור געפינט זיך ניט אין קיינע רעקאמענדאציעס. און זיין רעפוטאציע איז א כשר־פארדיענטע. אין טביה דעם מילכיגען האט דער אידישער הומאריסט און קינסטלער געשילדערט דאס גאנצע אידישע לעבען אין רוסלאנד, וועניגסטענס, אין א גרויסען טייל פון רוסלאנד, אין אוקראינא און כאטש דאס געשילדערטע לעבען קלינגט איצט, ווען אידיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער, ווי אן אלטע מילדע מעשה'לע, דאך דער געדאנק צו דראמאטיזירען א טייל פון אט דעם אידישען לעבען אין אוקראינא, אזוי אז דער גרויסער עולם, וואס לייענט ניט קיין ביכלאך, זאל ווערען באקאנט מיט דעם, איז געוויס א זעהר גוטער. און עס איז געוויס ווערט געווען די צייט און די מיה פון אונזער פארשטארבענעם שלום־עליכם, וואס ער האט פארשווענדט אויף דעם, און דער אירווינג פליים טעאטער האט געטאן זעהר גוט, וואס ער האט אט די פיעסע געשטעלט און געזארגט פאר איהר שעהנסטער אויפפיהרונג.

עס איז אמת, אז די געשיכטע, וואס ווערט דערצעהלט, איז ניט קיין נייע. אונזער אידישע ביהנע איז פול מיט די דראמען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט, ווי א אידישע מיידעל פארליעבט זיך אין א גויאישען בחור, שמד'ט זיך, האט מיט איהם חתונה, און האט נאכהער חרטה אויף דעם. אבער אין אמת'ע קונסט איז דער ספור המעשה ניט פון גרויסער וויכטיגקייט. וויכטיג איז דאס ווי: צוויי מענשען קענען דערצעהלען איינע און די זעלבע מעשה, און דאך זאל עס זיין א גרויסער אונטערשיעד. איינער דערצעהלט איהר שלעכט, אונגעלומפערט, אזוי אז די ערצעהלונג מאכט ניט קיין איינדרוק; א צווייטער דערצעהלט איהר שעהן, ארויסברענגענדיג ריכטיג אלע אינטערעסאנטע „פאינטס", צוגעבענדיג דערצו א גאנץ אייגענטימליכע באלייכטונג, און די זעלבע אלטע מעשה קלינגט אימער ניי. דאס איז דער חן און דער סוד פון אמת'ער קונסט.

און די דראמע „טביה דער מילכיגער" איז ווירקליך אמת'ע קונסט, אזוי דאס כאטש איהר ווייסט שוין די גאנצע מעשה פון פריהער, און עס פעהלט דער עלעמענט פון איבערראשונג, אבער דאך זייט איהר פון אנפאנג ביז צום סאמע סוף העכסט־געשפאנט.

איהר זעהט פאר זיך לעבעדיגע מענשען סיי אין די געוועהנליכע וואכעדיגע מאמענטען פון זייער לעבען און סיי אין אזעלכע מאמענטען, ווען דאס גאנצע לעבען ווערט אויפגעשטורמט, אויפגעברויזט פון גאנץ אונגעוועהנליכע פאסירונגען. דאס אליין איז שוין דער סאמע עיקר פון אן אמת'ער דראמע. לעבעדיגע מענשען, ניט קיין קוליעס שטרוי, ניט קיין קאריקאטורען.

און טביה דער מילכיגער איז אזוי לעבעדיג אויף דער ביהנע, ווי אין בוך. פיעלייכט נאך מעהר, ווייל אין בוך קענט איהר איהם נאר זעהן מיט אייער פארשטעלונגס־קראפט, אויף דער ביהנע זעהט איהר איהם מיט די אייגענע אויגען.

און מאנכעס מאל איז דער אונטערשיעד צווישען דער פארשטעלונג און דאס, וואס מען זעהט מיט די אויגען, א גאנץ גרויסער. אימער־צו, לעזענדיג טביה דעם מילכיגען, האב איך מיר איהם פארגעשטעלט אלס נידריג־געוואקסען, אויסגעדארט אידעל מיט א געלען פנים, מיט עטוואס פאר'חלומ'טע אויגען, מיט א שפיציג בערדעל א. ז. וו. עפעס אימער האב איך געזעהן מעהר אין טביה'ן די שוואכע זייט פון זיין כאראקטער, זיין אונטערווארפען זיך אונטער די קלעפ פון שיקזאל, זיין מעגליכקייט צו בלייבען לעבען ניט דורך זיין קאמפף, נאר דורך דאס, וואס ער גיט זיך אונטער. האב זיך איהם שוין געקענט פארשטעלען אין דער לאגע פון א קעמפפער, וואס ווייזט ארויס שטארקייט און פעסטקייט פון כאראקטער. עפעס דער נאמען אליין האט מיך ניט דערלאזען צו דענקען אנדערש פון טביה'ן, ווי פון א „מילכיגען", פון א שוואכען, כאראקטערלאזען מענשעל.

אין דער דראמע זעהט איהר, אמת, ניט קיין גאנץ אנדער טביה'ן, אבער א פאראייניגונג פון ביידעס, פון שוואכקייט, פון אונטערווירפיגקייט צוזאמען מיט א פעסטקייט און שטאלץ, וואס קיין זאך קען ניט ברעכען. דערפאר, כאטש אין אנפאנג האט מיר מאריס שווארץ מיט זיין הויכער פיגור אויסגעזעהן זעהר ניט פאסיג פאר דעם מענשעל, ווי איך האב מיר פארגעשטעלט טביה'ן, אבער איך האב מיך באלד צוגעוואוינט צו איהם, און איצט דענק איך, אז טביה דער מילכיגער מעג אויך זיין הויך־געוואקסען, ווארים אין געוויסע מאמענטען וואקסט ער אויס צו דער הויך פון א ריעז. אין געוויסע מאמענטען קעמפפט אט דער מילכיגער טביה א גאנצע וועלט מיט שונאים. ער איז זיכער ניט אימער דער אונטערווירפיגער, דער וואס קען נאר וויינען און בעטען, ער קען אויך סטראשען, שעלטען; ניט בלויז זיך פארטיידיגען, נאר פיהרען אן אגרעסיווען קאמפף.

ניט ווייניגער אינטערעסאנט זיינען די איבעריגע פערזאנען פון טביה'ס פאמיליע, כאטש זיי קומען ניט ארוים אזוי לעבעדיג. חוה, וועלכע פארליעבט זיך אין פעדיא, ווערט קנאפ־וואס געשילדערט. אלעס, וואס מיר ווייסען וועגען איהר, איז דאס זי איז א גאנץ שעהן מיידעל. דאס אליין איז ניט גענוג, נאטירליך. עס וואלט זיך געוואלט וויסען מעהר וועגען איהר. דער צושויער וואלט געוואלט זעהן, וואס עס קומט פאר אין חוה'ס נשמה, ווען זי ענטשליסט זיך אויף דעם גרויסען שריט: צו פארלאזען איהרע עלטערן, זיך אפרייסען פון אלץ, מיט וואס זי איז פארבונדען דורך טויזענדע באנדען, און זיך אנשליסען אן מענשען, אן א פאלק, וועלכעס איז איהר פרעמד. ווען מען קען, אפשר, ניט פארדערען פון טביה'ן צו כאראקטעריזירען זיין חוה'ן, ווען ער דערצעהלט וועגען איהר אין בוך, איז אבער די דאזיגע פאדערונג פאלשטענדיג בארעכטיגט אין דער דראמע, וואו חוה איז שוין ניט מעהר א פערזאן, וועגען וועלכער עס ווערט דערצעהלט, נאר וואו זי איז אליין א האנדלענדע פערזאן. אבער, ניט קוקענדיג אויף דעם פעהלער, ווערט דאך איהר האנדלונג פארשטענדליך דורך דעם געשילדערטען הינטערגרונד אין דער דראמע.

פון איין זייט זעהען מיר איהר שוועסטער, וואס האט חתונה געהאט פאר א אידישען יונגען מאן, וואס איז קראנק, און מיט וועמען זי לעבט אן ארימען, עלענדען לעבען. פון דער אנדערער זייט זעהען מיר, ווי דאס גאנצע דארף האט זיך אזוי ווי פארשווארען איהר אוועקצורייסען פון איהר פאמיליע. טביה דער מילכיגער איז צופיל פארנומען מיט דאגות פרנסה, ער זאל קענען שענקען די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו זיין טאכטער. די מאמע איהרע, א פראסטע אידענע, האלט יעדעס ווארט, וואס איהר חוה רעדט ארוים מיט א גוי, פאר א פארברעכען; דאס גאנצע דארף מיט דעם גלח אן דער שפיצע, האלט חוה'ן אין איין שמייכלען. צו דעם קומט נאך צו דער שעהנער יונגער פעדיא, וועלכער איז ניט בלויז געזונד און שעהן און מוז געוויס מאכען א שטארקען איינדרוק אויף איהר דורך זיין אויסערער שעהנער ערשיינונג, נאר ער האט נאך דעם פארטייל פון צו זיין אביסעל געבילדעט, און קען אויף חוה'ן, די יונגע, די שעהנע, מאכען אן איינדרוק מיט זיין גייסטיגער איבערלעגענהייט.

און אויף אזא אופן, כאטש חוה'ן האט דער קינסטלער אביסעלע געקרייוודעט, אבער פון דעסטוועגען קען מען בשום אופן ניט באהויפטען, אז מיר פארשטעהען ניט איהר האנדלונג. ניין, ביז צו א געוויסען גראד מוזען מיר מיט איהר סימפאטיזירען.

וואס אנבאטרעפט די איבעריגע פערזאנען, זיינען זיי אלע געשילדערט פונקט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס איז נויטיג פאר די פארשטענדניס פון דער האנדלונג. דא זעהט מען דעם אמת'ען קינסטלער, וועלכער מיט איין פינזעל־שטריך מאכט אונז זעהן די פארשיעדענע מענשען, וואס ווערען פארגעפיהרט פאר אונזערע אויגען. מיר זעהען קלאר פאר זיך טביה מילכיגער'ס פרוי, גאלדע, אין בלויז א פאר אויפטריטען, וועלכע ווערט, אגב אורחא, זעהר גוט פארגעשטעלט פון מאדאם פערקויף; זיין צווייטע טאכטער, צייטעל, וועלכע וואלט געקענט זיין א חוה, ווען די אומשטענדען וואלטען זיך נאר אזוי צוזאמענגעלעגט, ווי אין דעם פאל פון חוה'ן. זעהט מען אט די צייטעל אויף דער ביהנע, און הערט מען איהר דערצעהלען פון איהר טרויעריגען פינסטערען לעבען, קריגט מען דעם איינדרוק, אז זי, בעסער פון אלע, פארשטעהט חוה'ן, און דאס אין הארצען איז זי איהר, אפשר, מקנא, וואס איהר איז באשערט געווען אזא גליק. און אפי' זעהען מיר די אלע איבעריגע פערזאנען, ווי דעם גלח, דעם סטאראסטא, דעם יונגען פעדיא. זיי אלע צוזאמען גיבען אייך א שלאגענדען בילד פון דעם דארף אין אוקראינא.

דער עיקר, אלזא, פון דער דראמע, די האנדלענדע כאראקטערע, דער איז ערפילט צו דער העכסטער צופרידענהייט, אבער די האנדלונג אליין איז אויך העכסט אינטערעסאנט, כאטש זי איז ניט גאנץ ניי.

די סצענע, אין וועלכער טביה דער מילכיגער און זיין פרוי געהען זוכען זייער טאכטער אין גלח'ס הויז, מאכט אויף איינעם אן אונפארגעסליכען טיעפען איינדרוק. איהר זעהט אין דער סצענע דעם גאנצען טביה'ן סיי אין זיין טיעפסטער געשלאגענהייט, ווען ער איז באריים צו שטעלען זיך אויף די קניע פאר דעם גלח, וועמען ער האסט מיט אלע פיברען פון זיין נשמה, און סיי אין זיין העכסטער ענטריסטונג, ווען דער גאנצער אידישער שטאלץ ערוואכט אין איהם; ווען ער איז באריים צו ווארפען זיך שלאגען אויף זיין שונא. דאס איז א סצענע, וועלכע נאר אזא קינסטלער, ווי שלום־עליכם, האט געקענט שילדערען, און ניט אריבערגע־פען די מאס. און דער סצענע שפיעלט שווארץ ווירקליך אויסגעצייכענט.

פונקט אזוי שטארק איז דער צווייטער בילד אין צווייטען אקט ביי טביה'ן אין שטוב, אין א שבת פארנאכט. די רוהיגקייט, די שטילקייט פון טביה'ן ווירקט אויף דעם צושויער פיעל שטארקער, ווי ווען ער וואלט געריסען אויף זיך די האר פון קאפ, אדער זיך געשלאגען מיט'ן קאפ אן וואנד.

שטארקער אבער פון אלע איז די סצענע אין דריטען אקט, ווען חוה קומט צוריק אין איהר פאטער'ס הויז, פול מיט חרטה אויף איהר באגאנגענעם פעהלער. דאס איז א בילד, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט דאס איבערמענשליכע, דאס, וואס א פאטער פיהלט פאר זיין קינד, כאטש אויסערליך האט ער עס שוין לאנג ארויסגעריסען פון זיין הארצען.

דאס אלעס צוזאמען מאכט שלום עליכם'ס קאמעדיע־דראמע פאר איינע פון די בעסטע, וואס מיר האבען אויף דער אידישער ביהנע, און עס איז ווירקליך א גרויסער גענוס צו זעהן איהר אזוי אויסגעפיהרט, ווי זי ווערט אין אירווינג פליים טעאטער. מען זעהט, אז מען האט ניט געזשאלעוועט קיין זאך, וואס איז נויטיג, אום צו מאכען אט די דאזיגע קאמעדיע־דראמע אזוי שעהן און אזוי איינדרוקספול, ווי מעגליך.

עס וועט זיין איבעריג צו זאגען, אז שווארץ שפיעלט זיין ראליע פארטרעפליך. עס איז א ראליע, אין וועלכער א טאלענטפולער אקטיאר האט די ברייטסטע מעגליכקייטען ארויסצואווייזען, וואס ער קען, און מאריס שווארץ לאזט ניט אויס קיין איינציגע. איך קען זיך ניט דערמאנען איין פאלשען טאן, איין ניט־געלונגענעם זשעסט פון זיין זייט. ער איז אויסגעהאלטען פון אנפאנג ביז צום סוף. בערטהא גערסטען האט וועניג וואס צו שפיעלען אין איהר ראליע, אבער איהר ערשיינונג, ווי אימער, איז זעהר חנ'עוודיגע. עס שפיעלען אויך זעהר גוט מאדאם פערקויף, מאדאם זילבערט, גוסטאוו שאכט, דזובינסקי, טענענהאלץ און מאלאוו. די קינדער, וואס שפיעלען אין דער דראמע, זיינען געוויס ניט איבעריג. זיי העלפען זעהר פיעל צו פארטרייבען די מרה שחורה, די פינסטערקייט אין טביה'ס שטוב, וואו דער עלענד קוקט ארויס פון יעדען ווינקעלע. די אנדערע אקטיארען, ווי ווייזענפריינד, סקאלניק א. ז. וו., כאטש זייערע ראליען אין דער דראמע זיינען גאנץ אונבאדייטענדע, אבער זיי שפיעלען די אזוי, אז זיי פלאנטערען זיך ניט צווישען די פיס פון די הויפט־פערזאנען, און דאס אליין באווייזט שוין, אז זיי ערפילען זייער אויפגאבע אזוי גוט ווי מעגליך.

דער קריטיקער.

איד - דער אלמעכטיגער

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

איך — דער מאנסביל.

איצט, נאך דער מלחמה, ווען א מאן איז געווארען מיט געלד גליך, ווען די ווייבערשע קאנקורענץ פאר מיר איז געווארען אזוי ברענענד, פיהל איך אפט אזוי, ווי איך וואלט געשוועבט אויף א הויכען, הויכען פעדעסטאל און טיעף, טיעף אונטען וואלט עס געשוויבעלט און געגריבעלט מיט פרויען־הערצער... דאס זיינען די הערצער, וואס מען איז מקריב פאר מיר, כדי אויסצוגווינען ביי מיר א בליק, כדי אויסצובעטען מיינע א צערטליכקייט, כדי צו האבען דאס רעכט צו חלום'ען וועגען מיינעם א קוש.

איך בין תמיד געווען שטאלץ אויף מיין מאנסבילשקייט און איך בין איצט נאך שטאלצער.

מען זאגט: מאדע, ווילדע, משוגע'דיגע מאדעס אויף קליידער ווערען איצט אנגענומען און פארשפרייט. ערקלערען עס איינציגע דערמיט, וואס דאס ווייבערשע געשלעכט האט בעת דער מלחמה זיך אויסגעהונגערט, איז געווארען מאדע־הונגעריג און שלינגט איצט די מאדעס מיט'ן פולען מויל און קען זיך ניט אנזעטיגען. און אנדערע ערקלערען: די וועלט באדט זיך איצט אין רייכטום. יעדער שניידער — א ראקפעלער, יעדער פרעסער — א מארגאן, יעדער ארבייטער — א מאגנאט. און זייערע ווייבער האבען דערפיהלט קעניגליכע אפעטיטען צו מאדעס. אזוי זאגען אנדערע און איך זאג: אלץ נעמט זיך פון דעם מאנסביל־הונגער.

נאך פאר דער מלחמה האבען די ווייבער — — ווי געוועהנליך ווייבער — אביסעל אריבערגעטראגט די מאס און זיינען געבוירען געווארען אין גרעסערע צאהלען ווי די מאנסבילען. און הונדערטע טויזענדע פארשטאכטע ווייבערשע נשמות האבען זיך ארומגעבלאנקעט איבער דער וועלט און געזוכט א תקון אין חופות. און די קאנקורענץ איז געווען גרויס און דער קאמפף איז געווען ביטער און די קאמפף־וואפען זיינען געווען — — די מאדעס.

און איצט באטראכט: ביי צוואנציג מיליאן מאנסבילען זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען אין דער מלחמה און גאט ווייסט, וויפיעל מיליאנען עס זיינען צוקאליעטשעט געווארען אזוי גרינדליך, אז עס איז אונמעגליך זיי צו פארריכטען. און די קאנקורענץ איז נאך שארפער. און דער קאמפף — נאך ביטערער. און נאטירליך דארף די וואפע זיין נאך שארפער, נאך בלאנקענדער, נאך מוידליכער. און דעריבער — די וואקכאנאליע פון מאדעס.

די מאדע — דאס איז דער צייכען פון מיין „מארקעט וועליו", פון מיין מארק־ווערט. ווערט אפגעשוואכט די יאגעניש נאך ווייבערשע מאדעס, הייסט עס: מיין קורס איז געפאלען. ווערט געשאפען א מגפה אויף מאדעס, הייסט עס: מיין קורס שטייגט ביז אין די הימלען.

און איצט איז מיין קורס אזוי געשטיגען, אז איך זעה זיך אויף אזא הויכען, הויכען פעדעסטאל, אז עס שווינדעלט מיר אזש אין קאפ.

נאך פאר דער מלחמה פלעג איך — ארימער זינדיגער מענש — ארומגעהן איבער די גאסען און פיהלען, אז די וועלט איז מיינע.

איך פלעג זיך אפשטעלען ביי די שויפענסטער פון די קראמען, באטראכטען די ווייבערשע קליידער און שיך און די ווייבערשע צירונג און זאגען: דאס איז אלץ צוליעב מיר און פאר מיר; דאס איז אלץ, כדי מיר צו דינען, כדי מיך צו באהערשען, כדי זיך איינצוקויפען ביי מיר אין גנאד.

און איך פלעג קוקען אויף די מחנות פרויען און מיידלאך, פרעהליכע און אויסגעפוצטע, שמייכלענדע און קאקעטירענדע און טראכטען: דאס קעמפפען זיי, כדי מיך צו געווינען. די אין שאפ קלייבט געלט אויף נדן און אויף קליידער; יענע א לידיג־געהערין און אן אויסגעקליעטע — פונם

א באזוך אויפ'ן שלאכטפעלד פון די שטאל סטרייקער

פון ה. לאנג

דאס ערשטע וואס מיר האט זיך געווארפען אין די אויגען, ווען איך האב באזוכט דעם שטאל־דיסטריקט, וואו עס ווערט איצט געפיכטען א גרויסער קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט, איז דער געוועהנליכער אפיס פון דער נאציאנאלער שטאל־סטרייק קאמיטע, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון 24 גרויסע אינטערנעשאנאל יוניאנס.

אן אפיס, פון וואנען עס ווערט דירעקטירט א נאציאנאלער סטרייק און אין אזא פונדאמענטאלער אינדוסטריע ווי עס איז די שטאל־אינדוסטריע, זעהט געוויס אויס ווי די העדקוואדערס פון א גענעראל־שטאב אויף אן אמת'ען שלאכטפעלד — פול מיט סודות און נערוועזיטעט... אזוי האב איך זיך פארגעשטעלט אויף מיין וועג צו פיטסבורג. און אויב ניט קיין מלחמה־העדקוואדערס, האב איך גערעכענט, איז דאס געוויס א קאנצעלאריע פון א פארלאמענט. עפעס א קליינינקייט די ארגאניזאציאנס־מאשינעריע פאר אזא ריעזיגען סטרייק!

ווען מיר האבען דא געהאט אונזער ווייסט מאכער סטרייק, האבען עטליכע צעהנדליג טייפרייטערינס א גאנצען טאג געקלאפט דאקומענטען, פאפירען, פרייזליסטען, קאנטראקטען, רעפארטען און וואס איהר ווילט אין דער וועלט. דער אפיס פון לאקאל 25 איז געווען פול מיט דעסקס און טייפרייטערינס. איך האב דארום געמיינט, אז איך וועל אין דעם אפיס פון די שטאל־סטרייקער טרעפען א הוזשריי פון טייפרייטער מאשינען און גאנצע רייהען דעסקס מיט קלוירקס.

געטראפען האב איך א געוועהנליכען אפיס ערגעץ אויף א דריטען פלאר אין א ביזנעס־גאס פון פיטסבורג, אן אפיס מיט צוויי דעסקס. איין דעסק פאר פאסטער'ן, דעם דזשענעראל סעקרעטער פון דער סטרייק־קאמיטע, און א צווייטען פאר דער בלאנדער מיס א'ניעל, די איינציגע טייפרייטערין פאר דער גאנצער באריהמטער ארגאניזאציאנס־קאמיטע פון 24 אינטערנעשאנאל יוניאנס.

אין דיזען אפיס האט פאסטער קאנפערענצען מיט די לאיערס, וועלכע האבען אויפצופאסען אויף די ארעסטירטע סטרייקער; דארטען בעהט ער אויף די ציימונגס־לייט צו דערצעהלען וואס אין סטרייק קומט פאר און צו ענטפערען אויף די סטייטמענטס, וועלכע עס ווערען געמאכט פון די שטאל־מאגנאטען; דארטען גיט ער ארדערס צו די ארגאנייזערס וועלכע דארפען אויפפאסען אויף דער סיטואציאן אין יעדער שטאל־שטעדטעל באזונדער; דארטען קומען צו איהם די סטאפעטען פון אלע שטאל־דיסטריקטען; דארטען קומען אויך סטרייקער פאר אינפארמאציע; און פרויען פון סטרייקער קומען אהין. זיי קומען הערען צי זיי מעגען ערווארטען, אז זייערע ארעסטירטע מענער וועלען באלד באפרייט ווערען.

די ווענט פון אפיס זיינען באהאנגען מיט פאוסטערס, וועלכע האבען אמאל אנגעזאגט די ארבייטער פון די שטעדטלעך ארום די שטאל־פאבריקען, וואו און ווען עס וועט זיין א פארזאמלונג. איצט לאזט מען דארטען קיין פארזאמלונגען ניט האלטען און די פאוסטערס הענגען אין אפיס פון דער סטרייק־קאמיטע ווי מצבות נאך פרייער רעדע אין אונזער אמעריקא...

— אט פון דאנען פיהרען מיר אונזער שלאכט, — האט מיך פאסטער א זאג געטאן און זיינע שעהמעוודינע אויגען האבען זיך צושמייכעלט.

* * *

די קלאוק מאכער, ווייסט מאכער און אלע אנדערע טויזענדער מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען געוויס געלעזען אין די ציימונגען די סטייטמענטס, וועלכע גאמפערס, פיטצפאטריק און פאסטער האבען געמאכט פאר דער סענאט־קאמיטע, וואס אונטערזוכט דעם סטרייק. זיי האבען שוין אויך געלעזען אין „פארווערטס" און אין די „קאלל" וועגען דעם צארישען רעזשים, וואס עס הערשט אין די שטאל־דיסטריקטען; וועגען די טויזענדע שעריפס, וועלכע „היטען" די פאבריקען מיט אלערליי געווער; און וועגען דער פענסילוועניער סטייט קאנסטאבילערי, די אמעריקאנער קאזאקען, וועלכע רייטען ארום אויף פערד איבער אלע וועגען, וואס פיהרען צו די פאבריק־שטעדטלעך. זיי האבען שוין אויך געוויס געהערט פון די אביסקעס, וואס מען מאכט אין די הייזער פון די סטרייקער און פון די אויסגעשטעלטע ביקסען, מיט וועלכע די קאזאקען זיינען גרייט צו שיסען יעדען, וואס פאלגט ניט זייער קאמאנדע. זיי האבען עס געוויס געלעזען און געטראכט, אז וואהרשיינליך איז דאס איבערגעטריבען. די סטרייק־פיהרער רעדען אזוי און די ארבייטער־ציימונגען שרייבען אזוי, ווייל מען וויל דערמיט מאכען פראפאגאנדא...

איך וויל דא דארום פארזיכערען, אז פארלויפיג האט מען נאך ניט דערצעהלט קיין הונדערטעל חלק פון דעם, וואס עס קומט דארטען ווירקליך פאר. קיינער האט נאך פארלויפיג ניט געשילדערט פאר דער גרויסער עפענטליכער מיינונג פון לאנד דעם ברוטאלען טערראר, וואס ווערט פון די טראסט־מאגנאטען אנגעווענדעט און פון דעם גרויסען שרעק, וואס נעהמט ארום די סטרייקער.

פאהרט מען דורך האמסטעד, אדער קלעירטאן, אדער מעקיספארט, אדער מאנעססען, אדער וועלכע עס איז אנדער שטעדטעל פון פיטסבורגער שטאל־דיסטריקט, מיינט מען — אהן איבערטרייבונג — אז מען געפינט זיך ערגעץ אין דעם אלטען רוסלאנד. אין מאנכע שטעדטלעך איז אפילו פארבאטען פאר עטליכע מענשען צוזאמען צו שטעהן אויפ'ן גאס.

עס איז „וואיענאיע פאלאזשעניע"... קריגס־צושטאנד!...

אויף אלע ביימער ביי די זייטען פון די וועגען, אויף די שטיינער, וועלכע וואקסען ארויס פון די ארומיגע בערג און אויף אלע טעלעגראף סלופעס, זיינען אנגעקלעפט „אביאווליעניעס", „אוקאזען", „פראקלאמיישאנס", וואס מען מעג איצט טאן אין די שטעדטלעך און וואס מען טאר ניט; ווי אזוי מען דארף זיך פארהאלטען אויפ'ן גאס, און וואס פאר א שטראף מען וועט קריגען, ווען מען וועט די „אוקאזען" ניט פאלגען.

די פראקלאמיישאנס זיינען אונטערגעשריבען פון די קאונטי־שעריפס און די מעיארס פון די שטעדטלעך. איהר לעזט זיי און איהר וואונדערט זיך, צי האט איהר ניט ערגעץ פארבלאנדזשעט. ניין, אמעריקא איז דאס ניט...

קענט איהר, ארבייטער, זיך פארשטעלען א שטעדטעל אין אמעריקא, אז ווען אן ארגאנייזער פון א יוניאן וויל קומען רעדען צו אן ארבייטער, צו איהם אין דער היים מוז ער בראדזשענען איבער טייכען, קלעטערען איבער בערג און זיך גנב'ענען דורך וועלדער, כדי קאזאקען זאלען איהם ניט אפשטעלען?...

אט דאס איז איצט די לאגע אין די שטאל־שטעדטלעך.

און מען דארף זיי געבען קרעדיט, אונזערע אמעריקאנער ארגאנייזערס. זיי ווייזען זיך ארויס צו זיין פעהיגע „קאנספיראטארס"... די קונסט פון „געהיימע פראפאגאנדא" איז זיי ניט פרעמד. זיי האבען זיך עס איינגעלערנט. די שטאל מאגנאטען זיינען די לעהרער געווען...

* * *

אבער אנהאלטען א מאסען־באוועגונג דורך געהיימע אגיטאציעס אין די הייזער פון די ארבייטער איז דאך אונמעגליך. וואס אלזא קען מען ערווארטען פון דעם סטרייק? ווי לאנג קען ער זיך אזוי ציהען?

ביז איצט איז די האלטונג פון די סטרייקער געווען א בראווע. פארלויפיג ווערט אין די מילס ניט געארבייט. די קאפיטאליסטישע ציימונגען האבען אפילו לעצטע וואך געשריען, אז די ארבייטער לויפען צוריק אין די פאבריקען. דאס איז אבער געווען א בלאף געשריי. יענע טעג, וועלכע מען האט אנגערופען די פראבע־טעג פון סטרייק, בין איך געווען ארום די פאבריקען. איך בין דורכגעפאהרען אלע שטאל־שטעדטלעך ארום פיטסבורג. די מילס זיינען געווען פוסט. די קוימענס האבען זיך ניט גערויכערט און די שמעלץ־קעסלען האבען די לופט ניט געריסען. די פאבריק־טרובעס האבען מאקע ווי אלע מאל געהילכט און גערופען די ארבייטער. זיי זיינען אבער ניט געקומען. זיי זיינען געבליבען אין זייערע הייזלעך, אין די האלב־צובראכענע כאטקעס, און פון די קליינע פענסטערלעך פון די כאטקעס האבען זיי ארויסגעקוקט צום בערג פון מאנאנגאהעלא ריווער, וואו די מילס געפינען זיך און פוסטעווען איצט.

* * *

די קאפיטאליסטישע פרעסע פון ניו יארק באציהט זיך גענוג ווילד צו דעם שטאל־סטרייק. נאך ווילדער איז די קאפיטאליסטישע פרעסע פון פיטסבורג. איבער גאנצע פיידזשעס פליהען „סטאפ" מיט סטראשונקעס, אז מען וועט די סטרייקער ארויסשיקען פון לאנד. מען וויל מיט דעם איינשרעקען די צעהנדליג טויזענדער סלאווען, פאליאקען, רוסען, אונגארען, רוטהענער, ליטווינען און אנדערע אימיגראנטען־ארבייטער. זיי האבען אבער ביז איצט קיין ווירקונג ניט געהאט.

ווי לאנג אבער קען אזא ריעזיגער סטרייק זיך ציהען אהן פרייע, אפענע פארזאמלונגען, וואו מען זאל קענען צו די ארבייטער רעדען און ערקלעהרען?

אט די פראגע מאטערט די פיהרער פון סטרייק, מאטערט און פלאגט און מאנט אן ענטפער.

פאסטער זאגט מיר, אז דער טעראר פון טראסט וועט דעם סטרייק אנהאלטען. די סטרייקער זיינען ערבימערט, דערצארענט און דאס וועקט אין זיי ענטשלאסענהייט און קאמפפס־לוסט.

פאסטער איז גערעכט. די רייטענדע קאזאקען מיט זייערע ביקסען רעדען שטארקער און העכער ווי צעהנדליגע אגיטאציאנס־רעדעס...

יובילעאום־קאנצערט פון די „פרייע ארבייטער שטימע".

צו דעם פראגראם פון דעם פ. א. ש. יובילעאום קאנצערט איז צוגעקומען נאך א באדייטענדער ארטיסט, רודאלף ראטער, אן אמעריקאנער פיאניסט, וועלכער פארנעמט אן אנגעזעהענעם פלאץ אין דער מוזיקאלישער וועלט. מיט אזעלכע ארטיסטען ווי נינא טאראסאווא, וואן וואליע און רודאלף ראטער, פארשפרעכט דער קאנצערט צו זיין איינער פון די אינטערעסאנטסטע דיזען סיזאן.

קארנעגיע האל וועט זונטאג אווענט דעם 19טען אקטאבער, זיכער זיין איבערגעפאקט, און ווער עס וויל האבען דאס פארגעניגען צו זיין דארט, דארף זיך ביי־צייטענס מאקע שוין באזארגען מיט טיקעטס. טוט עס גלייך, אויב איהר ווילט דארטען זיין.

טיקעטס צו באקומען אין אפיס פון די „פרייע ארבייטער שטימע", 24 ראטגערס סטריט. קויפט שוין אייערע טיקעטס וועט איהר האבען בעסערע סיטס פאר דיזעלבע געלט.

זיך און כאליעס זיך צוליעב מיר. און ביידע קעמפפען, יעדע מיט אייגענע מיטלען מיך צו געווינען.

און אפט פלעג איך ליגען אויף מיין זאפא, פלעג רויכערען און שמייכלען אונטער די אפגעגאלטע וואנצעס, ווייל איך פלעג מאכען א חשבון, אז דריי־פערטעל פון דער אינדוסטריע אין דער וועלט עקזיסטירט נאר א דאנק מיר, נאר דערפאר, ווייל די פרויען וועלען קאנקורירען צוליעב מיר.

און איך פלעג אויסרעכענען, וויפיעל מענשען עס נעהען ווייבערשע קליידער. און וויפיעל עס ארבייטען ביי האר־נאדלען און פארפיומען. און וויפיעל מאניקיוריסטען און מאניקיוריסטקעס עס עקזיסטירען אויף דער וועלט. און וויפיעל טאטעס און מאמעס פראצעווען, כדי צו באזארגען מיט נדן זייערע טעכטער. און וויפיעל באוועגונגען, ראדיקאלע און קאנסערוואטיווע עס עקזיסטירען אויף דער וועלט, כדי חוה'ס טעכטער זאלען זיך ארויסווארפען אין זיי מיט'ן איינציגען צוועק זיך צו באגעגענען מיט מיר. און וויפיעל פאראיינען עס האלטען זיך צוליעב דעמזעלבען צוועק. און טאנץ־קלאסען און בעלער. און פינסטערע „מאווינג פיקטשורס". און די גאנצע שעהנע ליטעראטור, וואס איז דאך אייגענטליך נאר אן אויסדרוק פון דעם קאמפף פאר מיין ליעבע.

אזוי פלעג איך אמאל, נאך פאר דער מלחמה, טראכטען און רעכענען און איך בין געווען שטאלץ. איך בין געווען א קעניג און די וועלט האט באלאנגט צו מיר. די גאנצע וועלט האט זיך געדרעהט ארום מיר.

און איצט, נאך דער מלחמה, בין איך נאך שטאלצער. מיין קורס שטייגט — א סימן: די מאדע־מגפה. מיין קעניגרייך איז שטארקער, מיין מאכט — גרעסער, מיין אונטערגרייכבארקייט — ניט אפצושאצען.

און די ווייבערשע מאראל, זאגט מען, פאלט אומעטום. און דאס הייסט, אז די, וואס זיינען מתפלל און בוקען זיך פאר מיר, זיינען ממש גרייט אויף זעלבסט־אויפאפפערונג צוליעב מיר.

און מיין געטליכקייט וואקסט און מיין הערשאפט — אויך. און ווי יעדער גאט און יעדער הערשער, ווער איך אלץ גרויזאמער מיט יעדען נייעם ברעקעל מאכט.

און איך געה אום א שטאלצער איבער די גאסען, פארריים דעם קאפ צו די הימלען און וויל זיך גארניט אומקוקען אויף די זשעדנע ווייבערשע בליקען, אויף די געמאכטע פרויען־פיגורען — געמאכט פאר מיר, אויף די לעבעדיגע מאדע־אויסשטאטונגען — אויסגעשטעלט פאר מיר.

און איך דערמאן זיך, אז אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך האלט עס אפשר דערביי, מען זאל ערלויבען פיעל־ווייבעריי. און עס דערמאנט זיך מיר די אלטע נבואות: „און זיבען ווייבער וועלען זיך אנכאפען אן איין מאנסביל". און איך פארמאך די אויגען און איך חלום זיסע חלומות: צעהנדליגע ווייבער קלעפען ארום מיר און בעטען זיך, ווי דער נביא זאגט: מיר וועלען זיך אליין ערנעהרען און וועלען זיך אליין קליידען, אבי ליעב אונז! און איך טרוים ווייטער, ווי איך מכ'ייסעל זיי קאלט אפ פון זיך און געה מיר מיין וועג, מיט'ן קאפ אין די הימלען און מיט דער ערד — אלס מיין פוס־בענקעל.

איך — דער נאך־מלחמה'דיגער מאנסביל,

איך — דער ערדישער גאט.

און איך בין א גאט פון ראבע, אן אל קנא ונוקם. איך שטראף ביז'ן זיבעטען דור. איך שטראף די אור־אור־אייניקלעך פאר די זינד פון די אור־אור־באבעס.

דערמאן איך זיך: פאר דער מלחמה האט די און די פארדרעהט שטאלץ דעם קאפ, ווען איך האב איהר פרעך ארויסגעקוקט אין די אויגען; און יענע האט געמיינט, אז זי מאכט מיך גליקליך מיט איהרע ראזעווע ליפען; און די דריטע האט זיך געמאכט פאר א צנועה; און די פערטע האט געשטעלט א פרייז אויף איהר קוש: חתונה האבען!

און איצט בין איך זיך נוקם אן דעם ווייבערשען מין פאר זייער אמאליגען שטאלץ. און פאר זייער אמאליגער אומבאריהרבארקייט.

און טאמער איז מיר נאך ווייניג דער גן־עדן אין אמעריקא, האב איך אנדערע, בעססערע, שעהנערע פאראדיזען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד, אין איטאליען און אין רוסלאנד. דא, זאגט מען, איז די פרויען־מאראל געפאלען; דארט, זאגט מען, ערלויבט מען געזעצליך, כאטש אין דער שטיל, צו האבען עטליכע ווייבער, און אין דריטען פלאץ נאציאנאליזירט מען די ווייבער. און „דאהין, דאהין, וואו די ציטראנען בליהען", שטרעב איך אין מיינע טרוימען און אהין — ספרעשע איך דעם אמעריקאנישען ווייבערשען מין — וועל איך זיך אריבערכאפען אזוי שנעל ווי איך וועל באקומען א פאספארט... היינטיגע צייטען דארף מען אויף אלץ האבען פאספארטען אין אמעריקא.

און איך און מיין ווייב און מיין געליעבטע חלומ'ען וועגען דער צייט, ווען מען וועט צוריק עפענען די אמעריקאנער טירען. זיי ווארטען אויף ביליגע דיענסטמיידלעך און איך — אויף נייע קאנקורענטקעס פאר מיין ווייב און פאר מיין געליעבטער.

איך — דער אלמעכטיגער.

אבער געטער פאלען היינטיגע צייטען און אלמעכטיגע קעניגע זיצען, נעבאך, אויף געבראטענע צרות. אלע געטער און קעניגע און איך אויך. אלע געטער און קעניגע זיינען היינטיגע צייטען נאר טרוימען־געטער און טרוימען־קעניגע. און איך — אויך.

און אז איך הער אויף צו טרוימען וועגען מיין מאכט און גרויסקייט און אלייך הערשאפט, קוקט מיר אין די אויגען דער שרעקען פאר דער מאדעס־מגפה, פון וועלכער אויך מיין ווייב האט זיך אנגעשטעקט. און מיט שרעק קוק איך אויף מיין ווייב און טאכטער און ציטער: אט, אט ווערען זיי אנגעשטעקט מיט דער פאלענדער פרויען־מאראל. און מיך כאפט אן א פארצווייפלונג: אזוי פיעל פארצווייפעלטע און האפנונגסלאזע, היראט־לוסטיגע פרויען לויערען אויף מיר און ווילען רויבען מיין רוה און מיין זיכערהייט און מיין ריינעם פאמיליען־גליק.

או איך וואלט אזוי געוואלט אויפלעבען אלע טויטע מאנסבילען און אויף אזא אופן אפשוואכען די פרויען־געפאהר — איך, דער אלמעכטיגער מאנסביל.

אן אונגליקליכע פריינדשאפט

(סקיצע)

פון לעאן קוסמאן

ווען מען האט זיי ביידען געטראפען אין גאס, האט מען ניט ווילענדיג געמוזט זיי באטראכטען:

נו, א פאר!

דאס פאר איז באשטאנען פון צוויי מיידלעך, חבר'טעס, פריינדינס, און דאך האט מען זיי גערופען „דאס פאר".

ווארום ווי צארט, מיידעלש עס האט אויסגעקוקט די איינע, אזוי גראב, מענעריש איז געווען די אנדערע.

די איינע — לאמיר זי אנרופען לינא — איז געווען א מיידעל פון מיטעלען וואוקס רונד און צארט געבויט, ווייסען הויט, שווארצע גלאנציגע האר און אויגען, וועלכע האבען געקוקט אויף דער וועלט מיט פארטרויען.

די אנדערע — וועלכע האט אויך געהאט א נאמען, לאמיר זאגען: פעני — איז געווען א הויכע, א ביינערדיגע, מיט א מאנסבילישען פנים, טרוקענע, פארבענלאזע האר, רויט-ווייסליכע אויגען, גראבע ליפען און א שטייפען גאנג.

לינא און פעני זיינען געווען חברטעס. דאס האט מען געזעהן. וואס מען האט נאר באוואונדערט, איז געווען, וויאזוי קענען אזעלכע צוויי מענשען האבען פריינדליכע געפיהלען פאר איינאנדער.

ביים ערשטען אנבליק אויף „דאס פאר", האט מען געמוזט א ביסעל צושמייכלען. נאר האט מען די צוויי חברטעס נעהנטער באטראכט, האט מען צו לינא'ן געפיהלט רחמנות און צו פעני'ן... אויך דאסזעלבע.

לינא האט אין דער אנוועזענהייט פון פעני'ן פארלארען — מאטעמאטיש גענומען — דריי-פערטעל פון איהר פערזענליכען רייץ. פעני ווידער האט מיט לינא'ן ביי דער זייט אויסגעקוקט צעהן מאל מעהר מענעריש און אפשטויסענד.

עס האט זיך באקומען א מאדנע ווירקונג. בעת לינא'ס ווייבליכקייט איז פארמינדערט געווארען, האט נאך פעני'ס מענליכקייט זיך פארמעהרט.

האבען לינא און פעני געוואוסט פון דעם סוד? עס שיינט, אז ניט. ווארום אלס גוטע, געטריינע פריינדינס, וואלטען זיי דאך דעמאלט זיך געשיידט, אום איינע די אנדערע ניט צו שטערען אין קיין שידוך.

און דא קומען מיר צום פונקט, צום רעכטען עיקר, צו דעם, וואס מען וואלט געקענט אנרופען די „טראגעדיע פון פריינדשאפט".

לינא און פעני זיינען געווען חברטעס נאך פון דער היים, פון דער יוגענד. א שטיקעל צייט האט זיך זייער פריינדשאפט איבערגעבראכען א דאנק דעם, וואס פעני איז געקומען אין אמעריקא מיט א יאהר פריהער פון לינא'ן.

ווען לינא איז געקומען אין אמעריקא, האט די אויסגעגרינטע פעני מקרב געווען איהר יוגענד-פריינדין, איהר ארויסגעהאלפען די ערשטע צייט, און זייער אמאליגע פריינדשאפט האט זיך באנייט און פארשטארקט. זיי האבען געוואוינט אין איין צימער, געארבייט אין איין שאפ, געגעסען אין איין רעסטאראן, געגאנגען איבעראל תמיד צוזאמען, און געטיילט זיך מיט זייערע געדאנקען, געפיהלען און איבערלעבונגען.

אייגענטליך האבען זיי ניט געהאט, מיט וואס זיך צוטיילען. זייערע געדאנקען און געפיהלען זיינען ניט געווען פארשידען. לעבענדיג שטענדיג צוזאמען, אונטער איין דאך, שאפ און הימעל, האבען זיי ניט געקענט האבען קיין פארשיעדענע געפיהלען און איבערלעבונגען.

ווען זיי זיינען געגאנגען אין גאס און באטראכט געווארען פון א בחור, פלעגט לינא באמערקען:

„דו האסט געזעהן, פעני, ווי ער האט אויף אונז געקוקט".

דער „אונז" איז געווען גאנץ נאטירליך.

און ווען דער פרויען-רייץ פון לינא'ן האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון א בחור, וועלכער האט געשלאסען מיט איהר באקאנטשאפט און, נאטירליך, אויך מיט איהר חבר'טע, פארווענדעט צייט צו געווינען די פריינדשאפט און ליעבע פון לינא, פלעגט לינא שטענדיג נאך אזא פאסירונג באמערקען:

„דו האסט געזעהן, פעני, ווי ער איז צו אונז דעם גאנצען אווענד פריינדליך געווען" —

לינא האט אפט געפיהלט, אז די פריינדשאפט פון דעם בחור געהערט איהר אליין, נאר זי האט ניט געוואלט צולאזען דעם געדאנק. נו, און פעני?... זי איז דאך אזא גוטע... איהר קומט דאך אויך...

און יעדעס מאל, ווען זיי האבען ביידע פארבראכט מיט א בחור, האט זיך לינא פארהאלטען אזוי, ווי ניט איהר מיינט מען עס. אפט אפילו האט זי געפרואווט שפיעלען די ראלע פון א שדכנטע, אנווייזענדיג ניט ווייניג דיפלאמאטיע.

נאר איהר טרחה איז געווען אומזיסט. ניט נאר האט זי ניט געקענט פאר'שדכנ'ען איהר חבר'טע, נאר זי האט נאך פארטריבען דעם בחור פון זיך אליין.

און האט א בחור ניט געוואלט נאכלאזען און געגעבען לינא'ן אנצוהערעניש, אז ער וואלט זי געוואלט באגעגענען א מאל אליין, האט לינא זיך געמאכט ווי ניט הערענדיג. ווי קען זי געהן אליין זיך טרעפען מיט א בחור? און וואו איז פעני?... פאר וואס וויל ער עס דווקא זעהן זי און ניט פעני'ן?... ווי קען זי געהן אליין?... ווי וועט פעני פיהלען?... ניין, דער בחור אינטערעסירט זי ניט... זי געהט ניט... ווען פעני אליין זאל איהר פארשלאגען אויסגעהן אמאל אליין, וואלט געווען אנדערש... אבער זי טאר עס ניט טאן...

נאר פעני האט קיינמאל ניט פארגעשלאגען. די מיידלעך זיינען געבליבען שטענדיג צוזאמען. די יאהרען זיינען געגאנגען, דאס זיצען ביי דער מאשין איז געווארען שווערער און דאס צימער מיט'ן בעטעל איינזאמער און טרויעריגער...

עס האט אנגעהויבען טרעפען, אז דער קישען ביי דער נאכט איז נאס געווארען, אמאל פון לינא'ס טרעהרען, אמאל פון פעני'ס, און אפט פון ביידענס... פאסירט האט עס, ווען זיי האבען זיך צורעדט פון דער היים, פון זייער קינדהייט, יוגענד, וואס איז אזוי אזוי שעהן און ליכטיג געווען... וועגען די גרויע, פינסטערע טעג דא האט מען ניט גערעדט... דאס איז געלעגען אויפ'ן הארצען און געשטיקט טרערען...

איינמאל האט פאסירט א זאך, וואס איז געווען גאר ניט געוועהנליך פאר דאס פאר. קומענדיג אהיים פון דער ארבייט, האבען זיי געפונען אויפ'ן טיש א בריעף. ער איז געווען אדרעסירט צו לינא'ן. דאס האט איהר געשריבען א בחור, מיט וועלכען זי מיט פעני'ן האבען זיך מיט א שטיקעל צייט צוריק באגעגענט. ער האט געוואונשען זיך צו טרעפען מיט איהר מארגען אויף א באשטימטען פלאץ און אין א באשטימטער צייט. ער האט איהר זעהר וויכטיגעס צו פארטרויען. ער וויל זי אבער טרעפען אליין, אהן איהר פריינדין... אונבאדינגט אליין... לינא האט דערשפירט א שווינדעל. דער געשטאלט פון אט דעם בחור האט זי די לעצטע איינינע טעג פארפאלגט. זי האט קיינמאל ביז איצט אזוי ניט געפיהלט. זי האט זיך א פאר מאל אזוי ווי פארלארען אין זיין געגענווארט, פארגעסען כמעט, אז פעני איז דערביי... און איצט וויל ער זי זעהן אליין!... ווי קען זי דאס?... זי האט געלאזט פאלען דעם בריעף אויפ'ן טיש און א קוק געטאן אויף פעני'ן. זי איז געווען באשעפטיגט מיט עפעס אין צווייטען ווינקעל צימער...

„וואס זאגסטו אויף דעם בריעף?", האט זי אויסגערופען צו פעני'ן, איהר אונטערטראגענדיג דעם בריעף.

פעני האט ניט אויפגעהויבען די אויגען.

„נא, דו ווילסט גאר ניט לעזען, וואס דער נאר שרייבט?"

פעני האט אריינגעקוקט אין בריעף. איהר פנים איז געבליבען ניט פארענדערט.

„נעה..." האט זי שטיל געזאגט.

„איך לויף", האט לינא געפרואווט שמייכלען.

„דו זאלסט יא געהן".

„דו געהסט אבער מיט, פעני".

„ניין, דאס מאל געהסטו אליין"...

האט פעני די אויגען אלץ ניט אויפגעהויבען.

„דו ביסט א נאר... דו געהסט מיט, פעני..." האט זי לינא ארומגענומען און געקושט איהרע הארטע, טרוקענע האר.

פעני האט מעהר גארניט געענטפערט.

אויף מארגען, ווען לינא האט זיך אויפגעכאפט מיט'ן באגינען, איז פעני אין בעט ניט געווען. זי איז אויך ניט געווען אין צימער. ס'האבען אויך געפעהלט איהרע זאכען. א צעטעלע איז געלעגען אויפ'ן טיש:

„טייערע לינא, זיי ניט ברוגז. איך געה אוועק פון דיר. איך קוש דיך. אין שלאף פיהלסטו ניט מיינע ליפען. איך פיהל אבער דיינע. זיי געזונד טייערע לינא. איך וועל דיך זעהן ווידער, ווען דו וועסט זיין גליקליך. דערווייליע אדיע. דיין ליעבענדע פריינדין פעני".

לינא האט זיך צוואויינט. זי האט אויסגעווישט די אויגען, האט זי דערזעהן אויפ'ן טיש דעם אפענעם בריעף פונ'ם בחור. היינט וויל ער זי זעהן...

זי געהט.

ליעדער

פון מ. סילווערמאן.

אין א פריה-מארגען

ס'האט א פויגעל מיר באגינען
דורכ'ן פענסטער געלאזט וויסען,
אז אין דרויסען דער פריה-מארגען
שטעהט און ווארט אויף מיין באגריסען...

האב איך באלד אויף זיך די קליידער
אין געאייל ארויפגענומען,
און געלאפען איהם אנטקעגען,
מיט'ן שלאף נאך אויף די אויגען.

בלויער הימעל, שטילסטע שטילקייט,
בוימער קראפטפול נאך אין בליהען —
זיי געגריסט, א, יונגער מארגען!
האט מיין פרייד אין מיר געשריען.

זיי געגריסט!... און דער מכשף
האט א פארהאנג אויפגעהויבען,
און אפיר געקוקט פון דארטען
האט דער קוואל פון ליכט און גלויבען...

און די וועלט האט אויסגעזעהן מיר
ווי א שפיעל פון וואונדער-פארבען,
וועלכע ביימען זיך און בייטען,
פליסען זינגענדיג און שטארבען...

מיט זייער זינגען אין מיין הארצען
שטראמט אריין א ים געפיהלען,
איינס קאפריזנער פון דעם צווייטען,
מיט אן אומרוה — ניט צו שטילען!

איינער טרייבט מיך איך זאל לויפען
ווי א אינגעל א פארשייטער...
כ'זאל צום יונגען גראז זיך בויגען
און א גלעט טאן — וויל א צווייטער.

ס'וויל א דריטער זיך צוזינגען,
זאגען ווערטער: ביזט א שעהנע!
און א פערטער וויל אויסקושען
איהרע הענט, די צארטע קליינע...

און א פינפטער ווייס אליין ניט
וואס ער וויל — פון יונגען טרוימער,
אפשר גאר זיך נעהמען קריכען
צו די נעסטען אויף די בוימער...

און דארט אפרוהען א ווייליע
צווישען פויגעל-מעלאדיען,
און פון דארטען מיט די פויגעל
ערגעץ פליהען, פליהען, פליהען — —

נאך ראבערט בוירנס

מיין ליעבע איז א רויטע רויז,
וואס האט אין תמוז זיך צובליהט.
מיין ליעבע לאזט זיך קיינמאל אויס —
זי איז א כשופ'דיגע ליעד.

א, מיידעל שעהן! א, מיידעל זיס!
האסט אנגעצונדען מיר א פלאם,
און ער וועט ברענען, ברענען, ביז —
ער וועט אויסטריקענען דעם ים.

ביז ער וועט יעדען פעלזענשטיין
צושמעלצען מיט זיין זונען-גלות;
ביז ליעגען כ'וועל אמאל אליין,
מיט אויסגעברענטען הארצענס-בלוט...

און ווען כ'פארלאז דיך, איינציג גליק,
ניט וויין, עס איז בלויז אויף א ווייל,
דען קומען כ'וועל צו דיר צוריק,
א, מעג עס זיין צעהן טויזענד מייל.

דער זעקס-שטונדען ארבייטס טאג

פון דזשוליעט סטוארט פאינטז.

ביים סוף פון דער מלחמה האבען זיך געהערט שטימען איבער דער גאנצער וועלט פאר א קירצערען ארבייטס-טאג. אין ענגלאנד איז דיזע פאדערונג געגאנגען אפילו ווייטער ווי אין די ארבייטער-רעפובליקען פון רוסלאנד און דייטשלאנד, וואו עס איז געפאדערט געווארען א 30-שטונדיגע ארבייטס-וואך. עטליכע פון די עקסטרימסטע יוניאנס האבען געפאדערט א 6-שטונדען טאג און א 5-טאגיגע וואך. אזא פאדערונג איז פון די שונאים פון דער ארבייטערשאפט באטראכט געווארען אלס אן אונשעדליכע פאנטאזיע פון א משוגע'נעם, ביז דיזע פאדערונג איז דא ניט לאנג געשטעלט געווארען אויפ'ן סדר-היום פון רעספעקטאבלע מענשען. דער זעקס-שטונדען טאג פאר מיינערס איז גוטגעהייסען געווארען פון דער ענגלישער „קאול קאמישאן", און איצט קומט ארויס לארד לאורהילמע, דער זייף-קעניג, מיט א בוך, אין וועלכען ער שלאגט פאר, אז דער 6-שטונדען טאג זאל איינגעפיהרט ווערען אין אלע אינדוסטריען.

דעם זייף-קעניג'ס מלוכה געפינט זיך אין דעם בארימטען ענגלישען דארף „פארט סאנלייט", וועלכער איז ווירקליך א מוסטער פון שעהנקייט און ריינקייט. אין „פארט סאנלייט" ווערען געמאכט אהן א שיעור מינים זייפען פאר יעדען ווינקעל פון דער בריטישער אימפעריע און פאר אנדערע לענדער אויך. אין דער ערקוויקענדער שטעדטעל געפינען זיך פרעכטיג-שעהנע ארבייטער-היימען, וועלכע זיינען געבויט לויט אנטיקע פארצייטיגע מוסטערען, מיט גערטנער און פלאנצען. דער פילאנטראפישער ארבייטס-געבער האט אלץ געטאן פאר דעם וואוילזיין פון זיינע ארבייטער. עס איז איינגעפיהרט געווארען א שותפות-סיסטעם אין די פאבריקען. די בילדונג און פארוויילונג פון די ארבייטער איז פארזארגט געווארען. פאקטיש הערשט אין „פארט סאנלייט" א סיסטעם פון גוטהארציגען פאטערנאליזם, וואס האט די שטאדט ווייט און ברייט געמאכט א שם אלס א גארטען-שטאדט — און האט פאר איין גאנג גוט אדווערטייזט די זייף פון איהר הויפט-בירגער, סיר וויליאם ליווער, אדער לארד לאווערהילמע, ווי ער הייסט איצט. דער מוסטער פון „פארט סאנלייט" האט א סך געהאלפען פארשפרייטען די אידעע פון אנשטענדיגע וואוינונגען פאר ארבייטער אין די בריטישע אינזלען, וואו דיזע וואוינונגען זיינען זעהר שלעכטע. דער פאקט וואס א מאנופעקטשורער האט געקענט בויען א שעהנע, ריינע און גרויסע שטאדט פאר זיינע ארבייטער, און דערצו נאך מאכען פראפיט אויך, איז געווען א לעסאן פאר פיעלע בריטישע ארבייטס-געבער, וועלכע זיינען געצוואונגען געווארען צו באטראכטען איין-צימערדיגע לעכלעך פאר זייערע ארבייטער אלס נויטיגען טייל פון זייער פראפיט-סיסטעם. לויט זיין ערפאהרונג מיט „פארט סאנלייט", באהויפטעט לארד לאורהילמע, דאס ווען די שטאדט לאנדאן וואלט געבויט געווארען לויט א געהעריגען פלאן, וואלטען אויפ'ן זעלבען שטח געקענט וואוינען 22 מיליאן מענשען, אנשטאט די איצטיגע 7 מיליאן.

און איצט קומט דער ניי-מאדנער לארד מיט דער ערקלעהרונג, דאס דער 6-שטונדען ארבייטס-טאג וועט גאנץ גיך מוזען אלגעמיין אנגענומען ווערען — אין א קירצערען משך צייט, זאגט ער, ווי עס האט גענומען אנצונעהמען דעם 10-שטונדען ארבייטס-אקט אין ענגלאנד. אזוי ווי עס האט געדויערט ארום א האלבען יאהרהונדערט ביז די באוועגונג פאר דעם 10 שטונדען-טאג איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג אין 1847, קענען מיר מאכען אונזער אייגענעם חשבון ווען דער 6-שטונדען טאג קען ערווארטעט ווערען. לארד לאורהילמע איז ניט קיין סענטימענטאליסט; ער איז א ביזנעס-מאן. ער איז א שטארקער פארטיידיגער פון דער בריטישער אימפעריע, און טאקע אין נאמען פון דער אימפעריע פרעדיגט ער דעם 6-שטונדען-טאג. נאציאנאלע ארבייטס-פעהיגקייט, ניט פילאנטראפיע, אין זיין [illegible]. [illegible] ער גלויבט אין דעם רעכט פון דעם ארבייטער צו לעבען, פרייהייט און גליק, איז אבער זיין הויפט-ארגומענט אן עקאנאמישער. **באנוץ וואס ווענגער מענשליכע ארבייט און וואס מעהר מאשינען** — דאס איז זיין אידעע. ווען נויטיג, מאכט אייערע מאשינען ארבייטען 24 שטונדען א טאג — זאגט ער צו זיינע ברידער-קאפיטאליסטען — אבער בייט אפ די ארבייטער ביי די מאשינען יעדע 6 שטונדען: די עקאנאמישע נויט פון אלע לענדער נאך דער מלחמה איז א גרעסערע פראדוקציאן, אבער דאס קען ניט אנדערש באוויזען ווערען ווי אדער דורך בויען נייע פאבריקען און מאשין-שעפער — אין א צייט ווען בויען קאסט זעהר טייער — אדער דורך באטרייבען וואס לענגער די מאשינען, וואס זיינען שוין דא. פארלענגערענדיג דעם ארבייטס-טאג פון די מאשינען, ווערט מעגליך מיט א באשטימטען קאפיטאל צו פארדאפלען אדער פארדרייפאכען דעם אבטראג. נאטירליך, ווערען די שכירות-הוצאות אויך פארדאפעלט אדער פארדרייפאכט, אבער ווען מען רעכענט דאס אויס קען מען לייכט זעהן, דאס דער ווערט פון די געשאפענע פראדוקטען וועט איבערוועגען די פארגרעסערטע שכירות. נאר אין יענע אינדוסטריען, וואו דאס איז דער פאל, דארף דער 6-שטונדען-טאג איינגעפיהרט ווערען, — זאגט לארד לאורהילמע.

דער פארטיידיגער פון דעם קירצערען ארבייטס-טאג גלויבט אבער, דאס ניט נאר וועט זיך די פראדוקציאן אין אלגעמיין פארגרעסערען, נאר דאס יעדער איינציגער יחיד וועט קענען פראדוצירען אזוי פיעל, אדער כמעט אזוי פיעל, אין 6 שטונדען ווי אין 8. מענשליכע ענערגיע איז זעהר עלאסטיש. דער זעלבער ארבייטער, ווען ער איז גוט אויסגערוהט און צופרידען, קען אויפטאן פיעלייכט צוויימאל אזוי פיעל ארבייט, ווי ווען ער איז נערוועז און ערשעפט. נאך אין 1874 האט א רעדנער אין פארלאמענט אנגעצייגט, דאס די ארבייטס-שטונדען אין רוסלאנד זיינען אויסערגעוועהנליך לאנג, און אז אין א געוויסען פאל האבען צוויי „שיפטס" ארבייטער געארבייט 132 שטונדען אין איין וואך. דאך איז אין דעם פאל די פראדוקציאן קוים געווען גרעסער ווי אין אן ענגלישער פאבריק, וואו עס ווערט געארבייט 60 שטונדען. אין דער זעלבער צייט זיינען די ארבייטס-שטונדען אין די טעקסטיל-פאבריקען פון שאטלאנד 12 שטונדען א טאג, און אין גוטע סעזאנען 14 אדער 15 א טייל פון דער וואך, און דאך, ווען איין מאנופעקטשורער האט פארקלענערט די ארבייטס-שטונדען אויף 10 אין זיין פאבריק, האט ער אויסגעפונען דאס די צאהל געשאפענע פראדוקטען האט זיך נאר פארמעהרט אנשטאט פארקלענערט. דא ניט לאנג האט די ערפאהרונג מיט אמוניציע-ארבייטער אין ענגלאנד באוויזען ענטגילטיג, דאס עס לוינט זיך ניט צו לאזען די ארבייטער ארבייטען צו לאנג. עס האט זיך כסדר ארויסגעשטעלט, דאס א פארקלענערונג אין ארבייטס-צייט האט פארגרעסערט די פראדוקציאן. אויף אזא אופן וועלען אונטער דעם זעקס-שטונדיגען ארבייטס-טאג ניט נאר די מאשינען מעהר באנוצט ווערען, נאר די פראדוקטען וואס יעדער ארבייטער וועט פראדוצירען וועלען פארמעהרט ווערען.

עס ווערט אנגעוויזען אויף אנדערע רעזולטאטען פון דעם זעקס שטונדיגען ארבייטס-טאג. דער ארבייטער וואלט געהאט מעהר צייט פאר בילדונג און ערהאלונג. דער רעזולטאט וואלט געווען א פארגרעסערטע קערפערליכע און גייסטיגע ענטוויקלונג. מאנכע ארבייטער וואלטען געקענט פארטזעצען זייערע שטודיומס נאך דער ארבייט און ניט דארפען באשעדיגען זייער געזונד. עלטערע ארבייטער וואלטען באקומען די געלעגנהייט צו לעזען און זיך צו באנוצען מיט די בילדונגס-געלעגנהייטען, וועלכע ווערען אלץ מעהר געגעבען צו ערוואקסענע ארבייטער. די גרויסע צאהל ארבייטסלאזע, וועלכע קריגען אין ענגלאנד געוויסע שכירות פון דער רעגירונג אין דער צייט וואס זיי ווארטען פאר באשעפטיגונג, וואלטען ארייגעצויגען געווארען אין דער אינדוסטריע, און די גאנצע ארבייטס-קראפט פון דער נאציאן וואלט אויף אזא אופן באנוצט געווארען אין דער פראדוקציאן. דאס איז א זאכליכער פארשלאג אין אזא לאנד ווי ענגלאנד, וואו די קאפיטאליסטען און די קאבינעט-מיניסטאריען האלטען, אין איין שרייען היסטעריש, אז מען דארף וואס מעהר פראדוצירען, און דאך מאכען זיי ניט דעם ערשטען און וויכטיגסטען שריט דאס צו דערגרייכען.

מערקווירדיג איז, וואס לארד לאורהילמע'ס פארשלאג וועגען א 6-שטונדען טאג ערשיינט פונקט מיט הונדערט יאהר נאכדעם ווי דער פארשלאג פאר א צעהן-שטונדען טאג איז געמאכט געווארען פון ראבערט אוען, דעם בארימטען סאציאליסט-קאפיטאליסט. ראבערט אוען האט פראדוצירט באוול, אנשטאט זייף, אין דעם קליינעם שאטלענדישען דארף ניו לאנארק, און האט איבערראשט די גאנצע געזעלשאפטליכע און פאליטישע וועלט מיט זיין ערקלעהרונג, אז ער מאכט ריווח, טראץ דעם וואס זיינע ארבייטער ארבייטען נאר 10 שטונדען א טאג. אנדערע ארבייטס-געבער, — האט ראבערט אוען געטענה'ט, — דארפען אויך איינפיהרען דעם צעהן-שטונדען טאג, און ער האט דיזען פארשלאג אריינגעבראכט אין פארלאמענט. וועהרענד ער האט אויסגעפיהרט, אז מען זאל באגרענצען די ארבייט פון יונגע קינדער, וועלכע זיינען דאן באשעפטיגט געווארען אין די פאבריקען, איז אבער דער קאמפף פאר דעם צעהן-שטונדיגען ארבייטס-טאג געוואונען געווארען ערשט מיט פיעלע יאהרען שפעטער. אויך ראבערט אוען איז געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער וואוינונג-פראבלעם און ער האט א סך אויסגעבעסערט זיין אינדוסטריעלע שטעדטעל. די סקוהל, וואס ער האט געעפענט פאר זיינע קינדער-ארבייטער, האט צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון פיעלע פילאנטראפען און הערשער. אבער אוען איז געווען מעהר בעל-חלום ווי ביזנעס-מאן און האט ליעב געהאט זיין מיטמענשען מעהר ווי געלד, און ער האט געענדיגט זיין לעבען אלס א סאציאליסט און קאאפעראטאר וועלכער איז געווען אויסגעשלאסען פון דער „געזעלשאפט", און ניט אלס אינדוסטריעלער מאגנאט אין דער „האוז אוו לארדס".

לארד לאורהילמע איז א מאדנער מין קאפיטאליסט, און וועט וואהרשיינליך געפינען זעהר ווייניג ברידער-קאפיטאליסטען, וואס וועלען מיט איהם זיין איינפארשטאנדען. פיעלע שטימען הערען זיך אין אמעריקא געגען עהנליכע פארשלעגע, איינגעשלאסען דעם לעגאלען דיענער פון קאפיטאליזם, טשאנסי מ. דעפיו, וועלכער האט דא ניט לאנג ערקלעהרט, דאס „יעדער איינער מוז נעהמען אן אנטייל אין דער פראדוקציאן אום צו העלפען אין דעם וואוילשטאנד פון דעם לאנד. דער ערנסטער קלאפ וואס די פראדוקציאן קען באקומען איז די איינפיהרונג פון א זעקס-שטונדען טאג." אין דער ווייטער יאפאן שטימען זיי אויך איין דערמיט. דער הויפט פון דער קאטען ספינערס אסאסיאיישאן, סאנדזשי מאטא, טרעט אויף געגען דעם אכט-שטונדען טאג פאר יאפאן אויפ'ן גרונד, דאס אין די פאבריקען וואו דער קורצער ארבייטס-טאג איז אויספרובירט געווארען האט זיך ארויסגעשטעלט, דאס די מיידלעך האבען געהאט צופיעל לעדיגע צייט און פלעגען זיך איבערפרעסען צווישען די מאהלצייטען.

לארד לאורהילמע איז איינער פון דער זעהר קליינער צאהל קאפיטאליסטען, וואס פרעדיגען א רעפארמע, וואס מאכט גרויס פארטשריט צווישען די ארבייטער. היינט צו טאג איז דער זעקס-שטונדען טאג ניט קיין רעוואלוציאנערערע פאדערונג ווי דער אכט שטונדען טאג איז געווען מיט צעהן יאהר צוריק. די קאנווענשאן פון די יונייטעד מיין וואר־קערס, וואס איז דא ניט לאנג אפגעהאלטען געווארען, האט ארויסגעשטעלט דעם זעקס-שטונדיגען ארבייטס-טאג אלס איינע פון די סאמע וויכטיגסטע פאדערונגען, און האט אויסגעשפראכען דעם וואונש, וועלכער פארשפרייט זיך ווייט און ברייט אין דער ארבייטער-באוועגונג, נאך מעהר לעדיגע צייט — פאר מעהר צייט צו לעבען, צו אטעמען און צו דענקען. און לארד לאורהילמע איז נאר איינער פון יענע, וואס שרייט פראפעטיש ארויס דיזע פאדערונג צו א [illegible] וואס שטעהט ביים שוועל פון [illegible] לאגע.

STATEMENT OF THE OWNERSHIP, Management, Circulation, etc., required by the Act of Congress of August 24, 1912, of Gerechtigkeit, published weekly at New York, N. Y., for Oct. 1, 1919.

State of New York
County of New York ss.

Before me, a Notary Public in and for the State and county aforesaid, personally appeared Elias Lieberman, who, having been duly sworn according to law, deposes and says that he is the Business Manager of the Justice and that the following is, to the best of his knowledge and belief, a true statement of the ownership, management, etc., of the aforesaid publication for the date shown in the above caption, required by the Act of August 24, 1912, embodied in section 443, Postal Laws and Regulations, printed on the reverse of this form, to wit:

1. That the names and addresses of the publisher, editor, managing editor, and business managers are:

Publisher: International Ladies Garment Workers' Union, 31 Union Sq., New York, N. Y.
Editor: S. Yanovsky, 31 Union Sq., New York, N. Y.
Managing Editor: None.
Business Managers: Elias Lieberman, 31 Union Sq., New York, N. Y.

2. That the owners are: The International Ladies Garment Workers' Union, 31 Union Sq., New York, N. Y., B. Schlesinger, President, 31 Union Sq., New York, N. Y.; A. Baroff, Secretary-Treasurer, 31 Union Sq., New York, N. Y. An association not incorporated, consisting of about 85,000 members.

3. That the known bondholders, mortgagees, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds, mortgages, or other securities are: None.

4. That the two paragraphs next above, giving the names of the owners, stockholders, and security holders, if any, contain not only the list of stockholders and security holders as they appear upon the books of the company but also, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting, is given; also that the said two paragraphs contain statements embracing affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and security holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner; and this affiant has no reason to believe that any other person, association, or corporation has any interest direct or indirect in the said stock, bonds, or other securities than as so stated by him.

Elias Lieberman, Manager.

Sworn to and subscribed before me this 1st day of October, 1919.

(Seal) Jacob M. Rosenblatt,
(My commission expires March 30, 1920). Notary Public.
Bronx County Clerk's No. 55, Bronx County Register No. 242, N. Y. County Clerk No. 312, N. Y. County Register's No. 10210. (My commission expires March 30, 1920.)

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינהער).

פּראָפעסיאָנעלע מאַמעס — בעסערע קינדער און פרייערע מוטערס.

דאַכט זיך, אַז ס'איז געווען דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו וואָס האָט (אויב מיר האָבען קיין טעות ניט — אין זיין בוך „קווינ־טעסענס אָוו איבסעניזם") געמאַכט די וויציגע באַמערקונג, אַז ווען מיר דאַרפען האָבען אַ ציינערמאַכער פאַר אונזער זייגערל, פרעגען מיר זיך נאָך ביי באַקאַנטע אויף אַ גוטען מעכאַניקער, און מיר פילען זיך ניט אָנצולעגען מעהר אביסעל וועג אבי צו קריגען דעם בעסטען זייגערמאַכער פאַר אונזער זייגערל. אָבער ווען עס קומט צו דער זעהר עדעלער „מלאכה" פון אויפ־ברענגען און ערציהען אַ קינד, וועלכעס איז דאָס סאַמע פיינסטע און קאָמפּליצירטעסטע שטיקעל מעכאַניזם אויף דער וועלט, — אויף דעם באַטראַכט זיך יעדער פאָטער און יעדע מוטער פאַר מבין פאַכ־מאַן, און פאַרלאָזט זיך דערויף אויף זייער אָדער איהרער אייגענער „קאָמפּע־טענץ", אויף „די אייגענע" קענטניס און פעהיגקייטען. דער פועל יוצא דערפון איז: אַ וועלט אָנגעפילט מיט צובראָכענע און צורעהטע מענשליכע מעכאַניזמען; אַ וועלט פול מיט פיזישע, גייסטיגע און מאָ־ראַלישע קאַליקעס און פאַרוועהענישען...

אַזוי, אָן ערך, דריקט שאָו אויס זיין מיינונג איבער אונזער היינטיגער אַרט פון אויפברענגען און ערציהען קינדער.

די פראַגע אַליין פון קינדער־ערציהונג איז אַן אַלטע און אַן אָנגעוועהטאָגטע. די דאָזיגע פראַגע האָט קיינמאָל ניט אויפגע־הערט, צו באַשעפטיגען די מוחות פון גע־לעהרטע, דענקער און פסיכאָלאָגען. גאַנצע בערג ליטעראַטור זיינען שוין איבער אָט דער פראַגע געשריבען געוואָרען. אָבער טראָץ אַלע רעפאָרמען, וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרען אין דער סיסטעם פון קינדער ערציהונג, איז די פראַגע נאָך אַלץ ניט געלייזט, און וואָס, ווייטער דער־פיהלט זיך אַלץ מעהר די דרינגענדע נויט־ווענדיגקייט פון אַ פונדאַמענטאַלער און ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער היינטיגער סיסטעם פון אויפברענגען און ערציהען קינדער — אַן ענדערונג וואָס זאָל צופּאַ־סען די אויפגאַבען און אַרבייט פון קינ־דער־ערציהונג צו די היינטיגע לעבענס־באַדינגונגען סיי פון די קינדער גופא, און סיי פון די עלטערן,־דערהויפּט — פון די מוטערס.

עס איז דאריבער גאַנץ נאַטירליך, וואָס די דאָזיגע פראַגע פאַרנעהמט איצט אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פרויען־דאָק־טוירים־קאָנגרעס, וועלכער — ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין — ווערט איצט גע־האַלטען דאָ אין ניו יאָרק.

אַ סך און פאַרשידענאַרטיגע מיינונגען, באַטראַכטונגען און פאָרשלאָגען האָט שוין אָט די פראַגע אַרויסגעבראַכט אויף די זי־צונגען פון דעם דאָזיגען קאָנגרעס. אָבער דעם טיפסטען רושם — ניט בלויז אויף די דעלעגאַטען און פאַרזאַמעלטע אין'ם קאָנגרעס־זאַאַל, נאָר אויך אויף די אַלע הונדערטע טויזענדער מענשען, וואָס אינ־טערעסירען זיך און פאָלגען נאָך די האַנד־לונגען און מיינונגען פון'ם קאָנגרעס, — דעם טיפסטען רושם אויף זיי אַלעמען האָט, אָהן ספק, געמאַכט די מערקווירדיגע אָריגינעלע רעדע פון דער באַריהמטער רעדנערין און שריפטשטעלערין, שאַרלאָטע פערקינס גילמאַן.

איז דאָס ניט די העכסטע צייט — האָט מרס. גילמאַן געפרעגט — היינט אַ פּראָבע צו מאַכען ווענען איבערגעבען די וועהר־ערנסטע אַרבייט פון אויפברענגען און ערציהען קינדער אין די הענט פון ספּעציאַליזירטע, אויסגעשטודירטע פּראָ־פעסיאָנעלע מאַמעס, אנשטאָט עס איבערלאָזען אין די הענט פון די פרויען, וואָס האָבען די קינדער געבוירען, אָבער וועלכע פאַרמאָגען ניט די קענטניס, ניט די פעהיגקייטען און, אפשר, אויך ניט די מיטלען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ געזונ־טער און נאָרמאַלער אויפברענגונג און ער־ציהונג פון קינדער?

אויסשטעלענדיג די דאָזיגע פראַגע האָט מרס. גילמאַן דערנאָך פאָרגעשלאָגען איהר פּלאַן פאַר דער לייזונג פון אָט דער פראַגע, און עס איז געווען אָט דער פאָר־געשלאָגענער פּלאַן איהרער, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ שטורעם איבער'ן גאַנצען לאַנד און אומעטום אַרויסגערופען היציגע דע־באַטען, דיספּוטען און שאַרפע קריטיקען איבער דעם שטאַרק־ראַדיקאַלען כאַראַק־טער פון איהר פאָרשלאַג. אין קורצען באַ־שטעהט מרס. גילמאַן'ס פּלאַן אין דעם:

ספּעציעלע קורסען זאָלען געעפענט ווערען אין פרויען־אוניווערזיטעטען, אויף וועלכע פרויען מיט נאַטירליכע נייגונגען און אייגענבוירענע אייגענשאַפטען זיך אָפּצוגעבען מיט קינדער, זאָלען שטודירען אַלע פראַגען וואָס האָבען אַ שייכות צום לעבען פון דעם קינד פון'ם ערשטען טאָג אָן וואָס עס ווערט געבוירען ביז עס דער־גרייכט די צייט ווען עס ענדיגט זיך די מינדעריעהריגקייט. אויף די קורסען, אונ־טער'ן אונטערריכט פון מעדיצינישע, פּסי־כאָלאָגישע און אַנדערע וויסענשאַפטליכע אויטאָריטעטען, זאָלען די סטודענטקעס זיך באַקאַנען מיט אַלע פיזישע און גייס־טיגע נויטען און באַדערפענישען פון'ם קינד, און זיי זאָלען אויך אויף אַ גרינדליכען אופן ערלערנען די וויסענשאַפטליכע פּראָפעסיע פון אויפברענגען און ערציהען דאָס קינד און דעם העלפען זיך ענטוויקלען אין אַ גע־זונטען און נאָרמאַלען מענשען.

ווען די סטודענטקעס וועלען האָבען געענדיגט דעם דאָזיגען קורס, און באַקומען זייערע דיפּלאָמען, וועלען זיי קריגען די פּריווילעגיע צו פּראַקטיצירען אַלס פּראָ־פעסיאָנעלע מאַמעס. דאָס הייסט, עס וועט זיי דעמאָלט קענען אָנפערטרויט ווערען די פּראַקטיק פון אויפברענגען און ערצי־הען אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן קינ־דער פון מוטערס, וואָס וועלען ניט קענען אָדער ניט וועלען אַליין זיך אָפּגעבען מיט דער דאָזיגער וועהר־ערנסטער און שווע־רער אויפגאַבע.

דער נוצען פון אַזאַ קינדער־ערציהונגס סיסטעם, אי פאַר די קינדער, אי פאַר דער געזעלשאַפט בכלל, איז — ווי מרס. גילמאַן מיינט — אומגעהייער גרויס און פיעל־פאַכיג:

ערשטענס, וועלען אונטער דער מעג־ליכער אויפפּאַסונג, באַרינגונג און אונ־טערריכט פון אויסגעשטודירטע פּראָפע־סיאָנעלע מאַמעס, אויפוואַקסען אַ סך בע־סערע, געזונטערע און פעהיגערע קינדער.

צווייטענס, וועלען דורך דער דאָזיגער סיסטעם גרויסע צאָהלען פרויען באַפרייט ווערען פון זייערע שווערע — און אין פיעלע פאַלען, פאַר זיי אוממעגליכע — פליכטען פון אויפברענגען זייערע קינדער; און ווער קען עס אָפּשאַצען דעם ווערטה פון דעם, וואָס אַזוי פיעל באַפרייטע פרויען־ענערגיע קען אויפטאָן פאַר דער אַלגעמיינער מענשליכער קולטור. צי דאָס וועט זיין אויפ'ן געביעט פון אינדוסטריע, אָדער קונסט, אָדער וויסענשאַפטליכע פאָרשונג, אָדער אויף אירגענד וועלכען אַנ־דערען געביעט פון קולטורעלער אָדער גע־זעלשאַפטליכער טעטיגקייט, — איז ניט קיין גרויסע נפקא מינה. איינס איז זי־כער: די ענערגיע און שאַפונגס־קראַפט, פון אַזוי פיעל מוטערס, וואָס ווערט היינט פאַרשווענדעט אויף דער ניט־געלונגענער און אבנאָרמאַלער אויפברענגונג און ערציהונג פון זייערע קינדער, וועט אונטער דער נייער סיסטעם פון קינדער־ערציהונג, וועלכע וועט — ווי געזאָגט — גרויסע צאָהלען מוטערס באַפרייען פון דער דאָזיגער אויפגאַבע — דיזע ענערגיע און שאַפונגס קראַפט פון די דאָן־באַפריי־טע מוטערס וועלען אויך דעמאָלט ניט פאַרלאָרען געהן; זיי וועלען זיך דעמאָלט אויסדריקען און נוצען ברענגען אויף אַנדער־לע געביעטען און אין אַנדערע טעטיגקייטען, צו וועלכע די דאָזיגע פרויען וועלען, לויט זייערע נייגונגען און פעהיגקייטען, זיין מעהר צוגעפּאַסט איידער צו דער שווערער און פיעל־פאַסענדער ראָלע פון מוטער, באַשיצערין און אויפברענגערין פון קליי־נע קינדער.

וואָס אַנבעלאַנגט דער עמאָציאָנעלער זייט פון אָט דער פראַגע — מיר מיינען די טענה, אַז די פּראָפעסיאָנעלע, אָדער די, אַזוי־צו־זאָגען, געקויפטע אָדער גע־דונגענע מוטערשאַפט וועט פאַרניכטען די העכסטע און הייליגסטע ליעבע און צערט־ליכקייט פון די מוטערס צו זייערע אייגע־נע קינדער און פון די קינדער צו זייערע מוטערס — אָט די טענה זעהט, פון אויבען אויף, באמת אויס צו זיין אַ זעהר שטאַר־קער אַרגומענט געגען מרס. גילמאַן'ס פּלאַן, און די טענה ווערט טאַקע פון אַלעמען באַ־נוצט אַלס די הויפּטסטע כלי־זיין געגען דעם שרעקליכען אַפּיקורסישען פּלאַן פון „פּראָפעסיאָנעלע מאַמעס".

אַזוי, למשל, האָט דר. פרענסיס סטאַרס דזשאָנסטאָן, די שאָטלאַנדישע דעלעגאַטקע צו דעם דאָזיגען פרויען־דאָקטוירים קאָנגרעס, טאַקע אויסגעקלי־בען די דאָזיגע טענה פאַר דעם שוהער־פּונקט פון איהר שאַרפען פּראָטעסט געגען דעם פּלאַן. דר. דזשאָנסטאָן האָט פּאַטעטיש ערקלערט, אַז מיט דעם איינ־פיהרען די סיסטעם פון פּראָפעסיאָנעלע מוטערס וועט באַגאַנגען ווערען אַ מאָרד איבער דעם שענסטען און הערליכ־סטען געשאַנק פון דער נאַטור — דעם אינסטינקט פון מוטערליכער ליעבע און ליעבע צו דער מוטער.

אָבער, ווי געזאָגט, איז די שטאַרקייט פון דעם דאָזיגען אַרגומענט אַן איבער־פלעכליכע. טראַכט מען זיך טיעפער אַריין אין דער גאַנצער פראַגע — פאַרלירט אָט דער כלומרשט „הומאַניטערער" אַרגו־מענט אין גאַנצען זיין ממשות. אָט איז דער ענטפער וואָס מרס. גילמאַן אַליין גיט אויף די אַלע טענות.

קודם כל, איז דער דאָזיגער פּלאַן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלער וויסענשאַפטליכער מוטערשאַפט — זאָגט מרס. גילמאַן — בכלל ניט אויסען צו צווינגען די מוטער זיך אָפּצוזאָגען פון אַליין אויפצוברענגען און ערציהען איהרע קינדער, און — ווייניגער ניט פון אָנצוהאַלטען איהר ליעבע צו זיי. אויב אַ מוטער האָט אַזוי שטאַרק ליעב איהרע קינדער, אַז זי קען ניט אָנ־טרויען קיין אַנדערען זיי אויפצוברענגען און ערציהען, דאַן זאָל זיך די ליעבענדע מוטער מטריח זיין און דורכמאַכען דעם שטודיום קורס פון אַ מוטער, איידער זי נעהמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע פון אויפברענגען און ערציהען קומענדע מיטגלידער פאַר דער געזעל־שאַפט. אויב אָבער די מוטער קען עס ניט אָדער וויל עס ניט טאָן, דאַן זאָל זי מיט איהרע ליעבע צו איהרע קינדער ווייניג־סטענס ניט שטערען זיי אויסצוואַקסען בעסערע און געזונטערע מענשען און נוצליכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו זינגען ליעב־געזאַנגען צו דעם אינסטינקט פון מוטערליכע ליעבע, ווען אָט דער זעל־בער אינסטינקט האָט ביז איצט גע־בראַכט דער מענשהייט אַזוי ווייניג נוצען און אַזוי פיעל שאָדען.

עס איז אָט דער פּרימיטיווער אינ־סטינקט פון ליעבע צו „מ י י ן" קינד, צו „מ י י ן" ברודער, צו „מ י י ן" קרוב, וואָס איז תמיד געווען דער מקור פון שנאה און קנאה צו „י ע נ ע ם'ס" קינד, צו „י ע נ ע ם'ס" ברודער און צו „י ע נ ע ם'ס" קרוב. און דערפון שפּרינ־צען אַלע קריגערייען, אַלע ראַסען־פאַר־פאָלגונגען, אַלע העצערייען געגען „פרעמ־דע", מיט די בלוטיגע רעזולטאַטען פון לינטש, מאָרד און מלחמות.

אויב איינער איז ווירקליך הומאַני־טער און שעצט באמת הויך דעם ליעבע־אינסטינקט, דאַן מוז ער זיך שטעלען אויף דער זייט פון'ם פּלאַן פאַר אַ מאָ־דערנער און וויסענשאַפטליכער אויפ־ברענגונג און ערציהונג פון קינדער — אַן אויפברענגונג און ערציהונג, וואָס וועט אויסבילדען און אַנטוויקלען אין די קינדער אַ ברייטערען בליק אויפ'ן לעבען און אַ גרעסערע ליעבע צו אַלע מענשען, ניט בלויז צו אייגענע און קרובים.

אָט דאָס איז די מיינונג פון שאַרלאָ־טע פערקינס גילמאַן. ווענען דער פראַגע פון אַ בעסערער אויפברענגונג פאַר קינ־דער און אַ פאַרלייכטערונג פון די שווע־רע לאַסטען פון די היינטיגע מוטערס.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאַקטאָר און די לעזער.

דזשיי לאַנטש. — לויטער איז אייער אַר־טיקעל צו אונז אָנגעקומען אַ [illegible]־טער, בלויז 18 זייטלעך. פאַר דער צוקונפט, ווען איהר ווילט עפּעס צושיקען, דאַרפט איהר ניט [illegible], און שיקט עס צו דירעקט צום רעדאַקטאָר, וועט אַלעס זיין גאַנץ, אויב נאָר איהר אַליין וועט ניט שרייבען אין קיצור אַ פּאָר בלעטלעך. אויך איז עס אַן אומרעכט, וואָס עס איז געשריבען מיט בלוי־שטיפט. אויגען זיינען אַ צו טייערע זאַך, איבערהויפּט פאַר אַ רעדאַקטאָר, און די שריי־בער דאַרפען האָבען אַ ביסעלע רחמנות צו איהם און שוינען זיינע אויגען. דאָך האָבען מיר איבערגעלייענט אייער אַרטיקעל, און ער געפעלט אונז, ווייל ער וואַרפט אַ געוויס באַזונדער ליכט אויף דעם זיג אין אַנ־[illegible]. פון אייער שטאַנדפּונקט, כאָטש דער סטרייק איז ניט געוואונען געוואָרען, איז אָבער געוואונען געוואָרען עפּעס פיעל מעהר, ווי דאָס, נעמליך: די אַנערקענונג פון דער יוניאָן, געגען וועלכער די באָסעס האָבען זיך פאַרשטעלט צו פיהרען אַ טויטליכען קאַמפּף. באַזונדערס איז אינטערעסאַנט דער פּונקט, וועלכער באַהאַנדעלט דעם סטרייק אין מאָנטרעאַל, אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג אין קאַנאַדע, און אַז דאָס, וואָס איז ניט אויסגעפיהרט געוואָרען אין ווינניפּעג און אין אַנדערע שטעדט, וועלכע זיינען אַרויס אין אַ סימפּאַטי סטרייק, איז געוואונען געוואָרען אין מאָנטרעאַל. דאָס איז ווירקליך אינטערעסאַנט און וויכטיג, און מיר בעטען אייך צוצושי־קען די קאָפּיע פון אייער אַרטיקעל — פון דער פּיידזש 13, און מיר וועלען עס זיכער פאַר־עפענטליכען. עס וואָלט אויך ניט געשאַדט, ווען איהר וואָלט קירצער געשריבען, און ווייל־לען אונזערע קאָנטראָלער [illegible] אויך זיין גוט פאַרטראָגען אין דער ציימונג. דאָס וואָלט אויך פיעל געהאָלפען אויך אייער אַרבייט, און, מיר האָפען, דער באַוועגונג אין אַלגעמיין.

5. — איהר זאָגט און מצות, טייערע־דיג, אַז מיר שרייבען צו צופיעל חשיבות'דיגקייט צו די מיטינגען פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד. דאָס קומט פון דעם, ווייל איהר מיינט, אַז אַלעס טוט זיך פון זיך זעלבסט. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. דאָס מייסטע, וואָס ווערט אויפגעטאָן, איז דער רעזולטאַט פון אָט די פערזענליכע מיטינגען. דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז דאָס פאַרשטעהט דער גרויסער מעמבערשיפּ אַליין צו דענקען און אויפצועסען געוויסע פראַגען. דער פאַקט איז, אַז דער דזש. עקז. באָאַרד נעמט אויף ניט בלויז פראַגען אין דער וועלט אַריין, נאָר אַזעלכע, וועלכע ווערען מעהר אָדער ווייניגער צייטיג. זיי אָבער, אַלס ערפאַרענע, און קע־נענדיג מעהר אָדער ווייניגער די אַלגעמיינע שטימונג, קענען צו אַלץ, וואָס „שוועבט דער־ווייל אין דער לופט", געבען אַ געוויסע באַ־שטימטע [illegible]. זיי געבען אַרויסדרוק צו דעם געדאַנק, און דאָס גיט אַ מעגליכקייט צו טאָן סיסטעמאַטיש די נויטיגע אַרבייט. קאַנווענ־שאַנס זיינען געוויס ניט איבעריג, זיי ער־פילען זייער צוועק. אָבער, ווער עס האָט נאָר אַביסעל ערפאַהרונג, ווייס, אַז פיעל קען מען אויף די קאַנווענשאַנס ניט אויפטאָן. און אויך דאָרט, וויפיעל עס ווערט אויפגעטאָן, ווערט עס אויסגעפיהרט מיטטעלס פון די ספּעציעל ערוועהלטע קאָמיטעס, און ניט זון

קאָפּ שמערצען

קומט פון אַ שלעכטען מאַגען

עקס־לאַקס

קורירט ביידע קראַנקהייטען צוזאַמען.

10, 25 און 50 סענט אַ באָקס, אין אַלע דראַג סטאָרס

דער גאַנצער קערפּערשאַפט. ווייטער, שלט פון של־טער טאַקטיק, פון דער יוניאָן, האָט איהר עס אַלעס גענומען טויטען, און ניט טויגען, אַז „די מייסטערס מאַכען זיך שוין צו טאַט־יום־טובים'לעך". דערמאָנט זיך, אַז אין דעם בריעף פון לעצטען מיטינג איז מאַקי אָנגע־וויזען געוואָרען, אַז דאָס צוזאַמענפאָהר פון דעם באָרד מיינט בשום שווערע אַרבייט, און עס קען ניט זיין, אַז איהר זאָלט עס ניט האָ־בען געלייענט. נאָר גערעכט, אַ איך דאַרף דאָך גראַטולירען...

ה. פּילים. — פריהער פון אַלץ פעהלט אייך דאָס איינפאַכע קענען פון דער מלאכה פון שרייבען. און שרייבען איז אַ מלאכה, ווי יעדע אַנדערע. מען דאַרף עס קענען. מען דאַרף וויסען, ווי צו שרייבען גאַנצע זאַצען. מען קען ניט קלוג ווערען וואָס און וועגען וועמען איהר שרייבט. ניין, איהר מוזט פריהער געהן אין אַן אָווענטשול. באַזוכט די קלאַסען, וואָס ווערען געעפענט פון דער אינ־טערנעשאַנעל פאַר אָנפאַנגער. לאָזט צורות די קלאַסען, און וועלכע מען לערנט די חבריה'שע זאַכען. דאָס איז אַ מעשה פאַר שפּעטער ווען איהר וועט האָבען זיך אויסגעלערנט די קונסט אויסצודריקען אייערע געדאַנקען, וועלען מיר געווים געפינען פאַר זיי דעם נויטיגען פּלאַץ אין דער „גערעכטיגקייט".

ש. גראָס. — איהר האָט שלעכט געלייענט. קוקט זיך נאָכאַמאָל צו צום באַטרעפענדען פּלאַץ, און איהר וועט געפינען, אַז דאָרט שטעהט ניט דאָס וואָרט „מייסטע" אָדער „מעהרסטע", נאָר דאָס וואָרט „ווינציגסטע", און דאָס מאַכט אַ גרויסען אונטערשייד.

ז. בליוסטאָן. — ווען מען באַטראַכט די פאַרדיענסטען פון אַ ציימונג, וואָס איז שוין אַן אַלטע אינסטיטוציע, איז עס ניט רעכט צו נעמען און אָבצושאַצען דעם אָדער יענעם נו־מער, דעם אָדער יענעם אַרטיקעל. דער אַל־געמיינער כאַראַקטער, די אַלגעמיינע טענדענץ דאַרף גענומען ווערען אין אָבבאַטראַכט. ווען איהר וואָלט אַזוי געטאָן, וואָלט דאָס בילד גע־ווען אַ גאַנץ אַנדערע. אַ ציימונג, ווי אַ מענש, אויב מען וויל זיין גערעכט צו זיי, קענען ניט געאורטיילט ווערען פון איין פאַקט, פון איין פּאַסירונג, וועלכע קענען אַמאָל זיין גאַנץ צופעליגע. מיר גלויבען, אַז איהר האָט אונז פאַרשטאַנען, און וועט איינזעהען, וואָרום מיר דענקען, אַז אָט דער צוואַנציג־יעהריגער יובי־לעאום פון דער „פ. א. ש." איז ניט אַן אָנ־געלעגענהייט פון אָט דער אָדער יענער גרופּע מענשען, נאָר פון דער גאַנצער אידישער אַר־בייטער באַוועגונג.

נ—ן. — די מייסטע רעדען, וועלכע זיי־נען געהאַלטען געוואָרען ביי דער געלעגענ־הייט, זיינען געווען פון אַ באַזונדערער פלאַכ־קייט. אויפ'ן פּאַפּיר, שוואַרץ אויף ווייס, וואָלטען זיי אויסגעזעהן בשום נאַריש, און זיי וואָלטען געווען אַ קנאַפּער קרעדיט פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. דערפאַר האָבען זיי ניט געהאַט קיין פּלאַץ אין לעצטען נומער. הערענדיג די רעדען, באַזונדערס פון איינעם, האָט אונז געפלאָגט בשום דער פּנים. אָפּגע־זעהען פון דעם, וואָס דאָס מייסטע איז געווען אַ צוזאַמענשטעלעניש פון אויסגעדראָשענע פראַזען, זיינען מאַנכע באַהויפּטונגען געווען בשום פאַלשע. מיר האָפען, אַז די פעלשונג איז ניט געווען קיין אַבזיכטליכע, אָבער דאָס מאַכט די זאַך ניט פיעל בעסער.

פ. קאַץ. — מיר וואָלטען גערן געגעבען עפּעס מעהר פּאָעזיע, אָבער גוטע פּאָעזיע וואַלגערט זיך ניט אין די גאַסען. פון צעהן קען מען אויסקלייבען קוים איינס אַ רעכטס. מיר גלויבען אָבער, אַז דאָס, וואָס מיר געבען, איז ווירקליך גוט און מאַכט ניט קיין אומ־כבוד דער „גערעכטיגקייט".

נייגיעריגער. — יאָ, מיר האָבען עס געזעהן, אָבער מיר קענען דאָך ניט שרייבען וועגען אַלץ מיט אַמאָל. עס פרעהט אונז אויך זעהר צו הערען אייער גוטע מיינונג וועגען די טעאַטער־קריטיקען, און דאָס איהר ווייסט, אַז זיי ווערען געלייענט אויך פון פיעלע אַנ־דערע, און עס געפעלט זיי פונקט אַזוי גוט. וואָרום אָבער שווייגען יענע? איז עס אַזוי שווער אָנצושרייבען אַ קורצען בריוועלע, אין וועלכען עס זאָל אויסגעדריקט ווערען אַנער־קענונג צום שרייבער? ווילען דען ניט די אַרבייטער האָבען אַנערקענונג פאַר אַלץ, וואָס זיי טוען? נאַטירליך, אַרצט, ווען אַ גאַרמענט ווערט געמאַכט צום פאַרשווינדלען מענשען, איז עס אָבער ניט קיין מעגליך אויף יע־דען גאַרמענט אָנצוגעבען דעם נאָמען. אָבער, ווען איינער מאַכט אַליין אַ פאָלשטענדיגען בגד, זעהען מיר גאָר ניט קיין אומרעכט אין דעם, אַז דער אַרבייטער, זאָל פאַרלאַנגען צו האָבען זיין נאָמען אויף איהם, און זיכער מיט מעהר רעכט פאַר דער פירמע, וועלכע האָט פאַר נויטיג אייינצונעהמען איהר נאָמען, און אַזוי אַרום קריגען אַ פרייען אַדווערטייזמענט.

י. פּיינשטיין. — אונטער זעלבע אומ־שטענדען, אויב איהר איבערטרייבט עס נאָר ניט, איז דאָס גלייכסטע צו טאָגען וואָס גיבער אַ סוף, צו וואָס דאָס מוטשען זיך צוזאַמען, אַז באַזונדער, קען מעגליך זיין, וואָלט יעדער אייגענער געלעבט פיעל גליקליכער? אויב דער צווייטער זאָל זעהן עס נאָך ניט איין, דאַרף מען זעהן מיט גוטען צו ערקלערען איהם, אַז אַזוי מוז עס זיין. קריגעריי און שלעג־געריי מוז ווי ווייט מעגליך אויסגעמיטען ווער־דען. עס פּאַסט ניט פאַר דענקענדע מענשען צו האַנדלען ווי גראָבע יונגען. יעדער מוז זיך קאָנטראָלירען. און ווען דאָס זאָל געטאָן ווערען סיסטעמאַטיש, קען זיין, אַז מיט דער צייט זאָל אַלעס זיך אַזוי איינאָרדנען, אַז קיין צושיידונג זאָל גאָרניט נויטווענדיג זיין.

ל. בערמאַן. — צו וויסען איז משקט קיין שיער ניט. אָבער דער אויספיהר, ווייל קיי־נער קען ניט אַלעס וויסען, דעריבער צו וואָס זיך פאַטערען איבערהויפּט. איז זייט אונז מוחל, אַ נאַרישער. צווישען וועניג וויסען און מעהר וויסען איז דער חילוק ניט אַזוי גרויס, אָבער צווישען גאָרניט וויסען און אַבי־סעלע וויסען ליגט אַ גרויסער און טיעפער אָפּ־גרונט, אַן אָפּגרונט, וועלכער שיידט אָב די בהמה פון מענש. און וועלכער מענש וואָלט עס געוואָלט זיין אַ בהמה? דערצו איז דער מענש געבאָרען מיט אַ דראַנג צו וויסען. עפּעס אין איהם טרייבט איהם צו דערוויסען זיך אַלץ מעהר און מעהר, און דאָס איז איינער פון די יסודות פון אונזער גאַנצען פאָרטשריט, וואָס מיר האָבען געמאַכט. אמת, וואָס מעהר מען ווייס, אַלץ מעהר וועהטאָגען, ווי דאָס זאָגט דער אַלטער חכם, אָבער איז דען דאָ איי־נער, וואָס זאָל וועלען אומבייטען דאָס וויסען מיט די וועהטאָגען אויף דאָס ניט־וויסען מיט דעם נאַרישען זאָרגענלאָזען גליק, וואָס קומט פון אומוויסענהייט, אויב מען קען נאָר רעדען פון גליק אין אַזאַ צושטאַנד? ניין, קיינער וואָלט עס ניט טאָן. יעדער מענש פיהלט זיך איבער־ליך שטאָלץ מיט זיין ביסעלע וויסען.

ק. פעדער. — קומט ניט צו אונז מיט פּרעטענזיעס. מיר קענען אייך נאָר זאָגען, אַז מיר פון אונזער זייט טוען דאָס בעסטע. זאָל יעדער נאָר טאָן דאָס זעלבע, אייך איינגע־שלאָסען, און איהר וועט זעהען, עס וועט זיין אַלרייט.

עקס. — דאָס מאָל איז די גאַנצע אונטער־זוכונג אין סקעטש געווען פון אַ זעהר וויכ־טיגען און באַלעהרענדען כאַראַקטער. מיר וועלען האָבען מאָרגען עפּעס צו זאָגען וועגען דעם אין די קומענדע נומערען.

ב. פרידלענדער. — אודאי זיינען מיר איינפאַרשטאַנען מיט אייך, וואָרום אויב ניט, וואָלטען מיר ניט אָפּגעגעבען אַזוי פיעל פּלאַץ פאַר דעם, און וואָלטען געפונען אַנאַנדער פאַר־ווענדונג פאַר אונזער צייט. אָבער דאָך מוזען מיר אייך זאָגען, אַז מיר האָבען אויך געהערט אַ געגענמיינונג איבער דעם. איינע, אַ שרייבע־רין, וואָס גיט אונז ניט איהר נאָמען, פאָדערט אונז בשום אויף ניט מעהר אָנצוהאַלטען אָט די שמועסען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זעהר שטאַרק געשטערט איהר צו לעזען די אַלע אי־בעריגע זאַכען, וואָס זיינען דאָ אין דער ציי־טונג.

ענדע פון מלחמה

ברענגט גליק פאַר דער וועלט

מאַרמאַלאַקס

די געשמאַקע פּרוכט קענדי אַבפיהר מי־טעל האָט געמוזט פיר דער צייט פון מלחמה אַראָפּ פון מאַרקעט, ווייל דער טייערע מעדיצינישער שטאָף וואָס קומט אַריין אין מאַרמאַלאַקס איז גענצליך פאַרברויכט געוואָרען אין די מלחמה האָספּיטעלער. יעצט די ענדע פון מלחמה וועלכע האָט געבראַכט נייע גוטע ציימען, האָט אויך צוריק גע־בראַכט די גרויסע רפואה פיר אַלע מאַ־גען ליידענדע, „מאַרמאַלאַקס", די פּרוכט־קענדי אַבפיהר מיטעל וואָס איז געשמאַקער פון די טייערסטע קענדי און לייזט אַב דעם מאַגען אין אַ פּאָר שטונדען לייכט און אַנגענעהם.

ליידעט ניט אויפ'ן מאַגען און האַלט די מאַגענדלעך פון אייערע קינדער אין ריינעם און געזונטען צושטאַנד. אַ באָקסעל מאַרמאַלאַקס אין הויז איז אַ פאָרזיכערונג פיר אַ געזונטען מאַגען און וועט פאַרהיטען פון אַלע מאַגען קראַנקהייטען.

10, 25 און 50¢ אַ באָקס.

אין אַלע גוטע דראַג סטאָרס אָדער מיט פּאָסט

MARMALAX COMPANY,
NEW YORK

סלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1
א. ל. ג. וו. י.

אָפיס 238 פערטע עוועניו. טעל. גרעמערסי 1063

א רעגעלער מעמבער מיטינג

וועט אָפּגעהאַלטען ווערען

מאָנטאָג אָבענד, דעם 13טען אָקטאָבער

אין בעטהאָווען האָלל, 210 איסט 5טע סטריט.

די פראַגע וועגען העכערען די דיוס

אויף 35 סענט פון וועלכע 10 סענט

זאָל געהן פאַר אַ סטרייק רעזערוו פאָנד וועט ביי דיעזען מיטינג ענדליך אָפּגעשטימט ווערען.

אויפמערקזאַם

צוליעב די אונערוואַרטעטע סלעק אין טרייד האָט די עקזעקוטיווע באַשלאָסען דאָס קיין אָווערטיים זאָל ניט גע־אַרבייט ווערען אין קיין שאַפּ וואו עס זיינען פאַראַן ליידיגע מאַשינען.

די שעפּער וואָס וועלען דעם אָרדער ניט אויספאָלגען וועלען גערופען ווערען צו דער גריוועַנס קאָמיטע און וועלען שווער באַשטראָפט ווערען.

די עקזעקוטיווע פון לאָקאַל 1

פ. קאַטלער, מענר. מ. וואָלבערג, טשערמאַן. ס. דזש. רינגער, סעק.

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואָס האָט אַן אייגענעם סאַניטאַריום פאַר זיינע קאָנסאָמפּטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אַן ארדען, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באַוועגונג.

די יוניאָן שטיצט אייך אין אייער עקאָנאָמישען קאַמפּף. — דער ארבייטער רינג איז אַ פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאָהר.

די ארבייטער באַוועגונג איז דער פעלד אויף וועלכען דער טעמפּעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאָך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אָן!

נאָך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

די סטייט באנק

ריסארסעס איבער $65,000,000

אויב איהר טהוט ביזנעס מיט אנדערע לענדער אדער איהר דענקט פערגרעסערען אייער ביזנעס דורך אימפארט אדער עקספארט, זיינט איהר געלאדען זיך צו בענוצען מיט די אויסערגעוועהנליכע פאסיליטיעס פון דער סטייט באנק.

מיר געבען ארויס לעטערס אוו קרעדיט, קאמירשאל לעטערס אוו קרעדיט, טראוועלערס טשעקס און דראפטס נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בעזאנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשעכא־סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליגסטע רעיטס דורך דער סטייט באנק.

די פאלגענדע ביינק זיינען אייניגע פון אונזערע קארעספאנדענטס אין אויסלאנד

ENGLAND
Credit Lyonnais, London.

FRANCE
Comptoir National d'Escompte de Paris.

BELGIUM
Banque Generale Belge.

SWITZERLAND
Swiss Banking Corporation.

HOLLAND
Rotterdamsche Bank Vereeniging.

CZECHO-SLOWAKIA
Bohmische Union Bank, Prague.

GERMAN AUSTRIA
Wiener Bank Verein, Vienna.

POLAND
Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warsaw.

אייער געלד וועט איבערגעגעבען ווערען דורך דיעזע קוועלען אדער אויסלענדישער קרעדיט וועט פאר אייך ארראנזשירט ווערען און איהר וועט זיין פערזיכערט צו האבען גוטע סערוויס.

THE STATE BANK

376 און 378 גרענד סטריט. ניו יארק.

ברענטשעס:

100 עסעקס סטריט; 7 וועסט 26טע סטריט;
1400 פינפטע עוו.; 158 יוניאן און וועסטשעסטער עוועס.
פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.
גרעהעם עוועניו און וועדעס סטריט, ברוקלין.

די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנעל

1. קלאוק אפרייטארס יוניאן — סעמ'ל דזש. רינגער, סעק., 238 4טע עוו., נ. י.
2. פילאדעלפיא קלאוקמייקערס — מאקס סאבדלער, סעק., 244 ס. 8טע סט.
3. קלאוק און סוט פיעס טיילארס — ד. רובין, סעק., 9 וו. 21טע סט., נ. י.
4. באלטימאר קלאוקמייקערס — א. ראסקאוויץ, סעק., 1023 א. באלטימאר סט.
5. שיקאגא קלאוקמייקערס — ת. סאלאמאן, סעק., 1815 וו. דיוויזשאן סט.
6. ניו־יארק עמבראידערי ווארקערס — י. זארעמסקי, סעק., 519 בערגען עוו., בראנקס, נ. י.
7. באסטאן ריינקאוט מייקערס — דייוויד פערלמוטער סעק., 88 קאסעוויי סט.
8. לידיעס גארמענט ווארקערס — ת. י. גרינבערג, סעק., 411 פחילאן בילדינג, סאן פראנציסקא, קאל.
9. קלאוק פינישערס יוניאן — דזש. האלפערן, סעק., 228 סעקאנד עוו., נ. י.
10. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס — דזשוליוס סטועלס, סעק., 7 וועסט 21טע סט., נ. י.
11. בראנזוויל קלאוקמייקערס יוניאן — ת. בראדסקי, סעק., 219 סעקמאן סט., ברוקלין, נ. י.
12. באסטאן פרעסערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
13. מאנטרעאל קלאוקמייקערס יוניאן — דזש. שובערט, 37 פרינס ארטהור סט.
14. טאראנטא קלאוקמייקערס — ס. יאנאפאלסקי, 208 ספאדינא עוו.
15. פילאדעלפיא וויסטמייקערס — ס. קאפלאן, 88 נ. 11טע סט.
17. נ. י. ריפער מייקערס יוניאן — דזש. העללער, 117 סעקאנד עוו.
18. שיקאגא קלאוק פרעסערס — י. פערלשטאד, 1815 וו. דיוויזשאן סט.
19. מאנטרעאל קלאוק קאטערס — דזש. קייזער, 87 פרינס ארטהור סט.
20. נ. י. וואטערפרוף גאר. ווארק. — פ. פרידמאן, 22 וועסט 17טע סט.
21. נוארק לידיעס טיילארס — נ. גלאסס, 108 מאנטגאמערי סט.
23. נ. י. שקירטמייקערס יוניאן — י. דזשאזעפסאן, 231 א. 14טע סט.
24. באסטאן סקירט מייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
25. נ. י. וויסטמייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סט.
26. קליוולאנד קלאוקמייקערס יוניאן — טשארלס קריינדלער, 805 סופיריאר בלדג.
27. קליוולאנד סקירט מייקערס יוניאן, טשארלס קריינדלער, 805 סופיריאר בלדג.
28. סיאטל לייד. טיילארס יוניאן — נ. קאזאקאף, 719 30טע עוו.
29. קליוולאנד קלאוק פינישערס — 805 סופיריאר בילדינג.
30. סינסינאטי קאטערס יוניאן — 311 אדד פעלאוס האל.
31. לואיזוויל גארמענט מייקערס — דזש. עפשטיין, 721 נ. מארקעט סט.
33. ברידזשפארט קארסעט ווארקערס — מערי דזשי. פעפער, 409 ווארנער בלדג.
34. ברידזשפארט קארסעט קאטערס — דזשאס. קובעק, 147 קעטהרין סט.
35. נ. י. פרעסערס יוניאן — א. ע. קאזאן, 228 סעקאנד עוו.
36. באסטאן לידיעס טיילארס — דזשייקאב וואייט, ע. ע. באסטאן דזשאינט ב.
37. קליוולאנד פרעסערס יוניאן — 805 סופיריאר בילדינג.
40. ניו הייווען קארסעט ווארקערס — ליגע ס. דיקערסאן, 285 גרינוויטש עוו.
41. נ. י. קימאנא ווארקערס יוניאן — י. משאסקין, 22 וו. 17טע סט.
42. קליוולאנד קלאוק קאטערס — 805 סופיריאר בילדינג.
43. וואוסטער וואייט גודס ווארקערס — סעם קאהען, 49 האריסאן סט.
45. יונייטעד דעזיינערס אוו לידיעס ווער — י. לענקאף, 36 וו. 33טע סט.
46. פעטיקאוט מייקערס יוניאן — י. משאסקין, 22 וו. 17טע סט.
48. נ. י. איטאליען קלאוקמייקערס — ס. נינפא, 231 14טע סט.
49. באסטאן וויסטמייקערס יוניאן — מיס דזש. פרידמאן, 919 וואשינגטאן סט.
50. נ. י. טשילדרענס דרעסמייקערס — מיס ב. גאלקער, 22 וו. 17טע סט.
52. לאס אנדזשעלעס גארמענט ווארקערס — ס. הערמאן, 218 ס. בראדוויי.
53. פילאדעלפיא לידיעס טיילארס יוניאן — דזש. סטיינבאק, 1737 ס. 9טע סט.
54. שיקאגא ריינקאוט מייקערס — ת. שליימאן, 1145 בלו איילאנד עוו.
56. באסטאן קלאוקמייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאן סט.
58. נ. י. וויסט באטאנהאל יוניאן — מ. אוראן, 80 א. 10טע סט.
61. מאנטרעאל קלאוק פרעסערס — 37 פרינס ארטהור סט.
62. נ. י. וואייט גודס ווארקערס — מיס מ. ליפשיץ, 117 סעקאנד עוו.
63. סינסינאטי קלאוקמייקערס יוניאן — מיס ע. בעטץ, 311 אדל פעלאוס האלל.
64. נ. י. קלאוק באטאנהאל מייקערס — י. היבשמאן, 112 וו. 21טע סט.
66. נ. י. באנאז עמבראידערי יוניאן — מיס ת. סטינדלער, 220 א. 14טע סט.
67. טאלידא קלאוקמייקערס יוניאן — ס. סטרולאוויץ, 721 אנידא סט.
68. הארטפארד גארמענט ווארקערס — א. פרימאק, 16 לומיס סט.
69. פילאדעלפיא קלאוק פינישערס — 244 ס. 8טע סט.
70. טאראנטא סקירט מייקערס — 208 ספאדינא עוו.
72. באלטימאר דרעס גודס ווארקערס — סיליא סאמארדני, 515 טונסי בלדג.
73. באסטאן אמאל. גאר. קאטערס — 751 וואשינגטאן סט.
75. וואוסטער קלאוקמייקערס — ס. פאלאנסקי, 8 איגגאל סט.
78. סט. לואיס קלאוק אפרייטארס — ת. קארנבלום, פראטוירגלא בילדינג.
80. ניו יארק לידיס טיילאר און אלטערייטאן ארבייטער יוניאן — ת. הילפמאן, 725 לעקסינגטאן עוו.
82. נ. י. ב. ב. ענד עקזאמינערס — מ. דזש. אשפיז, 78 א. 10טע סט.
83. טאראנטא קאטערס יוניאן — 208 ספאדינא עוו.
84. טאלידא קאטערס יוניאן — דאן ת. דייווי, 217 ווארטהינגטאן סט.
86. קענעדע לידיעס טיילארס יוניאן — ל. רובין, גלען פאלס, סט. דזשאהן, נ. ב.
90. נ. י. פרייוועט דרעסמייקערס — ת. סילווערמאן, 175 א. בראדוויי.
92. טאראנטא קלאוק פרעסערס — ב. וואלהענדלער, 110 אגוסט עוו.
94. סעמפל ענד לידיעס טיילארס — 805 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
97. לידיעס טיילארס יוניאן — דזשאהן אוהרין, 218 ס. בראדוויי, לאס אנדזשעלעס
98. סינסינעטי סקירט פרעסערס יוניאן — 311 אדד פעלאוס האל.
100. שיקאגא לידיס וויסטמייקערס יוניאן — דארא ליפשיץ, 1576 מילוואקי עוו.
101. באלטימאר גארמ. ווארקערס — מ. טימשי, 219 קילמאר סט.
102. מאנטרעאל ריינקאוט מייקערס — 37 פרינס ארטהור סט. א.
103. לאס אנדזשעלעס לידיס וויסטמייקערס — לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. שיקאגא לידיעס טיילארס — טהיאדאר בורק, 180 וו. וואשינגטאן סט.
110. באלטימאר קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., ס. קריימער, סעק.
112. מאנטרעאל לידיס גארמענט ווארקערס — 37 פרינס ארטהור סט. א.
114. רייסין ראבער ענד ריינקאוט מייקערס — רוטה אוליר, 1903 דאגלאס עוו.
115. נ. דזש. וויסט ענד וואייטגודס ווארקערס — פרידא שווארץ, 446 סטייט סט., פערטה עמבאי, נ. דזש.
116. לידיעס וויסט ענד דרעסמייקערס — דזשעני לעווין, 217 ראזוועלט סט., ניו הייווען, קאנג.
117. וואייטגודס ווארקערס יוניאן — עטהעל בארדי, 196 סט. דזשארדזש סט., ניו בראנזוויק, נ. י.
118. לידיעס גארמענט ווארקערס — הייזעל דזשעקסאן, סעקאנד עוו. רד., קליבטאן, איאווא.
119. וויסטמייקערס יוניאן — מרס. מערי מאלטץ, פעדערייטאן האל, טראי, נ. י.
120. ראטשעסטער לידיס טיילארס — מ. מילער, 100 פארק עוו., ראטשעסטער, נ. י.
121. ווינלאנד וויסטמייקערס — מיס פ. רייף, 430 וואוד סט., נ. דזש.
122. שיקאגא עמבראידערי ווארקערס — לירא י. קיפער, 2421 וו. מעדיסאן סט.
123. פעטערסאן לידיס גארמענט ווארקערס — הערמאן גרין, 56 קליף סט.

טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עוועניו
טעל. אורטשארד 2612
הערי טאמאשעווסקי, סטייזש מעג.

לכבוד סכות צום ערשטען מאל!

דאס גרעסטע, שענסטע, ריינסטע און הערליכסטע וואס אידען האבען אמאל געזעהן אין אידישען טעאטער.

בארים טאמאשעווסקי'ס נייע אפערעטע

דאס היילינע ליעד

מיט 28 נומערען געזאנג, פון דעם איינציגען אמת'ן אידישען קאמפאזיטאר

הערמאן וואהל

מיט א קאמפאניע פון די גרעסטע סטארס פון דער אידישער ביהנע און אן עקסטרא כאר פון זעכציג פערזאן, ווי אויך א סימפאני ארקעסטער פון 24 פערזאן.

ל. גאלדבערג, פרעזענטירט

בארי טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בעסי ווייסמאן, ראזא גרינפעלד, סלמן יאוועליער, וויליאם שווארץ, מאד. זיבעל, מאד. ווילענסקי, מאד. מאגע, ה' גרינבערג, ה' גילמאן, ה' גאלד, ה' צוקערמאן און בעלא פינקעל, ווי אויך האבען מיר צוויי נייע זינגער, מאד. טובמאן און ה' טעראנזא.

ווען אין דער געשיכטע פון אידישען טעאטער האט איהר נאך געזעהן אדער געהערט אזא קאמבינאציע פון אזעלכע שוישפילער און זינגער, צוזאמען ווי איהר וועט זעהן און הערען אין טאמאשעווסקי'ס נייע אפערעטע „דאס היילינע ליעד"?

דאנערשטאג, פרייטאג, שבת און זונטאג מאטינעע און אבענד, 9, 10, 11 און 12 אקטאבער, ווי אויך גאנץ סכות

טאמאשעווסקי'ס און וואהל'ס נייע אפערעטע

דאס היילינע ליעד

אפערעטע מיט א פראלאג אין 3 אקטען. אויפגעפיהרט פון די צוויי גרעסטע אידישע רעזשיסערן ה' טאמאשעווסקי און ה' קעסלער. 28 נומערען מוזיק, מיט א סימפאני ארקעסטער פון 24 מאן פון אונזער קאמפאזיטאר און דירעגענט ה' הערמאן וואהל, אלע טענץ ארראנזשירט פון דעם בעריהמטען בראדוויי פראדיוסער ה' דען דודי, טענץ געלערנט פון הערי טאמאשעווסקי.

חברות, לאדזשעס, יוניאנס און רעליעף סאסייעטיס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען קריגען בענעפיטס און טיקעטס פאר דעם נייעם סיזאן. ווענדעט זיך צו מר. מענדעלסאן.

אירווינג פל. טהעאטער

טעלעפאן, סטייוועסאנט 1359
מאקס ווילנער, מענעדזשער
מאריס שווארץ, דירעקטאר.

מאריס שווארץ'ס

8טע וואך 8טע וואך

לכבוד גאנץ יום טוב סכות

דאנערשטאג, פרייטאג, שבת און זונטאג מאט. און אבענד, 8טען, 9טען, 10טען, 12טען און 13טען אקטאבער

מאקס ר. ווילנער, פראדיוסירט

הערר מאריס שווארץ

— אין —

שלום עליכם'ס

גרעסטע שאפונג

טביה

— דער —

מילכיגער

וועגען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון אירווינג פלייס טעאטער.

דאס נייע אידישע טעאטער

(27סטע סטריט און מעדי־סאן עוועניו)
עמאנועל רייכער, קונסט דירעקטאר.
שלמה גראסמאן, ביזנעס מענעדזשער.

לכבוד סכות! לכבוד סכות!

מיטוואך אווענד, דאנערשטאג, פרייטאג, שבת און זונטאג מאטינעע און אווענד, 8טען, 9טען, 10טען, 11טען און 12טען אקטאבער

פרץ הירשביין'ס

ראמאנטישע פאלקס־קאמעדיע

„די פוסטע קרעטשמע"

רעזשיסירט פון עמאנואל רייכער. דעקאראציעס פון פאשקא.

רעזערווירט אייערע טיקעטס פאר טעלעפאן: מעדיסאן סקווער 579.

נעביל'ס טעאטער

235 באוערי. טעל. ארטשארד 4345.
מאקס נעביל, דירעקטאר. הערי נאטי, מענ.

מאקס נעביל'ס „היילינע ליבע" האט אלעס איבערטראפען.

7טע וואך 7טע וואך

לכבוד סכות

דאנערשטאג און פרייטאג מאטינעע און אב. 9טען, 10טען אקטאבער (ערשטע טעג סכות), שבת און זונטאג מאטינעע און אבענד, 11טען און 12טען אקט.. מאנטאג און דיענסטאג אבענד (חול המועד) 13טען און 14טען אקט., מיטוואך אבענד, דאנערשטאג און פרייטאג מאטינעע און אב. (צווייטע טעג סכות), 15טען, 16טען און 17טען אקט., שבת און זונטאג מאט. און אב., 18טען און 19טען אקטאבער

די גאנצע קינסטלער קאמפאני אין מאקס נעביל'ס גרויסע מייסטערווערק

מאקס נעביל, דזשעני גאלדשטיין, עליאס ראטהשטיין, גאלדע שאפירא, יאקאב האכשטיין, יאקאב קאצמאן, בעסי סינקאף, אייב סינקאף, יאקאב גאלדשטיין, אידא גראבער, פרידריך בלייכער און איזידאר האלענדער אין

מאקס נעביל'ס גרויסע מייסטערווערק

היילינע ליעבע

מעלאדראמא אין 4 אקטען, מיט א פארשפיעל פון מאקס נעביל. מוזיק פון אונזער קאמפאזיטאר ארנאלד פערלמוטער.

וועגען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון טעאטער.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

אהרן באלאבאנאווסקי, געוואוינט אין באר־קאוו, רוסלאנד, מיט זיין [illegible] און צוויי [illegible], געוועזן אין [illegible] וועלכער [illegible], ווער עס ווייסט פון איהם זאל מעלדען:
E. WEINER, 25 E. 115th Street, New York City.

לידיס טיילארס און אלטערייש[א]ן ארבייטער לאקאל 80

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

דינסטאג, דעם 14טען אקטאבער,

7.30 אבענד

אין מאונט מאריס האלל

1362-4 5טע עוועניו.

דער מיטינג איז דער ערשטער נאך אונזער ערפאלגרייכען דזשענעראל סטרייק, דערפאר זייט איהר אלע ערזוכט צו קומען צו דיזען מיטינג. ווארים זעהר וויכטיגע פראגען וועלען דיסקוטירט ווערען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 80

ת. הילפמאן, סעקרעטער.

די שאמער־ראסס פראדאקשאן אינק.
האלט אין פארטיגען א ערשט־קלאסיגע
ארטיסטישע מאווינג־פיקטשור

דער היילינער פלאם

("THE SACRED FLAME")

וואס וועט מיט דער ארטיסטישער אויסשטאטונג, קינסטלערישען שפיעלען און פראכטפאלער אויספיהרונג פארשאפען דאס גרעסטע פארגעניגען פאר דער בעסערער קלאסע מאווינג פיקטשור באזוכער.

די בעריהמטע בראדוויי אקטריסע

מיסס עמילי סטיווענס

שפיעלט דארט די הויפט ראלע און זי ווערט אונטערשטיצט פון נים קיין קלענערע ארטיסטקע אלס מוריעל אסטריטש און א גאנצען סטאף בעריהמטהייטען.

ערווארטעט שאמער'ס נייעסטע שאפונג „דער היילינער פלאם" נאר אין ניכען — ערווארטעט עטוואס גרויסעס און שעהנעס.

בארנעס
ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען
215 East Broadway
100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn
895 Prospect Ave., Bronx

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484-90 6טע עוועניו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

דיזע צייטונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ־טו־דייט פרינטינג קא.
195 קאנאל סט. ניו יארק
טעלעפאן 6495 פרענקלין.

טשאטהאם פרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי
[illegible] אונזער [illegible]

טעלעפאן גרעמערסי 2441
ד"ר לעאנארד פרעט
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאָרקערס יוניאן

VOL. I. No. 40. New York, Friday, October 17, פרייטאג, דעם 17טען אקטאבער, 3 CENTS

א פערטעל מיליאן דאלאר פאר די שטאל סטרייקער

250 טויזענד דאלאר האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד באשלאסען צו שאפען און בייצושטייערען צו די סטרייקענדע שטאל-ארבייטער. [illegible]יליגט אנדערע בייטרעגע פאר וויכטיגע צוועקען.

דער דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט וואָרקערס יוניאן, וועלכער איז לויט זיין באשאפענהייט, בלויז אן ארגאניזאציאנס־ און פראפאגאנדע ביורא אזוי צו זאגען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, האט זעלטען־ווען אייגען געלד, אזוי אז ער זאל קענען, ווען נויטיג, געבען מיט א פולע האנד. ווארים אלעס וואס ער האט איז דער פער־קאפיטא־טעקס, וואס קומט אריין פון די מעמבערס, אבער דיעזע טעקס איז קוים גענוג פאר די עקספענסעס פון אפיס. דערפאר איז זיין טרעזשורי, אלס א כלל, מעהר לעדיג ווי פול. עס קען פאסירען, און אזוי איז עס אויך, אז די פארשידענע לאקאלס און יוניאנס וואס געהערען צו דער אינטערנעשאנאל, זאלען האבען זייערע קאסען ציעמליך פול, און אין דער אינטערנעשאנאל זאל דוקא זיין א דוחק אין געלד. די אינטערנעשאנאל דארף אייגענטליך ניט קיין געלד פאר סטרייק־פאנדס, אדער אנדערע בענעפיט־פאנדס. אויף וואס זי דארף געלד, איז אום אנצופיהרען אלץ ווייטער און ווייטער די נויטיגע ארגאניזאציאנס־ און פראפאגאנדא־ארבייט און אום צו פיהרען די ביזנעס פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל. און עס פאסירט זעהר אפט, אז עס סטאיעט פשוט ניט אויף דעם. ווען דער פער־קאפיטא־טעקס דעקט ניט די אלע נויטיגע אויסגאבען, ווערט באשלאסען פון דעם דזשענעראל עקז. באארד א ספעציעלער אסעסמענט פון די לאקאלס פאר דער אינטערנעשאנאל. איז, אז דער אסעסמענט ווערט באצאהלט, איז עס גוט. טאמער אבער איינען זיך די לאקאלס ניט אונטער, מוז דער אפיס פון דער אינטערנעשאנאל נאר אפט צובארגען, אום אנצוגעהן מיט דער נויטיגער ארבייט...

פון דעם וועט שוין דער לעזער פארשטעהן, ווארום דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל האט ניט געקענט נעהמען גלייך א פערטעל מיליאן דאלאר און עס אוועקשיקען צו די סטרייקענדע שטאל־ארבייטער. דער אפיס פון דער אינטערנעשאנאל האט קיינמאל ניט געהאט אין זיין טרעזשורי אזא סומע און וועט, וואהרשיינליך, עס קיינמאל ניט האבען. זיין טרעזשוריע ליידט אימער מעהר פון א דעפיציט, ווי פון אן איבערפלוס. אבער אזוי ווי דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד באשטעהט פון דעם פרעזידענט, סעקרעטער־טרעזשורער און פון די וויים־פרעזידענטען פון דער אינטערנעשאנאל, יעדער איינער פון וועלכע רעפרעזענטירט מיט זיך טויזענדע און טויזענדע ארבייטער, און זיי אלע צוזאמען די גאנצע אינטערנעשאנאל, איבער 120 טויזענד ארבייטער פון פארשידענע יוניאנס, קען גאר קיין צווייפעל ניט זיין אין דעם, אז זייער באשלוס צו שאפען און בייצוטראגען 250 טויזענד דאלאר צום שטאל־סטרייק וועט באלד אויסגעפיהרט ווערען דורך דעם, וואס יעדער לאקאל וועט ביטראגען זיין חלק.

קיין וואונדער ניט דארום, וואס די דאזיגע נייעס איבער דעם באשלוס איז פארורסט געווארען פון אונזער קאפיטאליסטישער פרעסע אין א ווינקעלע, אז מען האט עס קוים געקענט געפינען. אזא נייעס צו געבען די פארדיענטע פראמינענץ — דאס וואלט דאך געווען פונקט נעגען זייערע אינטערעסען. די וועלט וואלט דאך דאן געזעהן אן אויסדרוק פון סאלידאריטעט פון ארבייטער צו ארבייטער, וועלכע האט קוים איהר גלייכען, און זי וואלט באגריפען, אז די שטאל־סטרייקער אין זייער גרויסען קאמפף זיינען ניט אליין; אז די גאנצע ארבייטער באוועגונג איז מיט זיי. טאר דאס אבער ניט געשעהן. מען מוז די נייעס פאררוקען ערגעץ אין א קארנער, אויב מען קען שוין איהר אין גאנצען ניט אונטערדריקען.

דאס פארמינדערט אבער ניט אויף א האר דעם גרויסען ווערט פון דעם באשלוס פון דער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן בייצושטעהן די שטאל־סטרייקער מיט אלעס, וואס זי וועט נאר זיין אין שטאנד.

די גרויסקייט פון דעם אויפטו וועט מיט דער צייט אלץ מעהר און מעהר אפגעשעצט ווערען און ניט אומזיסט האבען די מיטגליעדער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געפיהלט זיך באזונדערס גוט נאך יענעם מיטינג, נאך דעם דריטען, וועלכער — זאל עס דא פארצייכענט ווערען — איז אפגעהאלטען געווארען אין סטאטלער האטעל, אין באפאלא, דיענסטאג, דעם 7טען אקטאבער.

דעם דאזיגען פערטעל מיליאן דאלאר האט דער ג. ע. ב. באשלאסען צו שאפען, ניט קריגענדיג קיין צושריפט פון די סטרייקער פאר שטיצע. דער באשלוס איז געפאסט געווארען, ווייל אלע האבען געפיהלט, אז אין אזא פאל, ווי דער שטאל־סטרייק, טאר מען ניט ווארטען, ביז מען וועט קומען פארלאנגען. עס זיינען אבער געקומען קאמיטעס און צושריפטען, וועלכע האבען פארלאנגט שטיצע פאר פארשידענע גוטע צוועקען, און אויף די האט זיך דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אפגערופען, לויט זיין העכסטע מעגליכקייט, און, דאכט זיך, אויך איבער זיינע כחות.

אזוי איז באוויליגט געווארען:

500 ד. פאר'ן דעפענס־פאנד פון גענאסע דעבס און אנדערע פאליטישע פריזאנערס. דער נעשאנאל סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אדאלף גערמער, האט געמאכט א ריהרענדען אפיעל צום באארד. ער האט אנגעוויזען אויף די גאנצע וויכטיגקייט פון דער ארבייט פאר דער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסטירטע בכלל, און פאר די אנפיהרונג פון דער פראפאגאנדע, אז דא, אין אמעריקא, זיינען דא פאליטישע פריזאנערס, כאטש זיי ווערען באהאנדעלט גלייך מיט די ערגסטע פארברעכער. און פאר די באפרייאונג פון דעם גרויסען סאציאליסט און מענשען־פריינד, גענאסע דעבס בפרט.

300 דאלאר זיינען באוויליגט געווארען פאר דעם סטרייק פון די דזשוירנימען־טיילארס. זיי פיהרען איצט אן א שטארקען קאמפף אין פארשידענע פלעצער פאר די באדינגונגען, וועלכע די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל האבען שוין אויסגעקעמפט. אחוץ דער געלד־שטיצע, איז באשלאסען געווארען צו אפעלירען צו אלע אונזערע לאקאלס אליין צו העלפען די קעמפפענדע דזשוירנימען טיילארס.

200 דאלאר איז באוויליגט געווארען

אונזערע סטרייקס אין קאנעקטיקוט סטייט

אין ניו הייווען און הארטפארד, קאנעקטיקוט, געהען נאך אן די סטרייקס פון ליידיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער. די באסעס זיינען פארביסען, זיי ווילען ניט נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער. זיי מיינען די ארבייטער אויסצוהונגערן, זיי זאלען קומען צוריק ארבייטען אויף די אלטע ארבייטס־באדינגונגען. דאס וועט אבער ניט געשעהן. די באסעס דארטען האבען אומזיסטע האפנונגען, זיי רואינירען בלויז זייערע אייגענע ביזנעס. די ארבייטער זיינען היינט פונקט אזוי ענטשלאסען ווי דעם ערשטען טאג פון סטרייק, און זיי וועלען זיך ניט צוריקקעהרען אין די שעפער, ביידען אונטער די נייע ארבייטס באדינגונגען, פאר וועלכע זיי זיינען ארויסגעגאנגען סטרייקען.

די סטרייקס אין ניו הייווען און אין הארטפארד ווערען אנגעפיהרט פון אונזער וויים־פרעזידענט סאול זיידמאן, דער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער אין קאנעקטיקוט סטייט. א חוץ דיזע סטרייקס, ווערט אין יענעם סטייט אנגעפיהרט א לעבעדיגער ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען די ארבייטער אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, קארסעט מאכער, ווייסט מאכער און ווייטהגודס ארבייטער.

ווי מיר הערען, מאכען איצט די ליידיס טיילארס באסעס פון ניו הייווען און הארטפארד, ביי וועמען די ארבייטער סטרייקען, אפטע באזוכען אין ניו יארק. זיי קומען אהער פארנארען ארבייטער אלס סקעבס. ווי מיר הערען, שלאגען זיי פאר צו געבען אגרימענטס און זאגען צו נאך אנדערע גליקען. מיר ווארנען די ליידיס טיילארס און אלטערײשאן שניידער פון ניו יארק, זיך ניט צו לאזען פארפיהרען צו ווערען סקעבס. היט זיך פאר די ניו הייווען און הארטפארד ליידיס טיילאר באסעס!

דער סטרייק פון די מילינערי ארבייטער אין ניו יארק

עס איז שוין די פיערטע וואך ווי אין ניו יארק געהט אן א סטרייק פון די מילינערי ארבייטער. אין דעם סטרייק זיינען באטייליגט איבער 12 טויזענד ארבייטער, פרויען און מענער און אלע פאבריקען אין ניו יארק וואו עס ווערען געמאכט ליידיס העטס זיינען פאראליזירט.

דער סטרייק שיינט צו זיין זעהר א פארביסענער. די ארבייטער פאדערען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, אנשטענדיגע שכירות, לויט דער פאדערונג פון דער צייט, א יוניאן שאפ, א. ז. וו.

אין אנפאנג פון לעצטער וואך האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז דער סטרייק האלט ביים ווערען געסעטעלט. די באסעס פון דעם טרייד, וועלכע האבען זיך לעצטענס ארגאניזירט אין א „נעשאנאל אסס'ן" האבען דאס אבער ענטשידען אפגעלייקענט. זיי האבען אפגעדרוקט א גרויסען אדווערטייזמענט אין דער פרעסע, ערקלערענדיג אז דער קלאנג וועגען א מעגליך־שנעלען סעטעלמענט איז א פאלשער און דאס זיי וועלען פייטען דער יוניאן ביז צום סוף.

די מילינערי יוניאן איז, נאטירליך, פונקט אזוי ענטשלאסען צו פייטען די באסעס ביז'ן סוף, ביז דער קאמף וועט געוואונען ווערען און דער קאמף ווערט שארפער מיט יעדען טאג וואס ער פארציהט זיך. די יוניאן, פארשטעהט זיך, האט ניט קיין אנדער ברירה, זי מוז פארטיידיגען די אינטערעסען פון די מילינערי ארבייטער און דורכפיהרען דעם סטרייק ביז צו א זיעג. די סטרייקער זיינען מוטיגע קעמפער, זיי קעמפען מיט פיעל באגייסטערונג און עס איז קיין צווייפעל דאס זיי וועלען ברעכען די הארטנעקיגקייט פון זייערע באסעס, וועלכע ערקלערען גאנץ אפען אז זיי זיינען אויסען איין מאל פאר אלע מאל צו צושטערען די יוניאן פון די מילינערי ארבייטער.

דאס וועט אבער דער אסס'ן פון די באסעס ניט געלינגען. די יוניאן פון די מילינערי ארבייטער איז א טייל פון דעם קעפ מייקער פארבאנד, און די באסעס אסס'ן האט זיך דא אנגעשטויסען אן דער מאכט, ניט בלויז פון אן איינצעלנער יוניאן, נאר פון'ם גאנצען פארבאנד. דער גאנצער קאפען מאכער פארבאנד שטיצט דעם סטרייק. דער קאמף פון די מילינערי ארבייטער איז דער קאמף פון דעם גאנצען פארבאנד און די נייע אסס'ן פון די באסעס איז ניט שטארק גענוג בייצוקומען אזא פאראייניגטע ארבייטער־מאכט. דער סטרייק וועט זיכער געוואונען ווערען.

אינהאלט־פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 40.

זייט 2. די וואך — נ. בוכוואלד.
זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן. — ל. לאנגער. מיטינג פון עקז. באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 4. א בריעף פון שיקאגא — ה. סקולמאן. וויכטיגע פראגען אין דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10 — ס. ב. שענקער.
זייט 5. דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל — ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. ווי די וועלט באוועגט זיך — רוש. פ. ליעדער — מ. פערעלמוטער.
זייט 7. אונזער עדיוקיישאנעל קאמיטע און איהר אנגאנג — ל. לאנגער. גוטע נייעס פון אינטערנעשאנעל אום פון טאן ארגאניזאציאנס ארבייט — דזשעני מייטעס.
זייט 8. א געיעג נאך ליעבע (ראמאן) — פאלינא וואלני.
זייט 9. ראמאן. ארבייטער רינג קאאפעראטיווע בעקערייען — ה. מעניו.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. דער גרויסער סך הכל פון דעם פערטעל יעהרליכען מיטינג פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באפאלא — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. אוקראינע, די וועלט און די אידען — א. גלאנץ. און עס וועט זיין... (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. א בר מצוה בחור — מ. שמואלזאהן. א ווערטערבוך פאר קבצנים (געדיכט) — א. ל. וואלפסאן.
זייט 14. לעאניד אנדרעיעוו — ס. דינגאל. סוכות אדער „תאלידוי" (א בילד) — ה. זילבערמאן.
זייט 15. פלאטאן און די גריכישע פרוי — דר. אסתר לוריע.
זייט 16. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריס בלינדער. קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייטען 17, 18 און 19 — — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעף רעפארטער. אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנעל דעפארטמענט.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער

די פראגע פון וואך־ארבייט אין דער קלאוק־אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד פארנעהמט נאך אלץ אן אנגעזעהענעם פלאץ אין דער עפענטליכקייט. אין דער פרעסע פון איבער'ן גאנצען לאנד ווערט נאך גאנץ אפט וועגען דעם געשריבען. אין אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט אינטערעסירט מען זיך צו וויסען דעם רעזולטאט פון דער נייער ארבייטס־סיסטעם אין דער קלאוק־אינדוסטריע און אין דער קאנטרי־פרעסע געפינען זיך אפט באמערקונגען און מיינונגען וועגען דער ווירקונג, וואס די נייע ארבייטס־סיסטעם האט געהאט אי אויף די ארבייטער אין דעם טרייד און אי אויף דער אינדוסטריע בכלל.

שיקאגא איז איינער פון די קלאוק־צענטערן אין דער מידעל־וועסט, וואו וואך־ארבייט איז דעם זומער איינגעפיהרט געווארען און אט וואס מר. עדווארד, א שרייבער אין דעם „אידישען קוריער" פון יענער שטאדט, זאגט וועגען דעם אין זיינע נאטיצען מיט א וואך צוריק:

„אויב ס'זיינען נאך פאראן מענשען, וועלכע קענען ניט באגרייפען די גוטע זייט פון דער וואך־ארבייט סיסטעם און פארשטעהען ניט פארוואס ארבייטער קעמפפען גאר פאר דער רעפארם, דאן זאלט איך זיי ראטען ווארפען א בליק אין דער היגער קלאוק־אינדוסטריע און באמערקען וואס דארט טוט זיך היינט.

א שפאגעל נייעם גייסט, — א גייסט פון קלאסענבאוואוסטזיין האט די וואך־ארבייט רעפארם אריינגעבראכט צווישען די קלאוקמאכער. נישטא דער אמאליגער, די נשמה־פון־זיך־ארויסציענדער געלויף נאך די באנדלעך, וואס האט פונ'ם קלאוקמאכער און זיין מאשין איינס געמאכט. נישטא די געוועזענע אינדיפערענץ צו דער יוניאן; גאר א גאנץ ניי לעבען הערשט דארט אין און אויסערהאלב די שעפער. דער עולם יאגט זיך ניט. מ'לעבט מעהר ברידערליך צווישען זיך און מ'אינטערעסירט זיך טאקע מעהר מיט זיך אליין, מיט דער אייגענער יוניאן."

איא, א גוטער גרוס פונ'ם וואך־ארבייט סיסטעם אין שיקאגא?

און איהר דארפט וויסען, אז דער „אידישער קוריער" איז ניט, חלילה, קיין סאציאליסטישע אדער ארבייטער צייטונג, וואס זאל אויסען זיין „צו פארשעהנערען" די זאך, ווי דאס איז אין דער ווירקליכקייט.

און אזעלכע גרוסען הערען מיר ניט בלויז פון שיקאגא אליין, מיר הערען זיי פון פיעלע אנדערע שטעדט און שטעדטלעך איבער'ן לאנד, וואו די וואך־ארבייט סיסטעם איז איינגעפיהרט געווארען.

* * *

פילאדעלפיא איז אפילו גאנץ נאהענט פון ניו יארק, אבער אין דער פראגע פון וואך־ארבייט איז פילאדעלפיא, צוליעב געוויסע לאקאלע אומשטענדען, פארשטעהט זיך, געבליבען א ביסעל הינטערשטעליג. נאטירליך, אונזערע פילאדעלפיער קלאוקמאכער וועלען דאס באלד גוט מאכען. זיי האבען זיך שוין גענומען ענערגיש ארבייטען אין דער ריכטונג. די באוועגונג פאר איינפיהרען וואך־ארבייט אין קלאוקס־טרייד איז שוין דארטען אין פולען גאנג.

אין צוזאמענהאנג מיט דיעזער באוועגונג שרייבט מר. אב. זוסמאן אין דער „אידישער וועלט", א טעגליכע אידישע צייטונג אין פילאדעלפיא, ווי פאלגט:

„אין קיין אינדוסטריע פון לאנד איז דער סיסטעם פון שטיק ארבייט ניט אזוי פארהייליגט געווארען, ניט אזוי לאנג און פאלשטענדיג געהערשט ווי אין דער נידעל אינדוסטריע. עס האט אויסגעקוקט, אז דער שטיק־ארבייט סיסטעם וועט שוין אייביג בלייבען דער הערשער אין דער קליידער־אינדוסטריע. פאר וואס די שטיק־ארבייט סיסטעם האט אזוי לאנג געהערשט און איז אזוי פיעל פארהייליגט געווארען פון די מאנופעקטשורערס און אויך פון די ניט פארשטענדיגע ארבייטער, איז א טעמא איבער וועלכער עס לאזט זיך פיעל רעדען. דאס איז אבער ניט דער צוועק פון דיזען ארטיקעל. איך וויל דא בלויז קאנסטאטירען דעם פאקט, אז שטיק־ארבייט איז געווען די אורזאכע פון פיעלע איבלען אין דער נידעל אינדוסטריע און ניט ווייניגער אורזאכע פאר די כראנישע סטרייקס, וואס זיינען אזוי אפט פארגעקומען אין די זאגענאנטע „אידישע טריידס".

אז שטיק־ארבייט וועט אייביג ניט קענען הערשען אין דער שניידער אינדוסטריע, דאס האבען געוואוסט די, וואס פארשטעהען די געזעצע פון דער ענטוויקלונג. זיי האבען געהאפט, געווארט ביז די צייט וועט קומען ווען אויך די רענק און פייל פון דער שניידער־אינדוסטריע וועלען נעהמען פארשטעהן ווי שעדליך שטיק־ארבייט איז פאר זיי. און די צייט איז געקומען.

„מיט א יאהר וואכען צוריק איז אין ארטש סטרים טעאטער פארגעקומען א ריעזיגער מאסען־מיטינג, וואו די פראגע איז באשפראכען געווארען. ביי דיעזען מיטינג האט מען ערשט געקענט זעהן ווי שטארק דער פארלאנג איז ביי די היגע קלאוק־מאכער באפרייט צו ווערען פון דעם שקלאפישען סיסטעם וואס הייסט שטיק־ארבייט.

ביי דיעזער געלעגענהייט וועט זיין אין פלאץ איבערצוגעבען דעם פאלגענדען אויסצוג פון א ליעפלעט, וועלכען די יוניאן האט ארויסגעלאזט וועגען דיעזער פראגע:

„20 יאהר צייט זייט אונזער אינדוסטריע האט אנגעפאנגען צו בליהען. 20 יאהר צייט איז פאראיבער ווי ביי די בליהענדע אינדוסטריע אונזערע האבען מיר פיעלע קרבנות געבראכט צו פארבעסערען אונזער לאגע.

20 יאהר איז פאראיבער, וואו מיר האבען אוועקגעגעבען אונזער בעסטע צייט, כחות און אונזער יוגענד צו באקליידען די מענשהייט.

20 יאהר זיינען אוועק וואו מיר טרייען שטופענווייז אונזער לאגע צו פארבעסערען און וויפיעל עס זאל אונז ניט געלינגען זיינען מיר. געבליבען שטעהן ניט בעסער און ניט ערגער ווי מיט 20 יאהר צוריק.

20 יאהר איז פאראיבער, וואו מיר ארבייטען אונטער א סיסטעם פון שקלאפעריי, א סיסטעם פון כאפעניש, ביי וועלכען פיעלע הונדערטע פון אונזערע שוועסטער און ברידער האבען זייער הארץ און לונגען פארלארען, א סיסטעם פון באנדעלס וועלכע מאכט דאס לעבען ביטער. אז אן ארבייטער קומט אפילו אהיים ביינאכט חלומ'ט ער אין שלאף וועגען דעם באנדעל, א סיסטעם וועלכער ליגט שוין אין הארצען ביי א גרויסען טייל פון אונזערע שוועסטער און ברידער פאר פיעלע יאהרען און עס פלאגט זיי דער געדאנק ווען וועט שוין קומען די צייט ווען דער באנדעל וועט זיין א זאך דער פארגאנגענהייט.

שוועסטער און ברידער, יעצט איז געקומען די צייט צו באפרייען זיך פון אונזער 20 יאהריגע שקלאפעריי. מיר האבען אויסגענומען די פראגע פון וואך־ארבייט און 44 שטונדען און מיר געהען די פראגע דורכפיהרען."

אורטיילענדיג פון דעם אנפאנג פון דער באוועגונג איינצופיהרען וואך־ארבייט אין דעם היגען קלאוק־טרייד, קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז דיעזע באוועגונג וועט געקרוינט זיין מיט א שנעלען ערפאלג."

מיר קענען בלויז צוזעצען, דאס ניט נאר האפען מיר, זאנדערן מיר זיינען זיכער, אז די באוועגונג וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג. ווארום איז דען פאראן עפעס א גרונט, אז די פילאדעלפיער קלאוקמאכער זאלען בלייבען ארבייטען אונטער דעם אלטען, אפגעלעבטען, שקלאפישען שטיק־סיסטעם, ווען די קלאוקמאכער פון אלע אנדערע שטעדט ארבייטען פון וואך? איבערהויפט נאך, ווען דער נייער ארבייטס־סיסטעם האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אזא ערפאלג און די ארבייטער, וועלכע ארבייטען אונטער דעם נייעם, וואך־ארבייט סיסטעם זיינען אזוי שטארק צופרידען. מען קען זיכער זיין, אז אויך די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיע וועלען ניט רוהען, ביז וואך־ארבייט וועט איינגעפיהרט ווערען מיט אן אנשטענדיגען מינימום־וויידזש סקייל, די ארבייטער זאלען קענען מאכען א בכבודנען לעבען, אונטער מעהר מענשליכע ארבייטס־באדינגונגען.

* * *

ווי אונזערע לעזער וויסען שוין, האבען זיך אונזערע ניו יארקער לאקאלס אונטערנומען צו העלפען שאפען דעם הונדערט טויזענד דאלאר פאנד פאר דער סאציאליסטישער פארטיי, צו באקעמפען די רעאקציע, וואס בושעוועט דא נעגען דעם פרייען געדאנק. פאר דעם צוועק ווערען געזאמעלט געלדער אויף סובסקריפשאן־ליסטען אין די קלאוק שעפער און אין די ווייסט און דרעס שעפער פון לאקאל 25. אונזער סעקרעטער, ברודער אב. באראף, איז דער טרעזשורער פון דעם פאנד.

וואס אנבאלאנגט די קאלעקשאנס אין די קלאוק־שעפער, האלט שוין די סומע, ווי עס איז פארעפענטליכט אין די קוויטירונגען אויף א צווייטען פלאץ אין דער צייטונג, ביי 1910.18 דאלאר.

פון די קאלעקשאנס אין די ווייסט און דרעס שעפער פון לאקאל 25 האט די ווייסט און דרעס מאכער יוניאן ניט לאנג צוריק צוגעשיקט דעם ערשטען טשעק פאר טויזענד דאלאר און אט וואס דער ניו יארקער „פארווערטס" האט לעצטע וואך וועגען דעם געשריבען:

„די ליידיעס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25 פון דער אינטערנעשאנאל האט זיך אפגערופען מיט איהר ערשטען גרויסען שאס.

זי האט געשיקט, אלס איהר ערשטע איינצאהלונג צו דעם הונדערט טויזענד דאלאר פאנד, א טשעק אויף טויזענד דאלאר!

דאס געלד איז געזאמעלט געווארען אין די שעפער אויף סובסקריפשאן־ליסטען. און וויכטיגער נאך ווי עס זיינען די טויזענד דאלאר, איז דער פאקט, אז הינטער די טויזענד דאלאר שטעהען מעהר ווי טויזענד מענשען!

איבער טויזענד ארבייטער מיידלעך און ארבייטער מענער האבען די טויזענד דאל. ביינעשטייערט, און יעדער דאל. איז א פראטעסט נעגען דער רעאקציע, וועלכע דער פאנד וועט זוכען צו באקעמפפען.

טויזענד דאלאר און, יעדער דאלאר איז א פראטעסט!

דער טשעק פון דער ליידיעס ווייסט מייקערס יוניאן שטעלט מיט זיך פאר טויזענדע פראטעסטען נעגען אונטערדריקונג, נעגען פארפאלגונגען, נעגען דער פינסטערע, אמעריקאנישער רעאקציע.

און דאס איז בלויז דער אנפאנג.

גענאסע שעהנהאלץ, דער פארשטעהער פון דער ליידיעס ווייסט מייקערס יוניאן, האט ערקלעהרט, אז ער איז זיכער, אז אלע שעפער וועלען זיך אפרופען, אז די ליידיעס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן וועט זיך ערשט אויסצייכענען אין דעם דרייוו.

בראווא, ווייסט און דרעסמייקערס! מיר האפען, אז אנדערע ארבייטער וועלען נאכמאן אייער ביישפיעל."

* * *

עס איז געווען אמאל א צייט, ווען די דעזיינער אין קלאוקס טרייד זיינען געווען גאנצע מיוחסים, ווען זיי האבען זיך גאר ניט באטראכט אלס ארבייטער. יענע צייטען זיינען שוין אבער לאנג פארשוואונדען. דער דעזיינער איז איצט אין שאפ אן ארבייטער, גלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער. דער אונטערשייד איז בלויז דער: ניט האבענדיג קיין שטארקע יוניאן ווערט ער מעהר עקספלואטירט, ווי די קלאוקמאכער, וועלכע זיינען יא ארגאניזירט. פיעלע דעזיינער זעהען דאס שוין איין און די דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45 פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואקסט און פארגרעסערט זיך.

וועגען דער פראגע איז מיט א קורצער צייט צוריק ערשינען אן ארטיקעל אין דעם ניו יארקער „פארווערטס", פון ל. לאנגער, דער סעקרעטער פון דעם ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„אזוי ווי נאך א לאנגען שלאף האבען די דעזיינערס אין דער ליידיעס גארמענט אינדוסטריע עטליך באגריפען, אז זיי זיינען לוין ארבייטער און אלס אזעלכע מוזען זיי זיין ארגאניזירט. פריהער האבען זיי דעם פאקט ניט אנערקענט.

איידער די קלאוקמאכער זיינען געווען ארגאניזירט, איז דער דעזיינער געווען דער יעניגער, וואס האט געמאכט די פרייזען מיט די ארבייטער אין שאפ. וויפיעל ער האט געזאגט, האט „משה" צוגעשטימט. א דעזיינער, וועלכער האט געהאט די פעהיגקייט צו סעטלען וואס בילינער מיט די ארבייטער, דיעזער האט זיך שוין געשאפען א נאמען צווישען די מאנופעקטשורערס אין מארקעט. מאנופעקטשורערס האבען זיך פאר איהם געשלאגען אום איהם צו קריגען. פון קיין געלט איז קיין פראגע ניט געווען. וויפיעל דער דעזיינער האט זיך געהייסען צאהלען, האט מען איהם געצאהלט.

גלייך ווי דער קלאוקמאכער איז צוריקגעקומען אין שאפ אריין אלס אן ארגאניזירטער ארבייטער מיט א יוניאן בוך אין זיין פאקעט, האט דער דעזיינער באלד זיין איינפלוס איבער איהם אין שאפ פארלארען. די יוניאן האט באלד באשרענקט זיינע רעכטע. דאס רעכט וואס ער האט געהאט צו דינגען אדער אוועקשיקען אן ארבייטער פון שאפ האט ער באלד פארלוירען. אין דער פראגע פון פרייזען האט די יוניאן מיט דעם מאנופעקטשורער געהאט צו טאן און ניט קיין דעזיינער אדער פארמאן פון שאפ. אונטער אזעלכע אומשטענדען האט די פירמע דעם דעזיינער גאנץ אנדערש אנגעפאנגען צו באטראכטען. א דאנק דער יוניאן האט די פירמע איהם אנגעפאנגען צו באטראכטען אלס א געוועהנליכען ארבייטער און אלס אזעלכער איז ער געווארען אויס פריווילעגירטער. דער דעזיינער היינטיגען טאג שפיעלט ניט מעהר די ראלע אין שאפ וואס ער האט אמאל געשפיעלט. ער איז היינט אן אמת'ער פראלעטאריער. מיט דער שער ביי זיין טיש מוז ער פראדוצירען א טאג ארבייט גלייך ווי דער אפערייטאר, פינישער און די אנדערע ארבייטער אין דער פעקטארי.

מיט דעם געבוי פון דער קלאוקמאכער יוניאן איז געבוירען געווארען א נייער דעזיינער. ער איז א מענש, וואס פארשטעהט זיינע אינטערעסען. דער עקאנאמישער דראנג האט געענדערט זיין בליק, זיין ארט דענקען. ער פארשטעהט אז אום ער זאל זיך קענען פארבעסערען זיין לאגע קען ער זי זיך ניט פארבעסערען מיט זיין אייגענעם כוח, נאר ער מוז האבען די מאראלישע שטיצע פון זיינע מיט־מענשען אין שאפ.

די אומשטענדען האבען דעם דעזיינער זיינע אויגען געעפענט. די פארבעסערונגען, וואס די קלאוקמאכער האבען געוואונען, האבען דעם דעזיינער איבערציינט, אז ער מוז האבען א יוניאן, ווען ער וויל מאכען א לעבען ביי זיין טרייד.

דעזיינערס זיינען שוין אנגעשלאסען אן אונזער אינטערנעשאנאל. די מענשען, וואס שטעהען אן דער שפיצע פון דער ארגאניזאציאן, באהויפטען, אז אין דעם דעזיינער טרייד געפינען זיך מעהר פון פופצעהן הונדערט דעזיינערס. ווי נור דער טרייד וועט זיין פעסט ארגאניזירט, וועלען זיי שטעלען פאדערונגען צו די באסעס.

די דעזיינערס, וואס האבען זיך נאך ניט אנגעשלאסען אן דעם לאקאל, זאלען זיך וואס שנעלער אנשליסען, מיט דעם, וואס זיי שטעהען אויסזייד, מאכען זיי בלויז זייער לאגע ערגער און ניט בעסער."

עס איז שוין צייט, כ'לעבען, דאס די דעזיינער פון דער קלאוקס אינדוסטריע זאלען זיך צוהערען צום רוף פון זייער יוניאן. זיי קאנען בילדען א מעכטיגע ארגאניזאציע און זיך באדייטענד פארבעסערען זייער לאגע. עס קאן זיין, אז עס זיינען נאך דא דעזיינער, וועלכע האלטען זיך פאר „קינצלער" און מיינען, אז עס פאסט זיי ניט צו באלאנגען צו א יוניאן. אבער אקטיארען, שרייבער, ארטיסטען, זיינען גרעסערע קינסטלער און דאך באלאנגען זיי צו זייערע יוניאנס. אויב דאס שטעהט אן די אקטיארען און אנדערע קינסטלער מעג עס אנשטעהן די דעזיינער. אנראי און אודאי.